STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08568

MENSHEN UN GESHEHNISHEN

David Isaiah Silberbusch

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דוד ישעיהו
זילבערבוש

מענשען
און
געשעהנישען

I.

זכרונות פון מיין יוגענד־צייט

II.

בלעטער פון מיין פנקס

פערלאג
פון
„ליטעראטור
פריינד"

D. J. SILBERBUSCH

MENSCHEN UND GESCHEHENISSE

Verlag »Literatur Freunde«, Wien, XX., Wallensteinstraße 25
Druck: Appel & Co., Wien, IX., Liechtensteinstraße 21
MADE IN AUSTRIA

I.

זכרונות פון מיין יוגענד־צייט

דֶעם קְלוּגֶען אוּן גוּטֶען ייד

בָּרוּךְ (בֶּערְנַארְד) זֶעמֶעל — ניוּ־יָארְק

אִין הַארְצִיגֶער חַבֶר'שַאַפְט

אַ מַתָּנָה.

.I

א מומחה אין „טערפקע" מליצה.

...אין זאַלישטשיק, אין דעם גאַליציישען שטעטעל וואו איך בין געבוירען און אויפגעצויגען, זיינען אין מיין בחור־צייט פאַרהאַנען געווען כל־ערליי מינים יידען.

דאָס רוב בעלי־בתּישע חסידים און חסידישע בעלי־בתּים. דאָס מיינט קלויז־חסידים וועלכע זיינען איינמאָל אָדער צוויי מאָל אים יאָהר געפאָהרען אויף אַ שבת אָדער אויף ראש השנה צו רבי׳ן, ווער קיין סאַדיגורא, ווער קיין טשאָרטקאָוו, ווער קיין הוסיאטין און ווער קיין וויזשניצע. און בית־המדרש־בעלי־בתּים וועלכע זיינען ניט „געפאָהרען" אָבער פונדעסטוועגען האָבען זיי זיך „אַריינגעכאַפּט" מיט אַ „קוויטעל" צום רבי׳ן ווען ער איז גראָד געקומען אויף אַ שבת אָדער דורכגעפאָהרען זייער שטעטעל.

אפילו די בעלי מלאכות האָבען געהאַט זייערע קליינע רבי׳לעך, וואָס ווען איינער פון זיי איז געקומען אויף אַ שבת איז ער איינגעשטאַנען ביי זיי׳ערן אַ „פּני", ביי שמחה, דעם פּריצישען סטאָליער אָדער ביי „קהליק" דעם בעקער, וועלכער האָט שבת ניט גערעדט קיין דברי חול און ס׳איז אויף איהם געווען אַ גאָט׳ס רחמנות ווען ער האָט געמוזט אַרויסהיקען עטליכע הילצערנע צוקאַליטשעטע לשון־הקודשי־דיגע ווערטער, זיינען זיי, די האָראָפּאַשנע בעלי מלאכות, געקומען פרייטאָג־צו־נאַכטס און שבת־מיטאָג צו זיין „טיש" און זיי האָבען זיך נאָך שבת ביי איהם „געפּראַוועט".

ס׳איז אָבער אויך פאַרהאַנען געווען אַ קליינע כנופיא פון „האַלבּ־דייטשען" וועלכע האָבען זיך באַלעקט די פינגער פון „די רואינען פון

וואָלניי" און פון ביכנער'ס „קראַפט און שטאָף", פונדעסטוועגן זיינען זיי יעדן שבת און יום טוב געקומען דאַווענען אין גרויסן בית המדרש, אָנגעטאָן אין ווײַדענע קאַפּאָטעס און מיט שמאָלע שטרײַמלעך אויפ'ן קאָפּ, און ערב תשעה באב פאַרנאַכט האָט מען זיי געזען גיין צו די „קינות" מיט פאַנטאָפל אויף די פיס און מיט אַ זאַק אונטער'ן אָרעם.

ס'זיינען אויך געווען צוויי יידישע דאָקטוירים, וואָס „זיי מעגן אַלצדינג" און סתם עטליכע מה-יעשה'ניקס, הפקר-מענטשן, וואָס מיינט ניט בלויז אַז ביי זיי איז אַלצדינג שוין „הפקר-פּיעטרושקע" אָבער די יידן אין שטעטל האָבן זיי אויך שוין „מפקיר" געווען. — מיט זיי טאָר מען ניט זאַטשעפּען. זיי זיינען „חבר מיט די פּריצים"...

נאָר צוויי מינים פון יידן האָבן געפעהלט אין מיין שטעטל א) דאָס מין פון לומדים-מתנגדים, וועלכע זאָלן פאַרפיהרן אַ מחלוקת איבער יאָ-זאָגן און ניט-זאָגן „ויצמח פורקניה" ב) דאָס מין פון לשון-הקודש'דיגע משכילים וועלכע זאָלן דוקא וועלן „די בלינדע זעהענדיג מאַכען".

פון דער, אין יענער צייט שוין געשאַפענער, אַזוי-גערופענער, ניי-העברעאישער און ניי-יידישער ליטעראַטור, האָט מען אין זאַלישטשיק וויינִיג-וואָס געוואוסט. קיין שום ספר'ל פון די נייע ספרים'לעך איז גאָר ניט געווען בנמצא. נאָר דריי נגידישע בחורים'לעך האָבן עטליכע וואָכען נאָכאיינאַנד באַקומען דעם „המגיד" פון ליק, ווען יעדער פון זיי האָט פאַר אַ אַנדערער וואָך באַשטעלט אויף זיין נאָמען אַ „פּראָבע-נומער", און דערנאָך האָבן זיי אַוועקגענומען די האַנד פון'ם האַרץ, אָנגעטאָן זיך אַ כח, צונויפגעלייגט אַ פּרוטה צו אַ פּרוטה, און אַלע דריי בשותפות האָבן אויסגעשריבען דעם „המגיד" אויף דריי חדשים.

האָבן זיי, די דריי נגיד'ישע בחורים ,דעם בשותפות'דיגען „המגיד" ניט בלויז פּשוט געלייענט, אָבער גאָר ג ע ל ע ר נ ט מדאָשקע לדאָשקע, פונ'ם „ועל המדינות בו יאמר" ביז צו דער לעצטער שורה פון די „מודעות". און ווען זיי האָבן אַמאָל צווישען זיך געהאַט אַ וכוח איבער דעם פּשט פון אַ שווערער לשון-הקודש'דיגער מליצה האָבן זיי זיך „אַריינגעכאַפּט" צום קאַסירער פון דער בראָנפען- און- ביער

פראָפּעסאַציע, צו דעם בוטשאַטשער ייד וועלכער האָט געהאַט אַ שם אין שטאָט פאַר אַ בעל תנ"ך, אויף צו הערען פון איהם זיין „חות דעת". אָדער — גאָר צו מיר אין דער סאַדיגורער קלויז אַריין.

איך בין ניט אויסען מיך דערמיט צו באַריהמען, אָבער איינער פון די דריי „וואויהל-קענעוודיגע" בחורים איז געווען מיינער אַ נאָהנטער קרוב פון טאַטעס צד. ס'דאַרף אויך איהם צום כבוד געזאָגט ווערען אַז ער, דעם נגידס אַ זוהן, האָט זיך פונדעסטוועגען מיט מיר, דעם אָרעמען לומדישען קלויז-בחור, ממש געצאַצקעט. און ער איז דאָס געווען, וועלכער האָט אויף מיר „אויסגעטראַכט אַ בלבול" אַז איך בין אַ גרויסער מומחה אין טערפקער מליצה.

*

אייגענטליך יאָ אַ בלבול און ניט קיין בלבול.

יאָ אַ בלבול:

מיין דרדקי- און חומש-מלמד האָט מיט זיינע תלמידים יעדע וואָך ניט מעהר געלערנט ווי די ערשטע פסוקים פון דער ערשטער פרשה אויס דער וואָכענדיגער סדרה. און נאָר מיט זיינע „בעסערע אינגלעך", צו וועלכע ער האָט מיך אויך געצעהלט, האָט ער אויך אַמאָל אָפּגעדזיבעט פיצינקע שטיקלעך פון דער רש"י.

מיינע גאַליציש-חסידישע גמרא- און פוסק-מלמדים האָבען אפילו יאָ אין אַ דאָנערשטאָג-נאָכמיטאָג, נאָך דעם פאַרטיג-ווערען פונ'ם וואָכענדיגען „שיעור", אין איילעניש „פאַרטייטשט" די גאַנצע סדרה, אָבער די בין-הזמנים'דיגע סדרות, וואָס מיינט אַזוי גוט די אָנהויב און סוף-ווינטערדיגע ווי די אָנהויב- און סוף-זומערדיגע סדרות, די סדרות פון די וואָכען אין וועלכע מ'איז פריי פונ'ם „חדר", זיינען כמעט תמיד געבליבען אָהן אַ פאַרטייטשונג. און — דאָס זיינען דוקא סדרות ווי „בראשית", „האזינו" און „ברכה", וועלכע דאַרפען מעהר ווי פאַרטייטשט ווערען...

איז עס אפילו איינמאָל ביי מיר גאָר אַנדערש געווען: איך האָב אין איין ווינטער געלערנט ביי אַ בראָדער גמרא-מלמד. דאָס איז געווען אַ הויכער ייד ווי אַ דאָמב, אַ ייד מיט ברייטע פלייצעס, מיט אַ שוואַרצער געדיכטער באָרד און מיט לאַנגע געדיכטע ברע-מען. — איז דער בראָדער גמרא-מלמד געווען אַ חדוש'ליכער פאַר-

שוין. די גאַנצע וואָך, ביים גמרא־לערנען ,איז ער שטרענג, האַרט. דאַכט זיך ווי אַ אויף־דער־גאַנצער־וועלט־אָנגעברוגזטער. אָבער פרייטאָג פאַרמיטאָג איז זיין גאַנצע צורה אַ איבערגעאַנדערשטע, אַ קינדיש־ווייכע. דעמולט לערנט ער מיט זיינע תלמידים די נגינה ביים לייענען די תורה. האָט מען געמעגט קומען פון דער גאַנצער וועלט הערען זיין שפּיציגען דרעה ביי „מרכא־טפּחא־אתנחתא" און זיין קיילעכדיגען טרילער ביי אַ „שלשלת". און — ממש אַ איבערגעביטענער איז ער צוויי מאָל אים יאָהר. איינמאָל ווען ער קומט צו אין דער סדרה „ויחי" צו דעם „ואני" און ער זינגט אויס מיט זיין ברייט קול דעם „און איך יעקב האָב מיך מיט דיין מאַמע רחל ניט אַזוי נוהג געווען. וואָס דען?! בבואי, ווען איך בין געקומען פון פדן ארם..." און דאָס צווייטע מאָל ווען ער לערנט פאַר פסח מיט זיינע תלמידים „שיר השירים", וואו ער לאָזט הערען זיין ווייך־קנאַקעדיגען נגון ביי דער ליבשאַפטס־דערקלערונג פון זיין ליבען נאָמען צו זיין געליבטער כנסת ישראל.

ער, דער בראָדער גמרא־מלמד, לערנט דוקא יאָ אַ שעה אין טאָג מיט זיינע תלמידים די וואָך־סדרה. איז אָבער דערביי אַ אַנדערע צרה: זאָגען זאָגט מען אויף איהם אין שטאָט אַז ער האָט אַ שטאַרקע ידיעה אין דקדוק. אָבער — ער איז גאָר „פאַרנאַרט" אינ'ם „אור החיים" און אינ'ם „באר מים חיים", און ער קוועטשט און קנייפּט אַזוי לאַנג יעדען פסוק ביז ער קומט ביי איהם אַרויס אַ צודריקטער, אַ צוקאַליטשעטער, מיט ברוינע־בלאָהע צייכענישען...

און פיינד האָב איך איהם — ווייל ער איז אַ ווילדער כעסן.

די תלמידים ריהרט ער אפילו קיינמאָל ניט אָן. אַדרבה. אָפטמאָל, מייסטענס ביי אַ „סוף־זמן" ליובעוועט ער זיי גאָר. אָבער דערפאַר לאָזט ער אויס זיין גאַנצען כעס צו זיין אייגען ווייב און צו זיין אייגען בני־בית. — בין איך איינמאָל דערביי ווי ער שלאָגט ניט־דערבאַרמענדיג זיין צוועלף־יעהריג טעכטעריל, דאָס שעהנע אסתר'ל מיט דעם געקרייזעלטען קעפּאַלע און מיט די אויסגעפילטע רויטע בעקאַלעך. און ווען זי בעט זיך ביי מיר ממש מיט די אויגען זי אָפּצוראַטעווען פון זיינע הענד ווער איך איהם אַ „דם שונא". און —

סוף־ווינטער פאַר׳עקשן איך מיך בשום אופן ניט מעהר צו געהן אויף דעם צווייטען „זמן" אין זיין „חדר".

וואַנדער איך פון מלמד צו מלמד. איז עס מיט דעם „חומש", וואָס מיינט חמשה חומשי תורה, ווי אַזוי ס׳איז שוין. פאַרטייטשט איינער מעהר און דער צווייטער ווייניגער. דערפאַר אָבער האָט מיינער אַ גאַליציש־חסידישער פוסק־מלמד קיינמאָל ניט געלערנט מיט זיינע תלמידים דאָס וואָס מ׳רופט אָן „פסוק" און מיינען מיינט מען נ״ך, נביאים און כתובים.

„פסוק־לערנען" איז אפשר אַ ענין פאַר שטומפּיגע קעפּ אָבער ניט פאַר אינגלעך וועלכע דאַרפען ווערען למדנים.

דאָס איז געווען ביי די מלמדים אין זייערע חדרים. און „אין קלויז" האָבען די לומדישע בחורים אַ ודאי און אַ ודאי ניט געלערנט קיין „פסוק". אפילו „מעביר זיין די סדרה" און אפילו צוהערען זיך צו קריאת התורה האָט זיך אַ קלויז־בחור קיינמאָל ניט פאַרגינען. ס׳איז אַ שאָד יעדע מינוט. „אויף דעם אָרט וואו ס׳דאַרף אַריין גראָז זאָל בעסער אַריין פליייש און פיש". ס׳איז גלייכער אין דערזועלבער צייט אָפּצולערנען אַ שטיק „שער המלך" אויפ׳ן רמב״ם אָדער „אַריינצוקוקען" אין דעם „שאגת אריה".

פונדעסטוועגען דאָך ניט קיין בלבול:

תנ״ך האָב איך אַליין דעמולט אויך ניט באַטראַכט פאַר אַ לימוד. פונדעסטוועגען האָב איך שוין דעמולט געהאַט אַ באַזונדערע „שוואַכקייט" פאַר „פסוק". ביי קריאת התורה האָב איך אָפטמאָל מיט גרויס כונה אַריינגעקוקט אין דער „הפטורה" און משונה׳דיג הנאה געהאַט פון יעדער שענער מליצה. איך האָב זי מיר עטליכע מאָל איינגעחזר׳ט אויף צו בלייבען ביי מיר אין זכרון.

ס׳האָט זיך אפילו אַמאָל מיר געטראָפען ביים „ברכי־נפשי־זאָגען", אין אַ פשוט׳ן ווינטערדיגען שבת׳נאָכמיטאָג, אַז איך האָב פּלוצים דערפיהלט אַ מחיה־נפש׳דיגע וואַרמקייט. אָט פלאַמען ביי מיר די באַקען און באַלד בלאָזט אויף זיי אַ קיהל ווינטאַלע. גלעט זיי און לאַשטשעט זיי...

ערשט היינט איז עס פאַר מיר קלאָר אַז איך בין פון תמיד אָן אַנדערש געווען פון מיינע חברים, די חסידיש־לומדישע קלויז־

בחורים. אַנדערש ווי זיי האָב איך אין מיר ממש אַ ר י י נ ג ע ז אַ פּ ט די פינף מגלות, וועלכע ווערען איינציג-ווייז געלייענט אין פאַרשידענע צייטען פונ'ם יאָהר. אַנדערש ווי זיי האָב איך „געזאָגט" די „ציונ'ס" פון רבי יהודה הלוי און דעם „כתר מלכות" פון רבי שלמה בן גבירול. און — אפילו אַנדערש ווי זיי האָב איך געלייענט די מליצה'-דיגע הקדמות צו די גאונ'ישע ספרים.

און נאָך איינס איז זיכער אַז נאָך איידער איך האָב ג ע ל ע ר נ ט תנ"ך בין איך שוין געווען אַ ניט-קליינער בקי אין פסוקים. איך האָב געוואוסט אַז דער און דער פסוק געפינט זיך אין דער און דער הפטורה, צו דער און דער סדרה, אָדער אַז דער און דער פסוק ווערד געבראַכט אויף דעם און דעם דף און אויף דעם און דעם עמוד פון דער און דער מסכתא.

*

אויב אַזוי אָדער אַזוי איז מיין נאָהנטער קרוב, דער נגידישער בחור, כמעט קיינמאָל מיט מיר ניט מבויש געוואָרען ווען ער איז גע-קומען מיט זיינע חברים ביי מיר פרעגען אַ פשט אין אַ קשה'דיגען „המגיד".

*

ס'דאַרף אויך דערצעהלט ווערען אַז ביי מיר האָט זיך אין יענער צייט — איך בין דעמולט אַלט געווען ניט גאַנצע פערצעהן יאָהר — געטראָפען אַ טרעפעניש פון וועלכעם איך אַליין בין איבער מיר אַליין נתפעל געוואָרען:

איינמאָל אין דער „ניתל נאַכט", ווען מ'טאָר ניט לערנען, בין איך געווען פאַרבעטען צו מיין נאָהנטען קרוב, צו דעם נגיד'-ישען בחור, ביי איהם אין זיין חדר צו פאַרברענגען דעם אָבענד. זיצט ער מיט זיינע חברים, די נגיד'ישע בחורים, און מ'שפּילט אין „קוויטלעך". אָבער איך טרעף אין זיין ספרים-שאַפע דעם „מגדל עוז" פון רבי משה חיים לוצאטו. איז דאָס ביי מיר דאָס ערשטע ספר'ל פון דעם נייעם מין מליצה-ספרים'לעך, וועלכע זיינען ספק-ספר ספק-ביכעל. פסק'ן איך מיר אַליין אַז אויף אַזאַ מין ספר'ל איז ניט חל דער איסור פון לערנען אין דער ניתל נאַכט. — דאָס ווערד אָנגערו-פען „איבערלייענען" אָבער ניט ל ע ר נ ע ן.

זיץ איך אין אַ ווינקעל און לייען און לייען. ניט סתם לייענען. איך שלינג די מליצות און זיי גליטשען זיך אין מיר אַריין. דערזעהט מיין נאָהנטער קרוב, בּיי אַ הפסקה פונ׳ם קוויטלעך־שפּילען, מיך לייענען דעם „מגדל עוז“. וויל ער וויסען אויב איך פאַרשטעה דאָס לשון און בּין משיג דעם ענין. הערט ער מיר צו און קען זיך גאָרניט געטוג פאַרחדוש׳ן. בּיי מיר געהט עס ווי אַ וואַסער. דאָרט וואו ער, דער עלטערער און וואויהל־קענעוודיגער, שטאָלפּערט אויף גרודעס איז עס בּיי מיר גאַנץ גלאַטיג. איך פאָהר ניט אויף „פּוילישען וועג“ נאָר גאָר אויף אַ „קיסר־שטראָס“.

II.

דער זאַלאָזשצער.

... יאָהרען־לאַנג, יאָהר־איין יאָהר־אויס, כמעט תמיד אין דער־זעלבער צייט, אין די טעג פון סוף־אָב און אָנהויב־אלול, איז אַ אַלטער ייד, ביי זיין נסיעה קיין סאַדיגורא צום רבי'ן אויף ימים נוראים, געקומען קיין זאַלישטשיק און דאָרט פאַרבליבען עטליכע טעג. אַמאָל גאָר עטליכע וואָכען.

אין זאַלישטשיק האָט קיינער ניט געוואוסט ווי אַלט דער דאָזיגער ייד איז. דאכט זיך אַז מ'האָט אביסעל מגזם געווען. עלטערע יידען, שוין באַלד אַליין זיידעס, האָבען דערצעהלט אַז זיי קענען איהם נאָך זייט זייער בחור'שאַפט אין דערזעלבער היינטיגער צורה. דיזעלבע געדיכטע און ברייטע גרייז־גראָהע באָרד, דאָסזעלבע מיט האָר באַוואַקסענע פנים און דיזעלבע לאַכענדיגע קליינע שוואַרצע אויגאַלעך, וועלכע שליסען זיך ביי איהם אָפטמאָל צו ווען ער איז אַ פאַר'מחשבה'טער און ביים ווידערעפנען גלאַנצען זיי אויסטערליש.

אין זאַלישטשיק האָט דער אַלטער ייד ניט געהאַט קיין קרוב, קיין גואל. קיינער האָט ניט געוואוסט און אויך ניט משתוקק געווען צו וויסען ווער און וואָס ער איז. ס'איז גאַנץ גענוג געווען צו וויסען אַז דאָס איז ר' שמואל אברהם דער זאַלאָזשצער, וועלכער האָט נאָך געהאַט די זכיה צו פאָהרען צום אַלטען רבי, צו רבי ישראל'צי ריזשינער, זכר צדיק לברכה, און אַז רבי אַברהם יעק'ניו, דער עלטעסטער זוהן און דער ממלא מקומו פונ'ם אַלטען רבי, איז איהם שטאַרק מקרב.

איז דער זאַלאָזשצער ייד, ר׳ שמואל אברהם, אַ חדוש׳ליכער פאַרשוין. אַ ייד אַ למדן מופלג, אַ בקי און אַ חריף. דערבײַ האָט ער אַ זעלטענעם חתוך הדבור. ער פאַר׳כשופ׳ט ממש ווען ער דער־צעהלט וואונדערליכע מעשיות און פעפערט זיי אָפטמאָל צו מיט לאַפּטשענדיגע הלצה׳לעך.

זיינען די טעג, אין וועלכע דער זאַלאָזשצער פאַרווײַלט בײַ אונז יאָהר־איין יאָהר־אויס, כמעט יום־טוב׳דיגע. — מיט אַ „פאַרטרו־קענטען גאָרגעל״ קען דער אַלטער אַ וואָרט ניט אַרויסברענגען. „וואַסער איז קיין משקה ניט. ווען אַ פיש זאָל אַמאָל פאַרזוכען אַבי־סעל בראָנפען וואָלט ער אפשר אויך ניט אַזוי שטום געווען״. — עפּענט אפילו אליעזר דוד דער קמצן מיט ציטערדיגע פינגער זיין בײַטאַלע און קויפט „תיקון״.

האָט דער זאַלאָזשצער ניט בלויז ליב אַ גוט ביסעל משקה, אָבער אויך אַ פעטען ביסען. איז אין זאַלישטשיק זיין באַשטענדיגע אכסניא ביים גרעסטען גביר פון׳ם שטעטעל, בײַ ר׳ יוס׳לע קאָפּלער, וועלכער איז אַליין אַ ייד אַ גאונ׳ישער למדן און אַ טשאָרטקאָווער חסיד. איז דעם גביר׳ס ווייב אפילו ניט קיין „מילדע מחותנת׳טע״. אָבער ווען דער זאַלאָזשצער קומט פאַרגעסט זי אָן איהר קאַרגשאַפט. פאַר איהם זיינען אָנגעגרייט זיינע ליבלינגס־מאכלים: מצה־מעהל־קנייד־לעך צו דער יויך און מיט־לונגלעך־ געפולטע־ קנישעקלעך צום געבראָטענס. דערפאַר קומען זיך אין אַ אויף־דער־נאַכט צונויף דעם גביר׳ס זוהן און שנור׳ס, טעכטער און איידעמעס, און דער זאַלאָזשצער דערצעהלט זיינע בנעימות׳דיגע מעשיות.

חוץ צו ר׳ יוס׳לען, פאַר וועלכען דער זאַלאָזשצער האָט גרויס דרך ארץ, ניט וועגען זיין גביר׳שאַפט אָבער וועגען זיין גאונ׳ישען קאָפּ, און חוץ צו ר׳ יוס׳לעס ווייב, פון איהר מאַנ׳ס כבוד וועגען, זאָגט ער צו אַלע קלויז־יידען, צו יונג און צו אַלט „דו״.

וואָס איז בײַ דעם זאַלאָזשצער שייך צו זאָגען „אַלט״ ווען ער קען כמעט אַלע קלויז־יידען זייט זייער בחור׳שאַפט? און — זייט ווען איהר׳צען זיך דאָס יידען וועלכע פאָהרען צו דעמזעלבען רבי?!

ווען דער זאַלאָזשצער האָט אַמאָל געזאָגט צו אַ קלויז־ייד „איהר״ איז דער קלויז־ייד מבויש געוואָרען אַזוי ווי ער זאָל איהם

האָבען אויסגעבּרענט אַ צייכען אויפן שטערען: אַ סימן אַז ער בּאַ־
טראַכט איהם ניט פאַר אַ גלייכען חסיד מיט די אַנדערע.

*

האָט דער זאַלאָזעצער דוקא ליב זיך צו חבר'ן מיט די לומדיישע קלויז־בּחורים. שעה'ן־לאַנג קען ער אָפּזיצען מיט פאַרמאַכטע אויגען לעבען אַ בּחור און זיך צו איהם צוהערען בּיים לערנען. לערנט דער בחור פאַר איהם אָפּ אַ משנה און די גמרא צו דער דאָזיגער משנה, דאָס פירוש פון רש"י, די תוספות, און די חריפות'דיגע אויפטהועכצען פונ'ם מהרש"א, פונ'ם מהרש"ל און פונ'ם מהר"ם שיף. און ערשט ווען דער בחור ענדיגט זיין „שיעור" עפנען זיך בּיי איהם, בּיים זאַלאָ־זעצער, זיינע לאַכענדיגע אויגען און מיט זיין אייגען לשון און אויף זיין אייגענעם אופן ריידעט ער אַרום דעם גאַנצען ענין.

דער זאַלאָזעצער איז ניט גורם דאָס „איינהילען אין אַ ראשי־תיבות־מענטאַלע". ער רופט אָן אַלע גאוני קדמאי און גאוני בתראי בּיי זייערע נעמען. ער ריידעט פון די תנאים און אמוראים, פון רש"י, פון די בעלי תוספות און פון די מפרשים אַזוי ווי פון זיינע נאָהנטע בּאַקענטע, פון סתם יידען־לומדים אין פאַרשידענע דורות.

אין זיין אייגענעם לשון און אויף זיין אייגענעם אופן צו ריידען איבּער די יידען־לומדים אין פאַרשידענע דורות, וועלכע שטעהן פאַר איהם לעבּעדיג מיט אַלע זייערע תנועות און העוויות בּיים אַרוּם־זאָגען פון זייערע קלוגע ווערטער, איז בּאַהאַלטען אַזוי פיל קורבה'־שאַפט און אַזוי פיל ליבּשאַפט צו זיי אַז זייער גרויסקייט וואַקסט און וואַקסט אויס פאַר אונזערע אויגען צו געשטאַלטען פון ריזען. אָבער ער בּויגט זיך ניט פאַר זיי נייערט ער ח ב ר 'ט זיך מיט זיי און איז זיך מיט זיי מ י י ח ס.

און ווען דער זאַלאָזעצער איז מסביר די גאַנצע סוגיא, וואָס דער בחור האָט נאָר־וואָס פאַר איהם אָפּגעלערנט, דאַכט זיך אין פּלוג אַז מ'האָט געהערט פשוט'ע דיבורים. אָבער אויב דער בּחור האָט אָפענע אויערן און אויב ער האָט אַ אָפענעם מוח ווערען פאַר זיינע אויגען פיל האַלפעריגע שטעלען אַזוי גלאַטיג און אַזוי קלאָהר אַז מ'קען זיך אין זיי אָנשפּיגלען.

*

צווישען מיר און דעם זאַלאָזעצער האָט זיך פון יאָהר צו יאָהר אַרויסגעשיילט אַ גאָר אייגען פאַרהעלטעניש:

דאָס וואָס מ׳רופט אָן אַ „עילוי“, בין איך קיינמאָל ניט געווען. „ניט געקענט איינשפּאַנען רבי פּנחס בן יאיר׳ס אייזעל, וועלכעס האָט בשום אופן ניט געוואָלט עסען ניט־גע׳מעשר׳טע תבואה מיט ראובן׳ס אָקס וואָס האָט געשטויסען שמעון׳ס קוה — און מיט זיי פאָהרען אין בארג אַריין“. אָבער אַלט־וייענדיג גאַנצע פערצעהן יאָהר האָבען מיך שוין די עלטערע לומדישע קלויז־בחורים באַטראַכט פאַר זייערס אַ גלייכער חבר. דעם זאַלאָזעצער האָבען זיי שוין אַליין אָנגעוויזען אויף מיר, מיך געלויבט פאַר אַ אינגעל אַ גרויסען מתמיד מיט אַ גוטער תפיסה און מיט אַ שטאַרקען ווילען אַלצדינג צו דערגרונ־טעווען. און — ווען ע ר האָט זיך דאָס ערשטע מאָל ביי מיר אָני־דערגעזעצט מיך צו הערען לערנען, און ווען ע ר האָט מיך דערנאָך אָנגעקוקט מיט זיינע לאַכענדיגע אויגען און מיר שווייגענדיג אַ גלעט געטהון איבער׳ן בעקעל, האָב איך פּלוצים צו איהם דערפיהלט אַ צוגעצויגענקייט פון אַ אייניקעל צו אַ גוטיטשקען זיידע... אָט אָט װעצט ער מיך אויף זיינע שוים און איך קוק צו איהם אַרויף מיט מיינע תמימות׳דיגע ליבליך־קינדישע בליק...“

דער זאַלאָזעצער האָט דעמולט פאַרווילט אין זאַלישטשיק גאַנ־צע דריי וואָכען.

ביי מיר איז ער עפּטערס געזעסען ווי ביי אַנדערע.

מיט מיר האָט ער אויך אַמאָל ל י ב ג ע ה אַ ט צו ש ט י פ ע ן.

די עלטערע בחורים האָבען זיך שוין קיכערנדיג צווישען זיך געשושקעט:

— צוויי ג ל י י כ ע חברים. דער עלטעסטער איד מיט דעם יינגסטען בחור.

III.

איך און ער.

דאָס צווייטע יאָהר איז געווען דעם זאַלאָזעצער׳ס ערשטער גאַנג אין קלויז צו מיין טיש. נאָכ׳ן „שלום־עליכם“ האָט ער זיך באַלד

געוואָלט דערוויסען וואָס איך האָב זייט דער צייט פון זיין פאַר־יאָהריגען אַוועקפאָהרען ביז צו זיין היינטיגען ווידער־קומען געלערנט. האָט ער גרויס הנאה ווען איך גיב איהם איבער אַז איך האָב גע־פאָלגט זיין עצה, אויסצוזעצען צייטען אויף צו לערנען די גמרא סוגיות־וויז מיט די „ראשונים“ און „אחרונים“ כדי אויפצונעהמען אין זיך יעדע סוגיא אין איהר גאַנצקייט.

דערביי בין איך איהם האַלב־שעמעוודיג און גאַנץ צער'דיג מגלה, אַ סוד וועלכען איך האָב באַהאַלטען פאַר אַלע מיינע חברים:

— נאָכ'ן פאַרענדיגען פון דער ערשטער סוגיא קויף איך עט־ליכע בויגען פאַפיר. גיב איך זיי צו אַ איינבינדער אויף מאַכען פון זיי אַ ספר'ל מיט טאָוולען. שרייב איך אויף אויף דעם שער־בלעטעל מיט כתיבה'טע אותיות „חידושי רדי״ז“ (ראשי תיבות: רבי דוד ישעיה, זילברבוש) און שרייב אַריין אַלצדינג וואָס איך „דער אינגסטער צווישען די טויזענדער פון יהודה און דער קליינסטער פון די צעהן־טויזענדער אין ישראל“ האָב אין דער דאָזיגער סוגיא מחדש געווען.— טהו איך דאָסזעלבע נאָך דעם פאַרענדיגען פון יעדער ווייטערדיגער סוגיא.—איז דאָס ספר'ל „חידושי רדי״ז“ שוין כמעט מעהר פון דער העלפט באַשריבען. — ליעגט עס, צווישען דעם פאַרענדיגען פון איין סוגיא ביז צום פאַרענדיגען פון דער צווייטער, באַהאַלטען אין דעם אונטערשטעם שופלאָד פון אונזער קליידער־קאַסטען. — עפען איך פאַר עטליכע וואָכען ווידער דעם שופלאָד, אויף אַריינ־צושרייבען מיינע נייע חידושים, ווערד מיר, מיינע שונאים, פינסטער אין די אויגען. אוי אַ קלאָג! אַלע באַשריבענע בלעטלעך — חוץ דעם שער־בלעטעל מיט די כתיבה'טע אותיות — זיינען אַרויסגעריסען און גראָד די נאָך־לעדיגע זיינען פאַרבליבען ניט אָנגערירט. — האָב איך אַ שוועסטער, אַ מיידעל וועלכע איז אַ ערך פון צוויי יאָהר עלטער פאַר מיר. האָט מיך די דאָזיגע שוועסטער ליב אהבת נפש וועגען מיין תורה־לערנען און איך האָב זי ניט־ווייניגער ליב וועגען איהר תמימות'דיגע צניעות. זעה איך אָבער אויף איהר פנים אַ פלאַטערנדיג שרעקעניש. דערקען איך אַז זי האָט עפעס צו דעם עסק אַ שייכות. איז זי זיך באַלד מיט טרערען אין די אויגען מודה ומתודה: אַלע איהרע חבר'טעס האָבען לאָקען אויף דעם קאָפ. קונציג געמאַכט

זייערע האָר ביסלעכווייז איינגעדרעהט און איינגעקרעמפּעוועט אין שטיקלעך פּאַפּיר. די אַזוי איינגעקרעמפּעוועטע ביסלעך האָר באַהאַלטען עטליכע מעת-לעת כסדר, ביי טאָג און ביי נאַכט הינטער דעם קאָפּ-טיכעל. און ס'איז אַרויס אַ חדוש'ליך געלאָקטער קאָפּ. בכן האָט זי אויך אַזוי געטהון ווי זיי. אָבער — אַזוי ווי זי האָט גערעכענט אַז די ליידיגע בלעטלעך קענען נאָך צו עפּעס צונוץ קומען האָט זי זיך באַנוצט מיט די שוין באַשריבענע.

לאַכט דער זאַלאָזעצער אויף אַ הויך קול:

— דאָס שער-בלעטעל האָט זי ניט אַרויסגעריסען. אַ כשר'ע יידישע טאָכטער. דרך ארץ געהאַט פאַר די כתיבה'טע סידור'ל אותיות. ווען דער „חידושי רדי"ז" וואָלט שוין געווען געדרוקט און זאָל חלילה וחלילה אַראָפּפאַלען אויף דער ערד וואָלט זי, דיין שוועסטער'ל, אַ דערשראָקענע, דאָס ספר'ל אויפגעהויבען און איהם געגעבען אַ האַרציגען קוש... הלואי וואָלטען אַ סך פון אונזערע מחברים געהאַט שוועסטער, וועלכע זאָלען דוקא וועלען האָבען געלאָקטע קעפּ... מיר וואָלטען ביז היינט און פון היינט אָן און ווייטער ניצול געוואָרען פון דעם „ספרים-מבול".

קוק איך איהם אָן פאַרחדוש'ט. ווערד ער פּלוצים ערנסט און זאָגט:

— דו חדוש'סט זיך. ס'טייטש אַזאַ ייד ווי איך בין אַ „מלגלג על דברי חכמים", אַזאַ ייד ווי איך בין מזלזל אין דעם כבוד פון מחברים!... אַ אַנדערן קלויז-בחור וואָלט איך דאָס ניט געזאָגט. אָבער דיר וויל איך און מעג איך דאָס יאָ זאָגען. ניט יעדער וועלכער באַשרייבט פּאַפּיר, גיבט דאָס באַשריבענע פּאַפּיר דעם מדפּיס, און דער „מסדר בקודש" מאַכט דאָס באַשריבענע פּאַפּיר, מיט סידור'ל אותיות אָדער מיט רש"י-כתב, צו אַ ספר'ל, איז אַ חכם... מיר האָבען אַמאָל געהאַט אַ ייד אַ למדן, און דערצו אַ קלוגער למדן, מיט'ן נאָמען אברהם אבן עזרא. דער דאָזיגער ייד האָט געמאַכט אַ פּירוש אויף תורה. דער אַלטער רבי, דער ריזינער, זכר צדיק לברכה, האָט אויף דעם דאָזיגען יידס פּירוש געהאַלטען עולם ומלואו. און דוקא דער דאָזיגער ייד האָט אפילו אַ טהייל פון די אַלטע דרשות ניט

פאַרשווינט. אין זיין פירוש זאָגט ער: יש מדרשים כמשי דקים ויש עבים כשקים" וואָס מיינט „אַ טהייל זיינען ווי זייד פיין־פיק און אַ טהייל ווי אַ זאַק דיק"... אַ אַנדערן קלויז־בחור וואָלט איך דאָס ניט געזאָגט. אָבער דיר ווייל איך און מעג איך דאָס זאָגען: אין דער צייט וואָס דו ביזט דיך „מבטל פונ'ם לערנען" אויף אָנצושרייבען דיינע חדושים וואָלסט דו בעסער געטהון אַריינצוקוקען און „זיך פאַרטיפען" אין דעם קלוגען פירוש אויף תורה, פון דעם קלוגען ייד, וועלכער האָט זיך גערופען מיט'ן נאָמען אַברהם אבן עזרא.

*

פון דעם זאַלאָזעצערם לעצטע ווערטער בין איך דעמולט אַ לאַנגע צייט געווען ווי צורודערט. פאַרשפּירט אין זיי אַ ריח פון מחשבות זרות. חוץ דעם האָב איך געקלערט און געקלערט פאַרוואָס דוקא מיר וויל ער און מעג ער אַזוינס זאָגען וואָס אַ אַנדערן קלויז־בחור וואָלט ער ניט געזאָגט. פונדעסטוועגען — ווען ער איז דאָס צווייטע יאָהר ווידער געקומען האָט ער מיך שוין אָנגעטראָפען אַ ניט־קליינער בקי אין „אבן עזרא" און אַ ניט־שלעכטער דערגרונ־טעווער פון זיינע „סודות".

*

וואָס דער דאָזיגער ייד איז מיר געווען און וואָס איך בין איהם געווען קען איך מיר ביז היינט ניט אויף קלאָהר דערקלערען. איך ווייס נאָר אַז פון יאָהר צו יאָהר איז ביי אונז ביידען דאָס צוגעצוי־גענקייט צו איינאַנדער אויסגעוואַקסען כמעט ביז צו אַ צוגעבונדענקייט. ווען ס'האָט זיך גענעהנטערט די צייט פון זיין קומען האָב איך שוין געפיהלט אַ בענקשאַפט נאָך איהם. און — אָפטמאָל האָט זיך מיר אויסגעדאַכט אַז ער קומט וועגען מיר עטליכע טעג פריהער און פאַר־ווײלט וועגען מיר עטליכע טעג שפעטער.

מ'האָט שוין געוואוסט ניט בלויז אין קלויז אָבער אויך ביי טאַטע־מאַמע אין דער היים אַז דער אַלטיטשקער איז ממש פאַרנאַרט אין מיר. ווען איך בין אין יענער צייט איינמאָל אָבענדס שפעטער אַהיים געקומען, און מ'האָט שוין אויף מיר געוואַרט מיט דער וועטשערע.

האָט דער טאַטע מיט אַ שמייכעל אַ וואונק געגעבען דער מאַמע. דאָס האָט געמיינט: ניש־קשה. פאַרבראַכט מיט זיין „זאַלאָזעצער פעטער"... געתורה'צט מיט איינאַנדער..." און — די מאַמע האָט גאָר אָנגעקוועלט.

IV.

ער זוכט פאר מיר א תכלית.

ביי יעדעסמאָל ווידערקומען האָט דער זאַלאָזעצער „געוואָלט" און „געמעגט" מיר עפּעס אַזוינס זאָגען וואָס אַ אַנדערן קלויז־בחור וואָלט ער ניט געזאָגט. באַלד אַז איך מעג שוין אַריינקוקען אינ'ם „שפע טל" און אינ'ם „פרי עץ חיים" און באַלד אַז איך מעג לערנען „ישעיה" מיט דעם פירוש פון „רבי דוד קמחי". און — איינמאָל, ווען איך בין שוין געווען קרוב צו ניינצעהן יאָהר, האָט ער ניט בלויז געוואָלט און געמעגט מיר עפּעס אַזוינס זאָגען אָבער אויך מיט מיר אַזוינס טהון וואָס מיט אַ אַנדערן קלויז־בחור וואָלט ער עס ניט געטהון. ער האָט מיך געוואָלט „פאַרשדכן'ען".

אין קאַדיבישטש, אַ דאָרף וואָס איז אַ קליינע מייל ווייט פון זאַלישטשיק, איז פאַרהאַנען אַ גרויסע קרעטשמע, וועלכע איז אין יענער צייט אויסגעצייכענט געווען פון אַלע אַנדערע קרעטשמעס אין די אַרומיגע דערפער וועגען איהר שענעם רחבות'דיגען געביי און — ווענען איהר אייגענאַרטיגען אַרענדאַר. וועלכען מ'האָט גערופען מיט דער „ר"": ר' אהרן קאַדיבישטשער.

ר' אהרן, אַ חסידישער ייד, אַ בן תורה און אַ מכניס אורח, האָט נאָך געהאַט אַ באַזונדערע זכיה: יאָהר־איין יאָהר־אויס, אין די ערשטע טעג פונ'ם חודש אלול, ווען דער טשאָרטקאָווער אָדער דער הוסיאַטינער רבי — ביידע דעם ריזינערס זוהן — זיינען געפאָהרען קיין סאַדיגורא אויף זייער פאָטער'ס „ציון", דאָס מיינט אויף קבר אבות, האָבען זיי זיך מתכוון געווען אָנצופאָהרען אָבענדס צו דער קאַדיבישטשער קרעטשמע, דאָרט איבערנעכטיגען און גאַנץ פריה צומאָרגענס גומר צו זיין דעם המשך פון זייער נסיעה — אויף אָנצוקומען נאָך פאַר'ן דאַווענען אויף דעם סאַדיגורער בית עלמין.

פאַרשטעהט זיך ממילא אַז ווען דער טשאָרטקאָווער אָדער דער הוסיאַטינער רבי דאַרף איבערנעכטיגען אין דער קאַדיבישטשער קרעטשמע קומען אַהין דעמזעלבען אָבענד ניט-ווייניגע זאַלישטשיקער חסידים.

מ'ווייסט אַפילו אַז „פּראַוועך" פראַוועט דער רבי אין דער קאַדיבישטשער קרעטשמע ניט. אַזוי איז זיין מנהג פון תמיד אָן. אָבער אויף אַ ערך פון אַ פערטעל שעה באַווייזט ער זיך שטעהענדיג ביי דער אָפענער טהיר פון זיין חדר מיוחד און מ'קען איהם מקבל פנים זיין, אַריינקוקען אין זיין ליכטיגער צורה, און ער שטרעקט פאַר יעדען אויך אויס זיין רעכטע האַנד אויף אָנצוריהרען די שפּיץ-פינגער, וואָס דאָס רופט מען „שלום-געבען".

איז עס שוין אַ דורך-יאָהרען-געהייליגטער-מנהג ביי די זאַלישטשיקער חסידישע בחורים יאָהר-איין יאָהר-אויס אין דעם פאַרנאַכט דוקא עולה רגל צו זיין. דאָס מיינט ניט צו באַנוצען קיין וואָגען נאָר מיטן שטעקאַלע אין דער האַנד געהן צופוס ביז קאַדיבישטש.

זיינען דאָך בחורים, אפילו קלויז-בחורים, פאָרט יונגע מענשען מיט פריש-וואַרם-צאַפּלדיג בלוט. איז ביי זיי דאָס געהן אַ מייל ווייט צופוס אין אַ זומערדיגען פאַרנאַכט איבער פעלדער און וועלדער שוין אַ יום-טוב'דיגער ענין. על אחת כמה וכמה צו פאַרברענגען אַ גאַנצע נאַכט אין אַ דאָרף אונטערן פרייען הימעל, און — אין דער נאָהנט פון'ם רבי'נס פענסטער.

און ווען ביי בחורים איז עס יום-טוב'דיג אויפן האַרץ נעמט זיך צו זיי די גאַנצע נאַכט קיין שלאָף ניט. אויף די פאַר זיי, פונאויסגעשפּרייטע בינטלעך היי, אָנגעגרייטע געלעגער, קענען זיי ניט איינליגען, מ'טרייבט כל'ערליי שטיפעריי. איינגערע בחורים פאַסען אָב די צייט ווען דער פעלד-שומר שלאָפט איין, ווען ער כראָפּעט שוין גאַנץ געשמאַק. פאַר'גנב'ענען זיי זיך אָפצורייסען קוקורוץ-קאָלבען. לעגען זיי אָן אויף אַ אָפגעקאָסעט פעלד אַ פייער און בראָטען זיי. ווערד ביים פאַרטיילען פון די געבראָטענע קוקורוץ-קאָלבען צווישען די בחורים אַ רייסעריי. לאַכט מען אויף אַ הויך קול ווען איינער פון די כאַפּערס ברידט זיך אָפּ. קומט אפילו אַרויס דער אַרענדאַר, ר' אַהרן

קאַדיבישטשער, אַ האַלב-פאַרשלאָפענער, און „בייזוערט" זיך אויף זיי. אָבער ווען אַ בחור לויפט איהם אַקעגען מיט אַ קוקורוץ אין דער האַנד, אויף איהם אַליין מכבד צו זיין, צולאַכט ער זיך און ציהט זיך אַ לאַכענדיגער צוריק אַריין אין זיין שלאָף-חדר.

פאַרשטעהט זיך אויך דאָס ממילא אַז יעדעס יאָהר איז „גם אני בתוכם", בין איך אַ בחור ככל הבחורים. אָבער היי-יאָהר איז דער זאַלאָזעצער גראָד שוין אין זאַלישטשיק. חבר'ט ער זיך מיט מיר מעהר ווי אַלעמאָל, ריידעט ער מיט מיר דאָסמאָל וועגען אַ תכלית. איז ער מיר שוין מרמז וועגען דעם ענין פון „בן שמונה עשרה לחופה"... פאַר'עקשן'ט ער זיך פלוצים אַז איך זאָל מיך היי-יאָהר ניט אָנשליסען מיט די אַנדערע בחורים אויף צו געהן צופוס, אַז איך זאָל מיט איהם מיטפאָהרען אין דער אייגענער בריטשקע וואָס ר' יוס'לע האָט איהם אָפגעגעבען אויף אַרויס צו פאָהרען קיין קאַדיבישטש... וויל ער דוקא אַז צו דער נסיעה זאָל איך מיר אָנטהון אַ „פריש" העמד, אָפגעשוואַרצטע שטיוועל און דעם שבת'דיגען קאַפעלוש:

— ס'איז אַ דרך ארץ זיך צו באַווייזען פאַר'ן רבי'ן לייטיש אָנגעטהון...

קומען מיר אָנצופאָהרען אין ר' יוס'לעס בריטשקע, מיט די צוויי פערד ווי די לייבען, אַ שעה פאַרנאַכט צו דער קרעטשמע. זיינען מיר די ערשטע „צוויי שוואַלבען". לויפען אַרויס אויס דער קרעטשמע, שוין האַלב-יום-טוב'דיג אויסגעפוצט, ר' אַהרן אַליין, זיין פלונית'טע, זייערע צוויי זוהן און זייער טעכטעריל, אָנצוקוקען די צוויי חשוב'ע אָנגעקומענע. דערזעהן זיי דעם זאַלאָזעצער, פרעהן זיי זיך מיט איהם ווי מיט אַ גאָר ליבען אַלטען באַקענטען. און ווען איך קריך אַראָפ פון דער בריטשקע זעה איך אַז דער זאַלאָזעצער האָט זיך שוין געסוד'ט מיט ר' אהרן און זיין פלונית'טע און זיי באַטראַכטען מיך מיט גרויס דרך-ארץ פונ'ם קאָפ ביז צו די פיס. (דאַכט זיך אַז דער אַלטיטשקער איז ביי זיי אויך אַ בן בית, אַז אַזוי אָפט ער פאַסירט ביי זיין נסיעה קיין סאַדיגורא די קאַדיבישטשער קרעטשמע מאַכט ער זיך אויך ביי זיי אַ אכסניא אויף עטליכע טעג. און דאַכט זיך אַז ער האָט זיי שוין אָפטמאָל פון מיר דערצעהלט און מיך פאַר זיי גע-

לויבט.) זעה איך אויך אַז די אַרענדאַרקע בויגט זיך צו צו איהר טעכטעריל און רוימט איהר עפּעס איין אין אויער אַריין. קוקט מיך דאָס טעכטעריל אָן און — ווערד רויט ווי אַ בּאָראַק.

בּין איך היינט אין דער קאַדיבישטשער קרעטשמע אָ גאַנצער מיוחס. ממש דאָס אויבּערשטע פּונ׳ם שטעסעל. פאַר דעם זאַלאָזועצער און פאַר מיר גיבּט מען אָפּ אַ בּאַזונדער חדר מיט צוויי בעטען מעשה מלכות. פאַר דעם זאַלאָזועצער און פאַר מיר בּרענגט מען אַריין אין אונזער חדר אַ וועטשערע כיד המלך. און — דעם צווייטען פריה־מאָרגען, נאָכ׳ן רבּי׳ס אַוועקפאָהרען, בּעט אונז ר׳ אהרן אַליין און ס׳בעט אונז זיין פלונית׳טע צו פאַרבּלייבּען בּיז נאָך דער מיטאָג־סעודה.

*

נאָכ׳ן דאַוונען און נאָכ׳ן אָנבּייסען האָט דער זאַלאָזועצער אַרויס־גענומען אויס דעם אַרענדאַר׳ס ספרים־שאַפּע אַ תנ״ך. און ווען מיר, איך און דער זאַלאָזעצער, האָבּען זיך אַנידערגעזעצט אין דרויסען, אויף אַ בּאַנק פאַר דער קרעטשמע, האָט ער מיר בּאַוויזען זיינע אַ בּאַזונדערע קונץ: ער האָט פאַרמאַכט די אויגען און איך האָבּ אויס־געמישט אַ בּלעטעל אין תנ״ך. האָבּ איך איהם נאָר פירגעזאָגט די נקודות פון אַ פּסוק און ער האָט געזאָגט אויסענווייניג דעם גאַנצען פּסוק און אויך אָנגעגעבּען אין וועלכען ספר און אין וועלכען קאַ־פּיטעל דער פּסוק געפינט זיך.

קען איך מיך ניט געגוג פאַר׳חדוש׳ן: אַ ייד אַ למדן, אַ רמב״ם־ייד, און אַזאַ בּעל תנ״ך!

שמייכעלט ער.

איך דאַרף איהם ניט מעהר זאָגען בּפירוש. ער פאַרשטעהט שוין מיין איצטיגע מחשבה. ער איז בּיי זיך זיכער אַז ווען ער וועט דאָס צווייטע יאָהר ווידער קומען וועל איך איהם וועלען איבּערראַשען מיט מיין בּקיאות אין תנ״ך. און — אפשר אפילו פּרופען איהם בּאַ־ווייזען דיזעלבּע קונץ.

האָט ער פון דעם דאָזיגען געדאַנק אַליין גרויס הנאה. פאַר־שטעה איך ווידער זיין מחשבה און איך שמייכעל.

איז דאָס בײַ אונז בײדע אַ שעה פֿון קורת רוח, אַ שװײַגנדיק הנאה־האָבן פֿון אײנאַנדער...

אָבער — עפּעס מעשה שטן. אַזױ אָפּט איך װער פֿון איהם נתפּעל, אַזױ אָפּט איך קום אַרײַן אין אַ התלהבות, שיט ער מיר, אפשר אָהן כונה, קאַלט װאַסער אױפֿן קאָפּ.

ער טהוט דאָס מיט זײנער אַ העויה װעלכע איז מיר ניט ניחא אָדער מיט זײנעם אַ װאָרט װעלכעס איך האַלט ניט פּאַר פּאַסיג פֿון איהם צו הערען.

אָט דערװעקט זיך בײַ איהם פּלוצים אַ חשק צו קונדס'ישער שטיפערײ:

די גאַנצע צײַט װאָס מיר זײנען געזעסען אױף דער באַנק פּאַר דער קרעטשמע האָט זיך דעם אַרענדאַרס טעכטעריל, אַזױ װי אומישנע, געדרעהט אין דרױסען. באַלד אַרײַן אין דער קרעטשמע און באַלד אַרױס אױס דער קרעטשמע.

דאַכט זיך אַ ציקאַװע מײדעל...

זי קען דעם זאַלאָזעצער און דער זאַלאָזעצער קען זי נאָך פֿון איהר קינדהײט אָן. ניט קוקענדיג דאַרױף װאָס זי איז מיט די יאָהרען אױסגעװאַקסען האָט זי נאָך ביז הײנט ליב מיט דעם „חדוש־ליכען אַלטיטשקען" צו שטיפען װי אַמאָל װען זי איז געװען אַ קלײן מײדאַלע. קױם קוקט ער זי אָן מיט זײנע קלײנע שװאַרצע אױגאַלעך לאַכט זי שױן.

ביז הײנט אַזױ אָפּט דער אַלטיטשקער האָט זיך בײַ זײ באַװיזען איז זי איהם אַקעגען געלױפען מיט אַ קינדישער שמחה. אָבער הײנט?... ער איז ניט אַלײן... זי װאַרפט בגנבה אַריבער אױגאַלעך צו איהם... דאַכט זיך אַז זי װאַרט דאַרױף ער זאָל זי צו זיך צורופען...

און — ער רופט זי צו זיך צו.

ערשט איצט זעה איך זי מיר — אפילו מיט האַלב־אַראָפּ־געלאָזטע אױגען — פֿון דער נאָהנט אָן: אַ מױד װי אַ צימעס, אַ מױד מיט אױסגעפילטע רמ"ח אברים, מיט אַ לענגלעך פּנים און מיט אַ ניש־קשה'דיג לאַנגער נאָז. אַ מױד װאָס — װען מ'זאָל איהר אָנטהון הױזען װאָלט זי געקענט זײן אַ זשאַנדאַר.

דאַכט זיך אַז דער אַלטיטשקער האָט זי אויך ערשט איצט אָנגעקוקט מיט אַנדערע אויגען ווי ביזהער. ווען זי קומט צו איהם צו צו־נאָהנט רוקט ער זיך אָפּ. ער זאָגט שמייכעלדיג:

— דבורה'לע! אַביסאַלע פון דער ווייטענס! איך טאָר ניט שאַרען קיין פייער אין מיין שוים. מיינע פּיס קענען נאָך חלילה אָפּגעברידהט ווערען...

און פּלוצים איבערפאַלט איהם אַ חשק צו קונדס'ווען:

— דבורה'לע — פרעגט ער — ווען מ'זאָל דיר וויזען „נקודות“ וואָלסט דו שוין געקענט זאָגען דעם גאַנצען פסוק?!

לאַכט די מויד. ס'טרייסלען זיך ביי איהר אַלע באַוועגליכע אברים.

ווייס איך אַז זי האָט גאָר ניט פאַרשטאַנען ניט דעם אַלטיטשקענס שאלה און ניט איהר צוויי־משמעות'דיגקייט. און — די לאַכט גאָר ניט צוליב איהם נאָר צוליב מיר...

געפעלט דאָס מיר כלל וכלל ניט פון דעם אַלטיטשקען. אַזאַ ייד, אַ ייד אַ למדן און אַ חסיד, דאַרף זיין אָפּגעהיט פון צו ריידען, און דערצו נאָך אַזוי צו ריידען, מיט אַ „אשה“.

*

פונדעסטוועגען כדי איהם אָנצוטהון אַ נחת רוח האָב איך אין דעם קומענדיגען יאָהר אויסגעזעצט ניט־וויניגע צייטען אויף צו לערנען תנ"ך. און דוקא מיט רבי דוד קמחי'ס פירוש. האָב איך עס שוין אויך אין צוויי קליינע ספרים'לעך פון „תרי עשר“ געבראַכט צו אַ פאַרטיגקייט אויף צו באַווייזען דיזעלבע קונץ ווי ער.

אָבער — אוים דעם שידוך מיט דער קאַדיבישטשער מויד איז גאָר ניט געוואָרען. און דער זאַלאָזעצער איז ניט מעהר געקומען קיין זאַלישטשיק.

מיר האָבען שפּעטער געהערט אַז אין דעם דאָזיגען יאָהר איז ער נפטר — ביי מיר האָט עס געהייסען „נסתלק“ — געוואָרען.

V.

די מאמע און דער זוהן פאהרען אנקוקען א כלה.

...דער זוהן נײנצעהן יאָהר אַלט. סוד׳ט זיך, אין אַ זומערדיגען פאַרנאַכט, דער טאַטע מיט דער מאַמע. ווייסט דער זוהן וועגען װאָס. טאַקע וועגען איהם. זיין עלטערע שוועסטער האָט עס איהם בסוד דערצעהלט. מאַכט ער זיך תמ׳עוואַטע, כלא־ידע.

אויף־מאָרגענס, „כעלות“, דריי אַ זייגער, שטעהט די מאַמע ביי איהר זוהן׳ס בעט און גלעטענדיג איהם איבער׳ן פנים וועקט זי איהם אויף. זיינען פאַר איהם אָנגעגרייט די ערשט אייער־נעכטען פונ׳ם שניידער אָפּגעבראַכטע מלבושים, די געפוצטע שטיוואַלעך און דער שבת׳דיגער סאַמעטענער קאַפּעלוש. כאַפּט ער אויף זיך די תפלין. מורמעלט ער אָפּ דאָס דאַווענען. מאַכט ער אַ ברכה „מזונות“ אויף די פוטער־געבעקסלעך, וואָס די מאַמע האָט נעכטען געבאַקען אויף מיטצונעמען „צידה לדרך“ און דערנאָך מאַכט ער אַ ברכה „שהכל“ אויף דעם פאַר איהם אָנגעגרייטען גלעזעל קאַווע.

אפילו דער טאַטע איז מיט איהם היינט „זיסלעך“. דער טאַטע זאָגט שמייכעלדיג אַז היינט האַלט מען ניט ביי יציאת מצרים און די געבעקסלעך דאַרף מען ניט עסען „בחפזון“. בכלל — זאָגט דער טאַטע — איז נאָך פאַרהאַנען צייט גענוג. ער, דער טאַטע, האָט דעם בעל עגלה באַשטעלט ערשט אויף פיער אַ זייגער. אָבער דער זוהן טונקט איילענדיג די פוטער־געבעקסלעך אין דעם גלעזעל קאַווע, זופּט און שלינגט, שלינגט און זופּט אַזוי ווי ס׳זאָל עמיצער שטעהן הינטער איהם און וועלען ביי איהם אויסכאַפּען. — ס׳טייטש אַזאַ נסיעה! ער פאָהרט באַלד מיט דער מאַמע קיין לאַשקאָוויץ אויפ׳ן יאַריד...

לאַשקאָוויצער יאַריד איז ניט אַבי־וואָס. לאַשקאָוויצער יאַריד האָט אַ שם „אויף דער גאַנצער וועלט". דער טאַרנאָפּאָלער „אַננאַ־מאַרק" און דער טשערנאָוויצער „פּעטער־מאַרק" זיינען אַקעגען איהם ממש נפל'עך. ווען זאַלישטשיקער גמרא־מלמדים האָבען פאַר זייערע תלמידים אָנגעשריבען אַ „שורה־גריזעל" האָט זיך דאָס שורה־גריזעל תמיד אָנגעהויבען: „איך בין געפאָהרען קיין לאַשקאָוויץ אויפ'ן יאַריד". געענדיגט האָט זיך דאָס שורהגריזעל שוין ווי נאָך אַ מלמד נאָך. האָט דער מלמד בּיי זיך אין דער משפחה געהאַט אַ נאָהנטען קרוב אַ גביר, אַ תבואה־סוחר, האָט זיך בּיי איהם דאָס שורה־גריזעל געענדיגט מיט „און האָב געקויפט בּיי אַ פּריץ הונדערט שקים חטין און צוויי הונדערט שקים דגן." איז אָבער דעם מלמד'ס ווייב געשטאַנען מיט אַ „טישעל" אויפ'ן מאַרק האָט זיך דאָס שורה־גריזעל אָנגעפולט מיט טענגעס, קאַרעלען, פּויערישע געבּלומטע קאָפּ־טיכלעך און נאָך און נאָך.

פאָהרט די מאַמע און ס'פאָהרט דער זוהן אין אַ וועגאַלע מיט אַ געדעקט בּיידעל קיין לאַשקאָוויץ אויפ'ן יאַריד. האָבען ניט די מאַמע און ניט דער זוהן מיט'ן יאַריד עפּעס אַ שייכות. ניט געהאַט וואָס צו קויפען און ניט געהאַט וואָס צו פאַרקויפען. אָבער אָנקומענדיג אַרום צעהן אַ זייגער פאַרמיטאָג אין דער לאַשקאָוויצער אכסניא, נאָר וואָס אָפּגעפּראָשעט דעם פאַרך פון די מלבושים, קומט אַריין אַ באַקענטער זאַלישטשיקער ייד, אַ הויכער מיט אַ ברייטער באָרד. גיבט ער דעם זוהן אָפּ אַ „שלום־עליכם" מיט זיינע שפּיץ־פינגער. און — צו דער מאַמע שאָקעלט ער מיט'ן קאָפּ אויף „יאָ".

דאָס איז אַ רמז אַז „זיי" זיינען שוין דאָ און „זיי" וואַרטען שוין...

פיהרט דער דאָזיגער ייד שווייגענדיג אַריין די מאַמע און דעם זוהן אין אַ צווייט גרויס חדר פון דערזועלבּער אַכסניא.

*

זיצט דאָרט בּיים טיש אויבען־אָן, אויף אַ ווייך געבּעטען־פאָטער־שטוהל אַ בּייכיגער ייד. זיצט ער זיך גאַניץ בהרחבה'דיג, די קאַפּאָטע צופאַלאָשעט, אויף דעם קאָפּ אַ סאַמעטענע שפּיציגע יאַרמולקע, און אין מויל אַ לאַנגע ליולקע־ציבוך מיט אַ גראָב בּורשטינען פּיסקעל. און ער פּופּקעט מעשה־גביר.

זיצט בײַ דער רעכטער זײַט פֿונ'ם טיש אַ יונגערמאַנטשיק, שוין אַ ביסעל אַ צוגעפּוצטער, אַ הײַנטיג־וועלטישער. זיצט ער אויף אַ האַרט בענקעל, גראָד, אויסגעשטרעקט, אַזוי ווי געקרעמפּעוועט, מיט גרויס דרך ארץ פֿאַר דעם עלטערען, דעם בייכיגען.

דאָס איז אַ שוועהר און אַ איידעם.

זיצט דאָרט אין אַ ווינקעל, נאָהנט בײַם פֿענסטער, אַ גראָבע, אויסגעשטראָצטע יידענע מיט אַ פֿאַרפֿלאַמט פּנים. גווידערט זי זיך. טאַפּט זי אַלעמאָל אָן מיט די פֿינגער איהר לאַנג־נאָכהענגענדיגע די־מענטענע אויער־רינגלעך מעשה־גביר'נטע.

זיצט בײַ איהר רעכטער זײַט אַ מאָגער־שוואַרצלעך מיידעל מיט אַ לענגלעך פּנים. מונעט זיך נעבּיך דאָס דאָזיגע מיידעל. זי ווייסט ניט וואו די הענד צו האַלטען. אָט האַלט זי זיי צונויפֿגעשלאָסען אויף דער שויס און באַלד לאָזט זי זיי פֿונאייגאַנדער בײַ ביידע זײַטען פֿון די לידקעס.

דאָס איז דעם בייכיגענס ווייב און זייער טעכטעריל.

וויזט דער זאַלישטשיקער הויכער, ברייטבאָרדיגער ייד דעם זוהן מיט זיין מיטלען פֿינגער אויף אַ בענקעל בײַם טיש, זיך צו זעצען צו די מאַנסבילדען. און — די מאַמע געהט גלייך צו צו די ווייבספֿאַרשוינען.

גלעט זיך דער בייכיגער ייד בײַ זיין שוואַרץ־גראָהלעך בערדיל. דערמאָהנט ער זיך אָן „גירסא דינקותא". קלאָפּט ער אָן בײַ דעם זאַלישטשיקער קלויז־בחור מכח למדנות. הויבּט אָן דער בחור צו שיטען, ווי אויס אַ זאַק, מיט חריפות און בקיאות. ווערד דער בייכיגער ייד גאָר מבולבל. באַווייזען זיך אויף דעם בייכיגענס שטערן דיקע טראָפּען שוויס. פֿאַלט דער צוגעפּוצטער יונגערמאַנטשיק אויף אַ המצאה און כאַפּט אַריבּער דעם קלויז־בחור אויף אַ וואָכענדיגען שמועס, אויף הויות העולם...

און אין דערזעלבער צייט פֿאַרפֿיהרט די מאַמע, דאָרט אין ווינקעל, אַ ברייטען שמועס מיט דער גראָבער אויסגעשטראָצטער יידענע און מיט איהר מאָגער־שוואַרצלעך מיידעל.

נאָך אַ ערך פֿון צוויי שעה געזעגנט זיך דער זוהן מיט די מאַנסבילדער און די מאַמע מיט די ווייבספֿאַרשוינען „גאָר פֿריינדליך".

דער הויכער, ברייטבאַרדיגער ייד וואונקט זיך איבער מיט „זיי" און מיט דער מאַמע. ער שמייכעלט אַ צופרידענער. אָפגעשמועסט אויף שטום־לשון:

— די צווייטע וואָך וועלען „זיי" קומען קיין זאַלישטשיק, און הכל שריר וקיים.

VI.

נאָ דיר אַ לאַשקאַוויץ, נאָ דיר אַ יריד!

די מאַמע איילט זיך. זי האָט געדונגען דאָס וועגאַלע אויף אַהין און צוריק. זי וויל נאָך היינט אָבענדס זיין אין דער היים. דער זוהן האָט גרויס חשק ווענינגסטענס ביז פאַרנאַכט אין לאַש־קאָוויץ צו פאַרבלייבען. ער וויל זיך אָנקוקען דעם יאַריד. אָבער — ווען די מאַמע וויל דווקא קען ניט און טאָר ניט דער זוהן ווידערשפעניגען.

ביז־ווען ביז־וואָס פאַר'גנב'עט זיך דאָך דער זוהן צו פאַרלאָזען אויף אַ ווײַלע די אכסניא. קומט ער אויפ'ן מאַרק. ס'איז מיטאָג־צייט. די זון ברענט. כאַפּט ער זיך אַריין אין אַ הילצערנער בודקע אויף צו טרונקען אַ קאַלט גלאָז עפּעל־קוואַס. איז גראָד די פאַר־קויפערין פונ'ם קוואַס זיינע אַ באַקענטע. אַ געבווירענע אַ זאַליש־טשיקער. דאָס רויטע אסתר'ל. זיין עלטערער שוועסטער'ס אַ חבר'טע. (ערשט פאַר אַ יאָהר האָט זי חתונה געהאַט פאַר אַ אלמן מיט קינדער. זי איז אַ אשת חיל. כדי צוצוהעלפען איהר מאַן צו דער פרנסה האָט זי זיך איבער'ן יאַריד געדונגען די בודקע.)

איז דאָס יונגע ווייבעל מקבל פנים איהר חבר'טעס ברודער גאָר האָפערדיג. ווען ער שטרעקט אויס זיין האַנד אויף צו באַצאָהלען פאַר'ן קוואַס גלעט זי די דאָזיגע האַנד מיט איהר ווייך הענטעל „גאָר ליבליך"... זי בעט אַז ער זאָל איהר אַלצדינג דערצעהלען פון דער היים... זי וויל אויך וויסען אין וואָס ער איז עוסק אויפ'ן לאַשקאָוויצער יאַריד. וואָס ער האָט בדעה צו קויפען און וואָס ער האָט צו פאַרקויפען... זי זאָגט אַז אין דעם איינציגען יאָהר, זייט זיי האָבען זיך ניט געזעהן, איז ער גאָר פאַראַנדערשט געוואָרען. באַ־

קומען שוואַרצע וואָנסאַלעך אויף דער אויבערשטער ליפּ. ס׳שפּראָצט איהם שוין אַ בערדיל. אַ גאַנצער מאַנספּאַרשוין. אַ יאַלד... ס׳וואָלט איהר זעהר ליב געווען ווען זי זאָל זיך מיט איהם נאָך היינט פּאַרנאַכט, נאָכ׳ן אָפּשליסען די בודקע, קענען באַגעגנען... זיי וועלען זיך בעסער און רוהיגער קענען דורכשמועסען...

דערבּיי האַלט זי איהם אין איין גלעטען מיט איהר ווייך העניטעל איבער זיין האַנד. און — ער איז גאָר ניט ער. ס׳וואָלט איהם גאָר גרינג געווען זיין האַנד פּונ׳ם טיש צוריק צו ציהען. ס׳ווילט זיך איהם פּאָרט ניט. ס׳נעמט איהם דורך אַזאַ וואַרמקייט...

ער דערמאָהנט זיך אַז מיט דער דאָזיגער אסתר׳ל האָט ער שוין אַמאָל געהאַט אַזאַ מין ווילד באַגעגניש:

אָפּטמאָל, אין אַ שבת־נאָכמיטאָג, פּלעגען זיך צו זיין שוועסטער צונויפקומען מיידלעך, חבר׳טעס, אויף צו טאַנצען. כנהוג טאַנצט מען „פּאָרליך״. איז איין מיידעל אַ „קאַוואַליר״ און די צווייטע אַ „דאַמע״. טאַנצט זיך עס ניש־קשה׳דיג.

בּיי אַזאַ טאַנץ פּעהלט רויט־אסתר׳ל כמעט קיינמאָל ניט אויס. און — זי דאַרף ניט אויספּעהלען. חוץ דעם וואָס זי איז אַזאַ פרעהליכע, אַזאַ לוסטיגע, קען זי אַלע טאַנץ־נגונים אויסענווייניג. האָט זי אַ שען קול. און בּיי איהר קאָמאַנדעווען טאַנצט זיך עס גאָר אַנדערש.

טרעפט זיך אַמאָל אין אַ שבת־נאָכמיטאָג אַז טאַטע־מאַמע זיינען אַוועק אין גאַס, און ער, דער קלויז־בחור, בלייבט גראָד היינט אין דער היים. זיצט ער, דער קלויז־בחור, אין אַ ווינקעל. קוקט ער אַריין אין אַ ספר׳ל. די שטוב מעג זיך איבערקערען האָראַ קאָראַ. זיין שוועסטער מיט איהרע חבר׳טעס קענען היפּקען שפּרינגען, ביז אָנצושפּאַרען די סטעליע. ער — הערט ניט, ער זעהט ניט. — איז אָבער גראָד היינט רויט־אסתר׳ל פּייער און פלאַם. זינגט זי גראָד היינט אַזוי בנעימות׳דיג אַז „ס׳טאַנצט זיך אַליין״. רויט־אסתר׳ל אין דער מיטען און די חבר׳טעס אַרום איהר טאַנצען היינט, נאָכ׳ן טאַקט פון איהר שמעלצענדיגער נגינה, אַזוי ווי פּאַר׳כשופ׳ט. — די דורכ׳ן פענסטער אַריינדרינגענדע שטראַלען פון דער זון שפּיגלען זיך אָפּ אין רויט־אסתר׳לס גילדענע האָר און טאַנצען־מיט. — איז ער, דער קלויז־בחור, פּאָרט ניט מעהר ווי אַ יונגער מענש פון פלייש און

בלוט... איז דאָך פאַרהאַנען אַ יצר־הרע... קוקט ער אַלעמאָל אַריבער איבער׳ן ספר׳ל. זעהט ער די ריטמישע באַוועגונגען פון צו־היצטע מיידלישע אברים, שפריצען ביי איהם פונקען פון די אויגען... שפרינגט פלוצים רויט־אסתר׳ל אַרויס אויס דער מיטען פון איהרע חבר׳טעס. לויפט זי גלייך צו איהם צו. כאַפּט זי איהם אַרום מיט ביידע הענד. דרוקט זי איהם פעסט צו זיך צו און שלעפּט איהם אַריין אין דעם עיגול.

— „זי וויל אַמאָל טאַנצען מיט אַ אמת׳ן קאַוואַליר, מיט אַ בחור!!!“

קויקלען זיך די אַנדערע מיידלעך, די חבר׳טעס, פאַר לאַכען. אָבער די עלטערע שוועסטער שפרינגט צו און רייסט איהר ברודער, אַ מבולבל׳דיגען, אַרויס אויס רויט־אסתר׳לס אָרימס.

די שוועסטער איז אַ דערשראָקענע. זי האָט מורא טאָמער וועט חלילה די מאַמע דערפון געוואָהר ווערען. טראָגט זיך באַלד אַריבער דאָס שרעקעניש פון דער שוועסטער אויף אַלע איהרע חבר׳טעס. ס׳ווערד שטיל אַרום און אַרום. נאָר רויט־אסתר׳ל ,די לאַנגע גילדענ־פאַרביגע האָר צופּלאָשעט, טאַנצט אַליין אין מיטען שטוב אַ „קאָזאַק“. און — זי טאַנצט אַזוי ווילד, אַזוי משונה׳דיג, אַז אַלע חבר׳טעס זאַמלען זיך אָן אַרום איהר, רינגלען זי אַרום, און ס׳קאָסט זיי פיל מיה זי איינצושטילען...

נאָך דעם דאָזיגען געשעהעניש האָט דער קלויז־בחור ביטערע טעג דורכגעלעבט. רויט אסתר׳ל האָט זיך איהם אָפטמאָל באַוויזען אין חלום אין פאַרשידענער חוצפה׳דיגער געשטאַלט... נאָך אַזאַ חלום האָט ער געמוזט אין דער פריה לויפען אין מקוה אַריין...

— „וואָס וויל זי אַצינד פון איהם?!...“ צו־וואָס גלעט זי איהם אַזוי ליבלעך די האַנד?!... זי איז אַ אשת איש!!

און — ער לויפט ענדעם פענדעם צוריק צו דער מאַמע אין דער אכסניא.

ער פאָהרט אַהיים אַ געפּלעפּטער:

— נאַ דיר אַ לאַשקאָוויץ, נאַ דיר אַ יאַריד!

VII.

דעם פריץ'ס איידעס.

. . . נישט גאַנצע צוואַנציג יאָהר אַלט און שוין אַ באַווייבטער. צו־מזל חתונה געהאַט מיט דער פון מיר און פון מיין מאַמע אין לאַשקאָוויץ אָנגעקוקטער כלה.

אַריין אין אַ שמאַלץ־גרוב. מיין שוועהר, דער בייכיגער ייד, איז דער באַזיצער, דער „פריץ" פונם דאָרף אַל. און איך, דער געוועזענער אָרימער קלויז־בחור, בין דעם פריץ'ס איידעם.

געלעבט ווי אַ שררה. יעדען ערב שבת אַריינגעפאָהרען קיין אַזיראַן — אין דעם נאָהנטעסטען קליינען שטעטעל — אויף צו געהן לכבוד שבת אין מקוה אַריין.

געזעסען איינער אַליין אויבען־אָן אין אַ בריטשקע, וואָס איז איינגעשפאַנט צו צוויי קאַשטאַנעם מיט גלעקלעך אויף די העלדזער. די דאָרפס־פויערען און, להבדיל, אַזיראַנער יידען טייטלען מיט די פינגער: „אָט דאָ פאָהרט דעם פריץ'ס איידעם!"

ס'פריצ'ט זיך שוין באַלד כסדר ביי מיר אין מוח. איך בין שוין ביי מיר אַליין אַ גאַנצער „בשעת מעשה". איך בלאָז פון מיר: „דעם פריץ'ס איידעם!"

איז מיר אין דער התחלה דער גאַנצער עסק אפילו אביסעל פריקרע. אַ נייע, פאַר מיר פרעמדע, סביבה. דער שוועהר, דער איינציגער אַלט־מאָדישער ייד, כמעט די גאַנצע וואָך אַ פאַר'טרוד'טער, אַ פאַרטראָגענער. די שוואָגערס און די שוועגערינס — היינט־וועלטישע, פריצישע קינדער.

חוץ ביי מיין פלונית'טע, וואָס איהר ליבשאַפט צו מיר וועגט אָקעגען אַלצדינג, און חוץ ביי מיין שוועהר און שוויגער, איז דאָ אין דאָרף מיין מיטגעבראַכט למדנות, מיין מיט שוויס און התמדה פון ניט־דערשלאָפענע נעכט אָנגעזאַמעלטער תורה־אוצר — וואָס ביי מיר אַליין, ביי טאַטע־מאַמע און ביי אַלע גוטע פרומע לייט, איז ער פון תמיד אָן „טייערער פון די טייערסטע פערל, פון דימענטען און פון גינגאָלד" — אַ אָפּגעריבענע פסול'דיגע מטבע.

ביי מיינע שוואָגער׳ס און שוועגערינס האָט אַ אָפּגעבליאַקעוועטער און פאַרוויאַנטער דייטשער פסוק מעהר חן, מעהר טעם און מעהר חשיבות ווי די שאַרפסטע און בליצנדיגע סברא פונ׳ם „כרתי ופלתי" אָדער אַ פויגעלדיג פאַרפלאָנטערניש און אויפפלאָנטערניש פונ׳ם „שער המלך".

ווען שוועהר און שוויגער און ווען מיין פלונית׳טע זעהן ניט קיכערן גאָר מיינע שוואָגערס און שוועגערינס צווישען זיך איבער מיין „עם־הארצישקייט". אָט האָבען זיי שוין דורכגעלייענט גאַנץ „קאָצעבו", איבערגעלייענט די „גאָלד־עלזע" פון אייגעניע מאַרליט און די „ריטער פאָם גייסטע" פון קאַרל גוצקאָוו, און איך קען אפילו ניט די נעמען פון די דאָזיגע מחברים.

אַ שטאַרקער נסיון:

„ביים פרומען קלויז־בחור איז דאָ אין דאָרף פלוצים אַראָפּ־געפאַלען די יאַרמולקע. אויף אַ רגע איז ער אַ דערשראָקענער. זיין רעכטע האַנד הויבט זיך ווי פון זיך אַליין. זי וויל זיך אַרויפלעגען אויפ׳ן קאָפּ כדי ניט צו בלייבען בגלוי־ראש. אָבער — ער, דער פרומער קלויז־בחור, האַלט זיין אייגענע האַנד צוריק מיט אַלע כחות. ער וויל ניט אַז די שוואָגערס און שוועגערינס זאָלען איהם אויסלאַכען. ער — ווייסט אַז זיין פלונית׳טע, אפילו ווען זי אַליין וועט ניט לאַכען, וועט זי אָבער האָבען צער דערפון וואָס מ׳לאַכט איבער איהר מאַן."

באַפאַלט מיך באַלד אַ חשק צו ווייזען מיינע שוואָגערס און שוועגערינס אַז אַ „אביי־ורבא־קעפעל" קען אויסלערנען זייער גאַנצע „חכמה׳דיגע" תורה „שטעהענדיג אויף איין פוס".

דאַכט זיך אַז אויסלערנען זיך אפילו נאָכצומאַכען דאָס שטילע אָנגעוועהטיגטע קול פון געטהע׳ס „גרעטכען", ווען זי זיצט ביים שפינראָד און קרעכצט:

„מיינע רוהע איזט הין, מיין הערץ איזט שווער,
איך פינדע זי נימממער אונד נימממער מעהר,
וואָ איך דיך ניכט האַב׳
איזט מיין גראַב.
די גאַנצע וועלט
איזט מיר פאַרגעללט . . ."

איז אַסך גרינגער ווי צו פאַרענפערן אַ „האַרבען רמב״ם", ווי צו אַנט־פלעקען די פאַרבאָרגענע קשיא פון הינטער רשי״ס אַ „כלומר", און אפילו ווי אַרויסצוגעפונען דעם קוועטש פונ׳ם מהרש״א׳ס אַ „ודו״ק".

וואַרף איך מיך מיט מיין גאַנצער אַלטער קלויז־התמדה, מיט דעם באַקענטען רעצעפּט פון „והגית בו יומם ולילה", אויף די נייע למודים. הויב איך אָן, מיט דער הילף פונ׳ם הויפלעהרער, פון דעם ערשטען „פיבעל־ביכעל", וואו איך חזר מיר איין תמימות׳דיג, אויף דעם דייטשען לשון, אַז „דער שניידער מאַכט אַ ראָק" און „דער שוסטער מאַכט שוך". ביז איך באַלד אַריבער דאָס „מים" פון די דראָבניסטקעס. האַלט איך, נאָך געצעהלטע צוויי חדשים, אַזוי ווייט אַז — איך קען שוין שילער׳ס „גלאָקע" און שילער׳ס „בירגשאַפט" און נאָך און נאָך כמעט מלה במלה אויסענווייניג.

פונדעסטוועגען האַלט איך דאָס נאָך, אויס פאַרשידענע טעמים, אפילו פאַר מיינע שוואָגערס און שוועגערינס בסוד. זאָלען זיי שפּעטער נאָך מעהר איבערראַשט זיין . . .

*

איז מיין שוועהר בטבע אַ ניט־פיל־ריידעוודיגער. מ׳קען עס אפשר גאָר אָנרופען אַ שווייגענדיגער. אפילו מיט זיין אייגען ווייב ריידעט ער ווייניג־וואָס. אָבער דאָס גאַנצע בני בית האַט מורא פאַר זיין קוק. מ׳ווייסט אַז ביי זיין גאַנצער פאַר׳טרוד׳קייט זעהט ער אַלצדינג וואָס ס׳טהוט זיך אָפּ אין שטוב.

דערקענט ער דער ערשטער דאָס פאַראַנדערשטע התנהגות פון זיין נייעם איידעם. איז דאָס איהם כלל וכלל ניט ניחא:

— „אמת אַ יונגערמאַן דאַרף ניט זיין קיין פאַרשלאָפענער. ס׳איז גוט אַז אַ יונגערמאַן זאָל קענען שרייבען און לייענען. ביי אַ גביר׳יש קינד, אין אַ גביר׳יש הויז, טרעפט זיך אָפּטמאָל איבערצולייענען אָדער גאָר אפילו אַליין אָנצושרייבען אַ דייטשען אָדער אַ פויליש׳ען בריעף . . . דעם דייטשען לעהרער פאַר׳ן גאַנצען בני בית האָב איך אַליין אָנגעזאָגט זיך אויך מיט דעם נייעם איידעם אָפּצוגעבען אַ האַלבע שעה אין טאָג . . . אָבער — אַריינצולעגען זיך ראשו ורובו אין זייערע גוי׳אישע זאַכען?! . . ."

טרעפט זיך נאָך גאָר איינמאָל אַז מיין שווערהר, אַהיים־קומענדיג שפּעט ביינאַכט, שוין נאָך חצות הלילה, זעהט ער אַז ביי דעם „יונגען פאָרפאָלק“ אין „שלאָף־חדר“ איז נאָך ליכטיג. קוקט ער אַריין דורכ׳ן פענסטער, דערזעהט ער דעם נייעם איידעם ליעגען אין בעט פאַרטיעפט אין לייענען אַ גראָב דייטש בוך.

אַצינד איז ער שוין גאָר אַרויס פון די כלים:

— „דאָס איז שוין אַביסעל מעהר ווי צופיעל... אַ „געשטו־דירטען“ האָב איך פאַר מיין טאָכטער געקענט געפונען ערגי׳ץ אַנדערש. ניט געמוזט איהם אָפזוכען אין דער זאַלישטשיקער קלויז...“

געהט אַוועק איין טאָג, אַ צווייטער און אַ דריטער טאָג. דער הויפלעהרער געמ׳נט יעדען טאָג אַ אַנדערן „אויסרייד“. גראָד אין דער האַלבער שעה וואָס ער דאַרף מיט מיר לערנען „האָט ער היינט קיין צייט ניט“, איז מאָרגען „ביי איהם זיין ווייב לא־עליכם׳דיג“, און איבערמאָרגען „פאָקט ביי איהם אַ קינד“.

דערצו דערקען איך אָן מיין שווערהר אַז ער געהט אַרום אַ האַלב־אָנגעברוגז׳טער. אַ „פולען בויך מיט יאַשטשערקעס“...

שמייכעל איך מיך צו צו מיין פלונית׳טע. בין איך מיט איהר גאָר חבר. מעהר ווי אַלע מאָל. פאָרשט זי אויס דעם סוד ביי איהר מאַמע: „דער טאַטע האָט אַ וואונק געגעבען דעם הויפלעהרער מיך ניט איבערצושטאָפען מיט זיין תורה.“

ניט פויגעלדיג. דער זאַלישטשיקער קלויז־בחור האָט פאַרזוכט דעם טעם פון פריצישאַפט, געלערנט ביים הויפלעהרער קיצעלדיגע תורה. ס׳ווילט זיך איהם זיין אַ פריציש קינד מיט אַלע פיש־טשיוקעס. אָבער — דער שווערהר איז ברוגז.

VIII.

איך און אונזער הויפלעהרער.

...אַוועק־גענומען ביי דער קאַץ די לייטער. אין אמת׳ן באַנויטיג איך שוין ניט דעם הויפלעהרער, ער האָט מיך געלערנט ג ע ה ן. אַצינד שפּרינג איך שוין ווי אַ אָנגעטהוענער אין „זיבען־מייל־שטי־

חעל". איך איבּערראַש דעם לעהרער אַליין. איך בּין בּאַלד שוין אַ בקי אין שילער'ס „דאָן קאַרלוס" ווי אַ ייד אין „אשרי". מיט דעם „מאַרקיז פאָן פּאָזאַ" בּין איך א י י ן קנעפּעל און מיט דער „פּרינצעסין פאָן עבּאָלי" אַ שמעלקא שבשמעלקאַ. — דערוויסען זיך דערפון מיינע שוואָגערס און שוועגערינס זיינען בּיי זיי „די שענע טאַגע פאָן אַראַנזשוועץ פאָראיבּער". ג ר ו י ס ע ן זיך שוין גאָר מיט מיר. זיי האָבּען פאַר מיר אַ אויסטערלישען דרך ארץ. ווער איך בּיי מיין פלונית'טע אַ כפול-שמונה'דיגער חשוב. און — דער גרעסטער חשוב בּין איך בּיים הויפלעהרער אַליין.

*

דער יידישער „הויפלעהרער" בּיי אַ ייִדיש-גאַליצישען דאָרף-בּאַזיצער, פון יענער צייט, איז אייגענטליך אַ אייגענער פּרק אין אַ אייגענער מסכתא. אַ חצי-מלמד און אַ חצי-דייטשער-לעהרער. מ'קען זאָגען אַ היינטיג-וועלטיש „פאַרבּעסערטע אויסגאַבּע" פונ'ם, אין יענער צייט נאָך פאַרהאַנען געוועזענעם, דאָרפס-בּעלפער בּיים יידישען אַרענדאַר:

פאַר אַ גאַנצען „זמן", דאָס מיינט פאַר אַ ווינטער אָדער אַ זומער, בּרענגט דער אַרענדאַר, אויס דעם נאָהנטעסטען שטעטעל, אין קרעטשמע אַריין, אַ אָרימען בּעל-הבּתישען בּחור ,וועלכער איז אַ בקי אין די דריבּנישקע אותיות. בּאַדינגט ער זיך מיט איהם צו לערנען מיט זיינע קליינערע אינגלעך און מיידלעך „עברי זאָגען" און מיט די גרעסערע צו „פאַרטייטשען" אַ פּסוק חומש. בּאַדינגט ער זיך מיט איהם אויך אויסצולערנען די גרעסערע שרייבּען אַ יידיש „שורה-גריזעל". — וועגען אַנדערע זאַכען איז עס גאָר ניט נויטיג זיך אויסצוריידען. ס'פאַרשטעהט זיך ממילא אַז ער איז מחויב יעדען פריה-מאָרגען צו זאָגען מיט די קליינערע קינדער „מודה אני" און מיט זיי יעדען אָבּענד צו לייענען „קריאת שמע". ס'פאַרשטעהט זיך ממילא אַז ער דאַרף פרייטאָג-נאָכמיטאָג אָנרייבּען דער בּאַלעבּאָסטע חריין אויף שבּת. אַמאָל אַרויסטראָגען מיט דער דינסט-מויד דעם „צובּער" און אַמאָל אָנשמירען דעם בּאַלעבּאָס'ס שטיוועל מיט דאָיעט, און — נאָך און נאָך אַזעלכע קליינינקייטען . . .

דער יידישער פּריץ איז זיך שוין אַביסעל אַנדערש נוהג. פונ=

דעסטוועגען כמעט „דיזעלבע מוהמע יענטע נאָר אַנדערש געשלייערט״.
אויס אַ משכיל׳יש שטעטעל ברענגט ער אין „הויף״ אַריין אַ „אויס=
גערופענעם=וואויהלקענעוודיגען פאַרשוין. אַ כל=בו, מיט קורצע פאה׳=
לעך, מיט אַ צוגעפוצט בערדי׳ל און מיט אַ יידען=קאַפּעל אויפ׳ן קאָפּ.
ברענגט ער איהם פאַר אַ גאַנץ יאָהר אין דאָרף אַריין מיט זיין גאַנץ
בני בית. גיבט ער איהם און זיין משפחה אָפּ אַ דירה אין זיינעם אַ
אייגען הייזעל אויפ׳ן דאָרף. זעצט ער אויס פאַר איהם און זיין משפחה,
חוץ דעם שכירות „במזומנים״, עטליכע זעק מיט ווייץ און קאָרן,
וועלכע ער מעג לאָזען מאָהלען „אויף דעם פריץ׳ס חשבון״ אין דער
דאָרפס=מיהל. באַדינגט זיך דער פריץ מיט זיין הויפלעהרער צו לערנען
מיט זיינע, דעם פריץ׳ס, גרעסערע בחורים „תנ״ך מיט׳ן ביאור״, דאָס
מיינט מיט מענדעלזאָהן׳ס דייטשער איבערזעצונג און מיט זיין פירוש.
באַדינגט ער זיך מיט איהם אויך אויס צו „לייענען״ מיט די בתורים
און עלטערע מיידלעך „דייטשע ביכער״. — וועגען די אַנדערע זאַכען
דאַרף מען זיך גאָר ניט אויסריידען. ס׳פאַרשטעהט זיך ממילא אַז
ווען איינע פון די מיידלעך ווערד למזל אַ כלה, איז דער הויפלעהרער
מחויב „אויסצוגיסען דער כלה׳ס האַרץ״. דאָס מיינט אָנצושרייבען צו
איהר חתן א קונציגען בריעף מיט געשוואָלענער דייטשער מליצה.
ס׳פאַרשטעהט זיך ממילא אַז ער, דער הויפלעהרער איז מחויב אַמאָל
אַריינצושרייבען מיט זיין כתב אין אַ חשבונות=בוך „דאָס וואָס דער
פריץ הייסט אַריינסמאַרעווען״. ס׳פאַרשטעהט זיך ממילא אַז ער דאַרף
אַמאָל שיקען זיין ווייב אין הויף אַריין אויף אויסצוהעלפען דער פריצה,
אין קיך ווען ס׳קומען מחותנים אָדער סתם חשוב׳ע געסט, און אַמאָל
אַליין אַריינצופאָהרען אין שטאָט אַריין אויף צו ברענגען דאָס נויטיגע
פאַר׳ן הויף. און — נאָך און נאָך אַזעלכע קלייניגקייטען.

דאַרף אָבער געזאָגט ווערען אַז מיין שוועהר איז גאָר אַנדערש
פון זיינע חברים, די יידישע דאָרף=באַזיצער. ער אַליין, מיין שוועהר,
איז דאָס וואָס מ׳קען אָנרופען אַ בן תורה. דערביי אַ ייד אַ וועלט=
מענש, אַ ייד אַ חכם. ניט איבריג גאוה׳דיג אויף זיין גביר׳שאַפט.
און אפילו אַליין נאָך פונ׳ם אַלטען דור ווייסט ער אָפּצוגעבען כבוד
יעדען ייד וועלכען די היינטיג=וועלטישע חכמה האָט ניט געמאַכט
פאַר אַ הפקר=מענש .

בײַ מײַן שװעהר איז „תנ״ך מיט׳ן ביאור״ נאָך האַלב־פּסול׳דיג. ער היל זיך ניט אַרײַנלאָזען אין איבעריגע חקירות. װען „די װעלט״ געפונט דערינען אַ חשש דאַרף ער ניט זײַן „קלוגער פון דער גאַנ־צער װעלט״.

ער װײסט אַז פון זײַנע בחורים, װעלכע זײַנען אױפגעצױגען אינ׳ם דאָרף, קען ער ניט מאַכען קײן לומדים. דאָס װעט ער אפשר שרײַן געפונען בײַ זײַנע אײדעמס. פאַר די בחורים דאַרף ער האָבען אַ גוטען מלמד כדי זײ זאָלען חלילה ניט בלײַבען קײן עמי־הארצים. חוץ לזה איז נױטיג סײ פאַר די בחורים סײ פאַר די מײדלעך אַ דײ־טשער לעהרער. בּרענגען אַ „סטודענט״ אין הױף אַרײַן איז בײַ מײַן שװעהר זעהר פּריקרע. שױן װעגען די דערװאַקסענע מײדלעך...

טרעפט זיך איהם ממש אַ נס: אין קאָפּיטשיניץ, אין דעם שטע־טעל װאו מײַן שװעהר איז אַלײן געבױרען און אױפגעצױגען, געפונט זיך אַ ייד אין די מיטעלע יאָהרען, אַ ייד אַ מחוסר־פּרנסה. ער, מײַן שװעהר, האָט נאָך געקענט דעם יידס טאַטע. אָפּגעשטאַמט פון דער מיוחס׳דיגער מרגליות־משפּחה און אַלײן געװען אַ גאַר אָפּגעהיטער, בכבוד׳ער ייד. האָבען כמעט אַלע שטאָט־לײט פאַר איהם גרױס דרך ארץ געהאַט. זאָגט מען אױף דעם זוהן פון דעם דאָזיגען בכבוד׳ען טאַטע אַז ער איז אײנער פון די פאַרשװינען װעלכע „זײ־נען אַרײַן אין פּרדס בשלום און אַרױס בשלום״. ער איז אַ גרינד־ליכער קענער פון תנ״ך און דקדוק, דערבײַ אַ בקי אין דער דײטשער קלאַסישער ליטעראַטור, און פונדעסטװעגען לאָזט ער ניט אָפּ פון זײַן יידישקײט אפילו „אױף אַ האָר״. איז מײַן שװעהר מלא גדולה. נעמט ער איהם אַרױס מיט זײַן גאַנץ בני בית צו זיך אין דאָרף אַרײַן פאַר אַ מלמד און אַ דײַטשען לעהרער. — װײַזט זיך באַלד אַרױס אַז דער ייד איז אַ קונציגער מסביר. זײַנע תלמידים האָבען בײַ איהם אַ גרױסע פּעולה.

*

איז דער ייד, דער הױפלעהרער, שױן דרײַ יאָהר אים הױף. האָט ער זײַנע תלמידים ליב און זײַנע תלמידים האָבען איהם ליב. אָבער

נאָך דעם אָפּלערנען פֿונ'ם טעגליכען שיעור זיינען זיי זיך ווידער פֿרעמד. ניט ער האָט צו זיי און ניט זיי האָבען צו איהם קיין־שום שייכות וואָס ס'קען אָנגערופען ווערען „חבר'שאַפֿט".

פֿיהלט זיך דער ייד אין דאָרף אַ אָפּגעזונדערטער. בענקט ער נאָך עפּעס וואָס ער ווייסט עס אַליין ניט אָנצורופען ביים נאָמען. און — ווען איך בין אָנגעקומען אין דעם פּריץ'ס הויף פֿאַר אַ איידעם האָט דער ייד פּשוט אָפּגעאָטעמט. געפֿונען אַ חבר, אַ יונגען־מאַן מיט וועלכען מ'קען ריידען ווי מ'זאָגט „כדבר איש אל רעהו", ווי אַ גלייכער מיט אַ גלייכען.

ער האָט שוין איבער מיר געהערט אַז איך פֿאַרפֿלעג מיך שטאַרק אין דעם פּירוש פֿונ'ם אבן עזרא אויף תורה און אינ'ם פּירוש פֿונ'ם רד"ק אויף נ"ך.

נאָך אין מיין חתן־צייט האָט איהם מיין מחותן ,דער פּריץ, געוויזען מיינעם אַ לשון־הקודש'דיגען מליצה־בריעף, און דער בריף איז איהם זעהר געפֿעלען געוואָרען. — אפילו געפֿונען עטליכע גרייזען על פּי דקדוק — ניט מבחין געווען צווישען דעם „קל" און דעם „כבד" — און אפילו געפֿונען אַריינגעמישט אַביסעל גמרא־לשון, וואָס דאָס מיינט „ניט געשריבען על טהרת הקודש," אָבער דעם מחותן האָט ער דערפֿון גאָר ניט געזאָגט:

— „צו וואָס? אַ תלמיד חכם וואָס ס'האָט זיך ביי איהם אַרויס־געכאַפּט אַ גרייז בייטאָג, זאָלסט דו איבער איהם גאָר ניט נאָכקלערען ביינאַכט. אַ אבן עזרא־ און רד"ק־יונגערמאַן וועט אַ ודאי באַלד „קונה שלימות" זיין. ער וועט לערנען דקדוק און ס'וועט ביי איהם מקוים ווערען דער פּסוק „והיה העקוב למישור" וואָס מיינט: און דאָס פֿאַרקרומטע, דאָס בערגיגע, וועט ביי איהם ווערען אַ גלייכער פּלאַץ".

*

קוועלט דער ייד, דער הויפֿלעהרער, פֿון מיר גאָר אָן ווען ער זעהט וואָס פֿאַר אַ מדרגה איך דערגרייך פֿון חודש צו חודש, דורך מיין שטאַרקען רצון, דורך מיין התמדה, אין דעם נייעם לימוד. ווערד צווישען מיר און איהם באַלד אַ אמת'ע חבר'שאַפֿט, אַ חבר'שאַפֿט,

וועלכע מיר ביידע נויטיגען זיך אין איהר. כאַפּ איך מיך אָפּטמאָל, אין אַ אָבענד אָדער אין אַ שבת־נאָכמיטאָג, צו איהם אַריין, אין זיין דירה אויפ׳ן דאָרף, און מיר פאַרברענגען שעה׳ן־לאַנג מיטאיינאַנדער.

*

אין „הויף" דער תנ״ך־און דקדוק־מלמד און דער „דייטשער לעהרער", מיט אַלע מפרשים, איז דער דאָזיגער ייד, ביי זיך אין זיין היים, אַליין פאַר זיך אַ „מלומד" פונ׳ם אַלטען דור, וועלכער — וואָלט זיך ניט געקענט זעטיגען מיט „קענטעניש" אין אַלע „שבעים לשון" און אין אַלע „שבע חכמות" אפילו ווען אַ „מעת־לעת" זאָל אָנהאַלטען צעהן מאָל פיער און צוואָנציג שעה און ווען ער זאָל לעבען מתושלח׳ס יאָהרען.

דאָס איז אַ ייד וועלכער גראָבעלט און גריבעלט אויף אַלצדינג צו דערגרונטעווען. דערביי אַ מענש וועלכער זאַפּט אין זיך איין דעם בשמים־ריח פון די פאַרשידענע לשונות־בלומען און זיין אויג טובל׳ט זיך אין זייער שענקייט. פונדעסטוועגען — פאַראַנדערשט דאָס אַלצ־דינג ניט זיין פון זיידעס און עלטער־זיידעס גע׳ירש׳ט התנהגות.

און ניט בלויז זיין התנהגות אָבער אויך זיין גאַנצער גע־דאַנקען־גאַנג און זיין גאַנצע געפיהלס־וועלט זיינען כמעט גאָר ניט פאַראַנדערשט.

— אַלצדינג — פלעגט ער צו זאָגען — וואָס זייערע, די אומות־העולם׳ס, חכמים און נבונים, מליצים און משוררים, האָבען געשאַ־פען איז אַ ודאי זעהר גוט און זעהר שען. אָבער דאָס איז זייער אייגענס, וואָס מיר באַרגען זיך אויס. זייער וויין־ און בלומען־גאָרטען, אין וועלכעס מיר שפּאַצירען אויף אַרום, אָטמען איין זיין מחיה־נפש׳דיגע לופט און מאַכען אַ ברכה איבער זיין שענקייט. מיר יידען האָבען אונזער אייגענעם וויין־ און בלומען־גאָרטען פון דור דורות, וועלכער בלייבט פאַר אונז אויף תמיד יונג און פריש. אויף זיינע וואורצלען פלאַנצען אייניקלעך און אור־אייניקלעך, אַ דור נאָך אַ דור, נייע יונגעטשקע בוימאַלעך מיט בליהענדיגער שענקייט, וועלכע ווערען באַפייכט און באַפרוכט פונ׳ם אַלטען חרמון־טהוי. און — אויך אויף זיי האָט די צייט און ס׳האָט דאָס איבעראַנדערש־קייט פון דער צייט׳ס תקופות קיין שליטה ניט.

דאָס איז דער סוד פון דעם וואָס אונזערע אַלטע חכמים האָבען געזאָגט אַז אַלצדינג וואָס אַ „תלמיד ותיק", דאָס מיינט אַ תלמיד וועלכער פלאַנצט זיין בוימאַלע אויף די וואורצלען פון די אַלטע בוימער אין אונזער ווייַנגאָרטען, וועט אין דעם שפּעטעסטען דור עפּעס נייעס אויפטהון איז „הלכה למשה מסיני"; דאָס מיינט ס'טראָגט אויף זיך זיין אויפטהו דעם חותם פון אייביגקייט.

*

דאַכט זיך אַז איך דאַרף ניט ערשט זאָגען אַז ביי דעם דאָזיגען חדוש'ליכען „הויפלעהרער" איז דאָס טייַערסטע פון אַלע „שבעים לשון" דאָס לשון פון זיין אייגענער אומה.

אין מיין „בילדער-קאַסטען" זוך איך אומזיסט אַ גלייכעניש צו זיין פאַרליבטקייט אין „תנ"ך". דאָס איינציגע וואָס איך געפון איז אפשר — דאָס אין אַלע פאַרבען שפּילענדיגע בילד ביי אונזערע אַלטע מקובלים איבער דער ליבשאַפט פון „כביכול" צו „כנסת ישראל".

ניט זייַענדיג אַליין קיין משכיל, אין דעם נייַעסטען זין פון דעם דאָזיגען וואָרט, האָט זיך זיין ליבשאַפט צו תנ"ך אַריבערגעטראָגען אויף אַלצדינג וואָס ס'איז אין דער אַלטער און אין דער נייַעסטער צייט געשריבען געוואָרען אין דעם לשון פון די נביאים.

פאַר אַ „כדומה למשל" וויל איך נאָר איבערגעבען אַ קליינע סצענע:

דעם הויפלעהרערס ליבלינגס-שיר אין דייַטשען לשון איז געוועזן דאָס געדיכט פון געטהע: „דער ערלקעניג". ווען ער איז אַמאָל געווען שטאַרק „דייטשמעריש" אויפגעלעגט האָט ער פאַר זיך אַליין געברומט:

„ווער רייטעט זאָ שנעל דורך נאַכט אונד ווינד?

עס איזט דער פאַטער מיט זיינעם קינד!"

באַקומט דער דאָזיגער דייַטשער הויפלעהרער איינמאָל אַ לשון-הקודש'דיג ספר'ל, אין וועלכעם ס'איז אָפּגעדרוקט דאָקטאָר שלמה מאַנדעלקערן'ס אַ שיר מיט'ן טיטעל „לכה דודי". טאַנצט ער ממש פאַר שמחה. וועזט ער מיר וואָס פאַר אַ שענקייט איבער אַלע שענקייטען „ס'רוהט" אויף אונזער לשון:

— „אָט איז דאָס אַ פּאַריידישטער, קונציג־נאָכגעמאַכטער, שיר פון געטהע׳ס „ערלקעניג״. אָבער — אַ גלגול וועלכער האָט באַקומען זיין תּיקון. אָנגעטהון אין ייִדענע מלבושים און דאָס פּנים לייכט. ס׳האָט דעם זיבענטען חן!

*

וואַקסט די חברשאַפט צווישען מיר און דעם הויפלעהרער פון טאָג צו טאָג. געפון איך ביי איהם אין שטוב אַ פּאַר מיר גאַנץ נייעס אוצר, אַ אוצר פון נייע לשון־הקודש׳דיגע מליצה־ספרים. איך געפון אַלע זעקס און דרייסיג העפט פונ׳ם „כוכבי יצחק״, און איך געפון — דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבען — אַ ראָמאַן מיט׳ן טיטעל „הצופה בארץ נוד״ פון שמחה פּויזנער, וועלכער איז אַ קונציגע איבערזעצונג פון אייגען־סו׳ס דערציילונג „דער אייביגער ייד״. און איך געפון נאָך און נאָך. — פּאַרשטעהט זיך ממילא אַז איך באָרג מיר ביי איהם אויס די דאָזיגע ספרים און „פּאַרשלינג״ זיי ווי די אַלטע מליצים האָבען געזאָגט „כבכורה בטרם קיץ״, דאָס מיינט ווי די ערשטלינגס־פּרי פאַר׳ן זומער, „ויבאו כשמן בעצמותי״ און זיי זיינען אַריין ווי בוימעל אין מיינע ביינער.

דאַרף איך אָבער ניט פאַרגעסען איבערצוגעבען נאָך אַ קליי־ניגקייט:

ביי דעם הויפלעהרער אין שטוב האָב איך געפונען נאָך צוויי ספרים׳לעך, וואָכענדיגע און ניט יום־טוב׳דיג לשון־הקודש׳דיגע. ספרים׳־לעך וואָס דער הויפלעהרער האָט אויף זיי געזאָגט אַז „ניט ער נאָר זיין ווייב האָט זיי געליענט״. ספרים׳לעך וואָס ווען איך האָב זיי צו מיר אַהיים גענומען אויף צו לייענען האָב איך זיי באַהאַלטען פאַר מיינע שוואָגערס און שוועגערינס, פאַר מיין שוועהר און שוויגער און אפילו פאַר מיין אייגען ווייב. — „ס׳פּאַסט ניט פאַר אַ יונגענמאַן אַ למדן און דערצו דעם פּריי׳ס איידעם, צו לייענען ווייבערישע מעשה־ביכלעך אין „תחנה־לשון״.

און — דוקא די דאָזיגע צוויי ספרים׳לעך האָבען דעמולט ביי מיר אין מוח אָנגעאַרבייט מעהר גרימעניש ווי די אַלע ביזהער גע־לייענטע לשון־הקודש׳דיגע מליצה־ספרים.

דאָס איינע ספר'ל האָט געהאַט אַ טיטעל „יעקלע קונדס" פון אַ מחבר „וועמעס נאָמען מ'ווייסט ביז היינט ניט אויף קלאָהר, און דאָס צווייטע „דאָס פּוילישע אינגעל" פון אַ מחבר מיט'ן נאָמען יצחק יואל לינעצקי.

האָב איך — אַליין זיך דאַריבער קיין חשבון ניט אָפּצוגעבען — מיין פלוצים'דיג מוח־גרימעניש געהאַלטען בסוד פאַר מיין עלטערען חבר, פאַר דעם חדוש'ליכען הויפּלעהרער. און — ס'איז אַ פּלא והפלא: אויב ער האָט עפּעס באַמערקט ווייס איך עד היום ניט. אָבער פון דער רגע אָן וואָס איך האָב געהאַט פאַר איהם אַ סוד האָט זיך מיר כסדר אויסגעדאַכט אַז איך זעה אַ שאָטען שוועבען צווישען מיר און איהם.

IX.

מיט מיין שוועהר ביים טשאַרטקאָווער רבי.

...אויף אַ לאַנגער צייט האָט מיין שוועהר גאָר ניט געקענט ברוגז זיין מיט מיר. ביז צו אַ געוויסער מדרגה, שטעה איך צו איהם נעהנטער ווי זיין גאַנץ בני בית. מיין וועלט און זיין וועלט גרעניצען זיך נאָך גאָר נאָהנט ביי איינאַנדער.

ביי זיין גאַנצער פאַר'טרוד'קייט איז ער אַ ייד אַ יודע־ספר וואָס כח'ט זיך אין אַ תורה־וואָרט. אין אַ פרייער צייט, אין אַ שבת אָדער אַ יום־טוב, איז עס זיין גרעסטער נחת מיט מיר צו פאַר־ברענגען. מיר תורה'צען ביידע. ער איז אַ גרויסער ליבהאָבער פון רש"י'ס פירוש אויף תורה, און ווען ס'איז ביי איהם אַ שטיקעל רש"י אַמאָל „טערפקע" און איך זאָג איהם מיין אייגענעם פשט אָדער אפילו ווען איך זאָג איהם נאָך אַ פשט פון רבי אליהו מזרחי איז ער אין זיבעטען הימעל.

מיין שוועהר האָט אויך ליעב פון מיר צו הערען גלייכווערטלעך, שיחות־חולין פון אונזערע אַלטע און נייע גאונים, און אַמאָל אויך חסידישע מעשיות — ווען זיי זיינען דרך־הטבע'דיג און דערביי אבי־סעל שפּיציג.

קיין פאַרברענטער חסיד איז מיין שווער ניט. פונדעסטוועגן כאַפּט ער זיך דאָך אָפּטמאָל אַריין קיין טשאַרטקאָוו צום רבי'ן אויף צו באַראַטען זיך מיט איהם אין וויכטיגע ענינים.

דאָס איז ביי איהם אַ געירש'ט התנהגות פון זיין טאַטע עליו השלום. „קלוגער פון זיין טאַטע וויל ער ניט זיין".

טרעפט זיך איינמאָל אין אַ שבת אַז איך מוז מיט מיין שווער פאַרברענגען כמעט דעם גאַנצען טאָג. ער וויל עס אַזוי. און דוקא האָט ער דאָסמאָל מיט מיר ווייניגער גע'תורה'צט. נאָר סתם אַזוי געשמועסט פון וועלט-זאַכען. — אייגענטליך האָט ער דאָסמאָל מעהר גערעדט ווי איך.

פאַרשטעה איך אַז דאָס איז ניט קיין פשוט'ע זאַך. עפּעס קוועטשט איהם.

רופט מיך מיין שווער דערנאָכדעם שבת-צו-נאַכטס, נאָך הבדלה, אַריין אין אַ באַזונדער חדר און זאָגט מיר, צעהלענדיג די ווערטער, אַזוי צו זאָגען:

— אם ירצה השם מאָרגען נאָכמיטאָג פאָהר איך אַריין קיין טשאַרטקאָוו. אין טשאַרטקאָוו וועל איך איבערנעכטיגען. איך וויל אָבענדס זיין ביים רבי'ן... אם ירצה השם מאָנטאָג-פריה פאָהר איך פון דאָרט קיין טאַרנאָפּאָל... מיין רצון איז אַז דו זאָלסט מיט מיר מיטפאָהרען...

*

רעש'ט זיך עס באַלד ביים „פּרייץ" אין הויף. תיכף נאָך הבדלה רופט די שוויגער מיכאילען, דעם פערד-אָנטרייבער. הייסט זי איהם איינשפּאַנען דאָס פאָליטירטע וועגעלע, פאָהרען אין דעם שכנות'דיגען דאָרף אַריין און ברענגען דעם שוחט אויף צו קוילען עופות.

רייט די שוויגער אויפ'ן פאַרטוך. כשר-מאַכען די געקוילעטע היהנער און קאַטשקעס מוז זי אַליין. זאַלצען דאָס פלייש איז פון תמיד אָן איהר עובדה. אפילו ווען „שרה בת טובים" אַליין זאָל זיין ביי איהר וואָלט זי זיך ביים עפענען די קישקאַלעך און באַטאַפּען די ביינדלעך אויף איהר ניט פאַרלאָזט. — אין יידישקייט מוז ביי איהר זיין אַקוראַט ווי זי האָט געזעהן און געלערנט ביי איהר מאַמע עליה השלום.

לויפט די שוויגער אַרום, די עקען פונ'ם קאָפּטיכעל צוגעבונדען פון הינטען, דאָס פנים פאַרפלאַמט און די אַרבעל פאַרקאַטשעט; לויפט זי אַרום ווי אַ פאַר'סמ'טע באַלד פון דער שפּייז-קאַמער אין קיך אַריין און באַלד פון דער קיך אין דער שפּייז-קאַמער אַריין. ס'טהוט זיך אויף טיש און אויף בענק. מ'קאָכט, מ'בראָט און מ'באַקט ביז שפּעט אין דער נאַכט. כמעט ווי אויף אַ חתונה.

— אַ קליינינקייט! דער פריץ און דעם פריץ'ס איידעם גרייטען זיך צו צו אַזאַ נסיעה. ס'קען גאָר מעגליך זיין אַז זיי זאָלען זיך מוזען אָפּזוימען אויפ'ן וועג די גאַנצע וואָך...

געהט דער שוויגער'ס קאָפּ אויף רעדער. זי טאָר אָן גאָרניט פאַרגעסען. ווען דער יידישער משרת ברענגט אַרויף פונ'ם קעלער אַ פלעשעל אַלטען פסח'דיגען סליוואָוויץ און עטליכע בוטעלען וויין, כדי דער פריץ און דעם פריץ'ס איידעם זאָלען זיך האָבען מיט וואָס צו דערקוויקען דאָס האַרץ אויפ'ן וועג, דאַרף זי, די שוויגער, ניט פאַרגעסען אָנצוגרייטען צוויי קליינערע גלעזלעך פאַר'ן סליוואָוויץ און צוויי גרעסערע פאַר'ן וויין. חוץ דעם מוז זי, די שוויגער אַליין, מיט אירע אייגענע הענד, איינפּאַקען די צוויי געפלאָכטענע שטרויענע קויבערלעך, איינס מיט די פליישיגע און איינס מיט די מילכיגע מאכלים.

*

איז דער גאַנצער „הויף" פול מיט דער נסיעה פונ'ם פריץ און דעם פריץ'ס איידעם. איז דאָס גאַנצע בני בית מיך מקנא. האַלט מיין פלונית'טע דעם קאָפּ אין דער הויך. זי איז פול מיט גאוה וואָס צווישען אַלע זוהן און איידעמעס האָט דער טאַטע אויסגעקליבען איהר מאַן אויף מיטצונעמען איהם מיט זיך. נאָר — ביי מיר אַליין איז עפּעס די גאַנצע מעשה ניט גלאַט-כשר.

אין מיין מוח פלאָנטערט זיך כסדר אַרום אַ מחשבה אַז מיין שוועהר נעמט מיך מיט קיין טשאָרטקאָוו צום רבי'ן מיט אַ באַזונדערער כונה:

מיין שוועהר ווייסט אַז דער רבי קען מיך פון לאַנג אָן. פאָהרענדיג יעדעם יאָהר אים חודש אלול קיין סאַדיגורא אויפן „ציון" פון זיין

טאַטע האָב איך בײַ איהם אין דער קאָדעבישטשער קרעטשמע, וואו ער פלעגט איבערנעכטיגען, „געגומען שלום“.

ס'האָט זיך אויך געטראָפען אַז ווען גראָד אין דעמזעלבען טאָג איז אויך זײַן ברודער, דער הוסיאַטינער, געפאָהרען קיין סאַדיגורא, און פאַר בײדע איז אין דער קאָדעבישטשער קרעטשמע קיין פּלאַץ ניט געווען, האָט ער, דער טשאָרטקאָווער, גענעכטיגט אין זאַלישטשיק בײַ מײַן עלטער־פעטער, בײַ ר' יוס'לע קאָפּלער, דעם גרעסטען זאַלישטשיקער גביר. — חוץ גביר'שאַפט און חוץ אמת'ער יראת שמים איז ר' יוס'לע אויך געווען אַ למדן מופלג, אַ גאונישער קאָפּ. רבנים, וועלכע האָבען געהאַט אַ שם פאַר גדולים, האָבען זיך מיט יראת הכבוד צוגעהערט צו זײַנער אַ חריפות'דיגער סברא. און דער טשאָרטקאָווער האָט זיך מיט איהם ממש משתעשע געווען. דאָס שפּיגאַלע פון זײַנע חסידים.

און ס'האָט זיך אויך אײנמאָל געטראָפען אַז, ווען אין דער טשאָרטקאָווער סביבה און אין דער שטאָט טשאָרטקאָוו גופא האָבען זיך, ניט הײנט געדאַכט, באַוויזען סמנים פון „כאָלערא“, איז דער רבי מיט זײַן גאַנץ בני בית אַנטלאָפען קיין זאַלישטשיק און זײַנען בײַ מײַן פעטער אים הויז פאַרבליבען עטליכע וואָכען. — דעמולט בין איך געווען כמעט אַ יוצא ונכנס בײַם רבי'ן. ממש אַ שטיק „מקורב“.

דער טשאָרטקאָווער האָט אויך, בשעתו, מײַן שוועהר צוגעראָטען צום שידוך מיט מיר.

און — „אפשר וויל איצט מײַן שוועהר מיך פאַרקלאָגען פאַר איהם. אפשר וויל ער אַז דער רבי זאָל מיר זאָגען מוסר...“

איך האָב געהאַט אַ גרויסען טעות. פאַר'ן רבי'ן האָט מיך מײַן שוועהר דוקא געלויבט אין טאָג אַרײַן. דערפאַר אָבער בין איך איבערראַשט געוואָרען פון אַ גאַנץ אַנדערער מעשה:

מײַן אין־דער־הײם צופיל־שווײַגענדיגער־שוועהר שיט אויס פאַר'ן רבי'ן זײַן גאַנץ פאַרביטערט האַרץ. „אַ מורא'דיג בלבול האָט ער אויף זיך... ער איז גאָט די נשמה שולדיג... אין דער גאָראַלניע מישט ער זיך קײנמאָל ניט. חוץ־דעם וואָס ער פאַרשטעהט פון דעם דאָזיגען עסק חײניג־וואָס קען ער זיך אויף דעם גאָראַלניק גאַנץ גוט פאַרלאָזען.

דער גאָראַלניק איז אַ מומחה און אַ מענש מיט נאמנות... טרעפט זיך אין דער גאָראַלניע פאַר עטליכע חדשים אַ מכשול. אַ אַרבייטער ברידהט זיך אָפּ ביים זידענדיגען קעסעל... ס'האָט איהם שוין אָפּגעקאָסט ממון־קורח. באַצאָהלט פאַר צער, פאַר רפוי, פאַר שבת און פאַר בושת. קודם כל דעם שפּיטאָל פאַר'ן חולה און דעם חולה'ס בני בית אויף פרנסה. דערנאָך שלעפּט זיך נאָך אַ אַדוואָקאַט און ס'שלעפּען זיך נאָך יעדען טאָג אַנדערע טובה־טהוערס, חשובים ביי די אדונים... אַלע שרייען הב הב... אָבער הלואי זאָל עס אויסגעהן צום געלד! אויף איבערמאָרגען, דינסטאָג פאַרמיטאָג, האָט ער אַ טערמין ביים טאַרנאָפּאָלער שטראָף־געריכט. לויט זייערע „משפטים בל ידעום" איז דאָס אחריות אויף איהם. ס'איז פאַרהאַנען אַ גרויסע סכנה אַז מ'זאָל איהם נאָך חלילה פאַר'משפּט'ן צו תפיסה..."

דער רבי קרעכצט. פאַרגלעזט די אויגען, און ציהט אויס מיט אַ האַלב־וויינענדיגען קול די ווערטער:

— מיט השם יתברך'ס הילף. איהר פאָהרט אם ירצה השם מאָרגען מיט דער דעלעזשאַנס (פּאָסט־וואָגען) קיין טאַרנאָפּאָל. השם יתברך וועט העלפען!

— רבי! — קרעקט זיך מיין שוועהר אַזוי ווי ס'זאָל איהם שטיקען אין האַלז — רבי! מיר זיינען דאָ מיט אונזער אייגענער ברישקע...

— נו. כ'האָב דאָך שוין געזאָגט — ציהט דער רבי אויס מיט דעמזעלבען פריהעריגען קול דיזעלבע ווערטער — מיט השם יתברך'ס הילף. איהר פאָהרט אם ירצה השם מאָרגען מיט דער דעלעזשאַנס קיין טאַרנאָפּאָל. השם יתברך וועט העלפען!

*

צוריקקומענדיג אין אונזער טשאָרטקאָווער אכסניא איז מיין שוועהר אַ „אָפּגעגאָסענער". דער רבי האָט איהם געמאַכט אַ דיקען שטראָך איבער זיין חשבון. מיט דער אייגענער ברישקע האָט ער גערעכענט אַרויסצופאָהרען פון טשאָרטקאָוו מאָרגען, מאָנטאָג, אַרום 8 אַ זייגער אין דער פריה, און אָנקומען קיין טאַרנאָפּאָל אַרום איינס אַ זייגער ביי טאָג... אַ גאַנצען נאָכמיטאָג גע"ג צייט זיך איבערצוריידען מיט זיין אַדוואָקאַט און זיך צו „זעהען" מיט די „וואָס מ'דאַרף און מען

מוז זיך מיט זיי זעהן"... די דעלעזשאַנס פאָהרט אָבער אַרויס פון טשאַרטקאָוו ערשט איינס אַ זייגער נאָכמיטאָג און שלעפּט זיך קיין טאַרנאָפּאָל ביז אַרום 9 אַ זייגער אויף דער נאַכט.

וואַרפט זיך מיין שוועהר די גאַנצע נאַכט אַרום אין בעט. ניט מעגליך אַ אויג צו שליסען.

שיקט ער אַוועק אויף מאָרגענס גאַנץ פריה די ליידיגע ברישקע קיין טאַרנאָפּאָל און מיט דעם אָנטרייבער גיבט ער מיט צו זיין אַדוואָקאַט אַ בריף, אין וועלכעס ער בעט מוחל זיין איהם אָפּצוּוואַרטען אַרום 9 אַ זייגער אָבענדס, ווייל — „דורך אַ סבה מוז ער פאָהרען פון טשאָרטקאָוו קיין טאַרנאָפּאָל מיט דער דעלעזשאַנס."

און דאָס, דאַכט זיך, איז אויך כדאי איבערצוגעבען:

פון דער רגע אין וועלכער מיין שוועהר איז אַרויס פונ'ם רבינ'ס הדר ביז צו אונזער וויטערער נסיעה האָט ער מיט מיר קיין איינציג וואָרט ניט גערעדט.

X.

אַ געפּעפּערטער מופת.

...אָפּגעדאַוועגט מנחה גדולה קריכען מיר ביידע, מיין שוועהר און איך, אַריין אין דעם פּאָסט־וואָגען.

איז דער פּאָסט־וואָגען אַ מין באַדעקטע קאַרעטע אין דער געשטאַלט פון אַ לענגליכען קאַסטען מיט אַ טהיר און מיט צוויי גרויסע שויבען אין די זייטיגע ווענד. זיינען דאָרט פאַרהאַנען צוויי בענק פאַר פיער פאַרשוינען. איין באַנק פאַר צוויי פאַרשוינען אויבען־אָן און די צווייטע אין דער מיטען. און — ווען מיר קריכען אַהין אַריין זיצט שוין דאָרט אויבען־אָן עפּעס אַ פריצה, אָנגעטהון אין אַ טייערן פעלץ פון געקרייזעלטע קרימסקע שמוישלעך, אויפ'ן קאָפּ אַ קיילעכיג־פלאַטשיג סויבעל־היטאַלע און דאָס פנים פאַרהאָנגען מיט אַ דין־זיידענעם שלייער.

האָט מיין שוועהר קיין חשק ניט זיך צו זעצען אויבען־אָן. אָהן עין הרע אַ בייכיגער ייד. דערצו נאָך אָנגעטהון אין אַ דיקען שאָפּען־

פעלץ... ער וועט אויסקומען צו־נאָהנט... ס׳איז ניט פאַר איהם און ניט פאַר דער פריצה...

איז ער מוחל אויף זיין כבוד.

— „פאַר איהם איז באַקוועמער צו זיצען איינער אַליין אויף דער מיטעלבאַנק.“

ריהרט זיך דער פאָסט־וואָגען אין וועג אַריין. זיץ איך אויבען־אָן אין מיין ווינקעל, האַלב־אויסגעדרעהט מיט׳ן פנים צו דער שויב, און קוק אַריין אין דעם בעל־הפלאה׳ס „פנים־יפות“ אויף תורה. און די פריצה זיצט אין איהר ווינקעל, אויך האַלב־אויסגעדרעהט מיט׳ן פנים צו איהר שויב, און לייענט עפּעס אַ ביכעל.

פאָהרט מען אָפּ ניט קיין גאַנצע שעה, ליעגט שוין מיין שוועדער אויסגעשטרעקט אויף דער מיטעל־באַנק, דער קאָפּ איינגעוויקעלט אין דעם גרויסען אויפגעשטעלטען קאָלנער פון זיין שאָפּענפעלץ, און כראָפּעט גאַנץ געשמאַק.

נעביך ניט געשלאָפען די גאַנצע נאַכט.

דרעה איך אויס, ניט־ווילענדיג, מיין פנים צו קוקען אויף מיין שלאָפענדיגען שוועדער. זעה איך אַז מיין שכנ׳טע האָט אויך אויס־געדרעהט איהר פנים און זי גלאָצט אויך אויף איהם.

איז שוין ביי איהר דער שלייער אַרויפגערוקט ביז צום סויבעל־היטאַלע. אַ ניט־יונגע פריצה. דאַכט זיך שוין אַריבער די פערציג. אָבער אַ גלאַט אויסגעפרעסען פנים און ניש־קשה׳דיג לאַכענדיגע אויגען.

פאַרשפרייט זיך אַ דינער שמייכעל איבער איהרע דיקע ליפּען און זי ווענדט זיך צו מיר פרעגענדיג מיט אַ ליבליך קול:

— איהר וועט מיר מוחל זיין, מיין חשוב׳ער שכן. ווער איז דער, אָהן־עין־הרע, אַזוי געשמאַק שלאָפענדיגער האַר?

— דאָס איז דער פריץ, דער באַזיצער פונ׳ם דאָרף אַל. — ענפער איך האַלב גאוה׳דיג — און איך בין זיין איידעם...

— אַזוי! דער באַזיצער פונ׳ם דאָרף אַל! — ווערד זי גאָר נתפעל.

ליעגט שוין דער „פנים יפות“ צוגעמאַכט אויף מיין שויס. און, להבדיל, איהר ביכעל צוגעמאַכט אויף איהר שויס. זי קוקט אויף מיר מיט גרויס דרך ארץ: „דעם פריץ׳ס איידעם!“

„חשוב'ער שכן" (שאַנאָוונע סאָנסיאַד) איז שוין פאַר מיר אַ קליינער טיטעל. איך בין שוין ביי איהר אַ „זעהר בכבוד'ער שכן" (טשציגאָדנע סאָנסיאַד), נאָך מעהר: אַ „גרויסמעכטיגער האַר" (וויעל־מאָזשנע פאַן).

עפענט אויף מיין שכנ'טע איהר לעדערנע האַנד־טאַש. נעמט זי פון דאָרט אַרויס אַ קליין שאַכטעל מיט דינע ציגאַרעטלעך. צינדט זי פאַר זיך אָן אַ ציגאַרעטעל. — זעה איך דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבען אַ אשה רויכערן. ווער איך נשתומם. „צופיל חוצפה!" — האַלט זי באַלד דאָס קליינע שאַכטעל אויך פאַר מיר. בעט זי „זיסלעך" אַז דער זעהר בכבוד'ער שכן, דער גרויסמעכטיגער האַר, זאָל פאַר זיך אויך נעמען אַ ציגאַרעטעל. — איז מיר אין דער התחלה דער גאַנצער עסק ניט ניחא. „צופיל חבר'שאַפט..." אָבער — פאַר דעם פריץ'ס איידעם פאַסט עפעס ניט אַזאַ פריצה אָפצוזאָגען...

מוז דעם פריץ'ס איידעם באַלד ווייזען אַז ער איז אויך ניט קיין „נעכטיגער", אויך ניט אבי־ווער. עפען איך אויף אונזערס אַ קויבעריל. נעהם איך אַרויס דאָס פלעשעל סליוואָוויץ, די צווי קליינע גלעזלעך און עטליכע אייער־קיכלעך. בעט איך די „זעהר בכבוד'ע שכנ'טע" צו פאַרזוכען פונ'ם אַלטען פסח'דיגען סליוואָוויץ. לאָזט זי זיך ניט לאַנג בעטען. בשעת איך מאַך מיט די ליפען אַ שטילע ברכה, זופ אָפ אַביסעל פונ'ם גלעזעל, כדי ניט אָנגערופען צו ווערען אַ „גרגרן", אַ זליאָגער, האָט מיין זעהר בכבוד'ע שכנ'טע שוין אויסגעליידיגט איהר גלעזעל ביז צום דנאָ, שוין אַריינגעביסען אין דעם אייערקיכעל, און — איך פול איהר שוין אָן דאָס צווייטע מאָל איהר גלעזעל.

*

אַביסעל דערקוויקט דאָס האַרץ קוק איך ווידער אַריין אין מיין „פנים יפות" און מיין שכנ'טע קוקט ווידער אַריין אין איהר ביכעל ווי פריהער. אָבער — נישט זי און נישט איך זיינען איצט אויסגעדרעהט מיט'ן פנים צו דער שויב.

איז דאָך ווינטער־צייט. צוויי וואָכען נאָך חנוכה. פאַלט באַלד צו די נאַכט. — אפילו גראָד אַ לויטערער הימעל. די לבנה איז אין

מיטען חודש. אָבער לייענען בײַ דעם ליכט פון אַ לבנה, וואָס דורך די האַלב־צוגעפרוירענע שויבען שווינדעלט עס פאַר די אויגען, איז ניט כדאי. — קוקט מײַן שכנ׳טע מיך אָן און איך קוק זי אָן. װערד באַלד צווישען אונז פאַרפיהרט אַ גאַר ברייטער שמועס. דער־צעהלט מיר שוין די „פריצה" ווער און פון וואַנען זי איז. הער איך אַז זי איז דאָס ווײַב פונ׳ם לאַנדעס־געריכטס־ראַטה ק. אין טאַר־נאָפּאָל. — בליצט בײַ מיר אין מוח פלוצים אויף אַ מחשבה, וועלכע האָט אַ נאָהנט שייכות צום „בלבול" פון מײַן שווער. — וואַרף איך, אין פאַרבינדונג מיט דער אויפגעבליצטער מחשבה, אַ בליק אויף מײַן, אין דער גאַנצער לענג פון דער מיטעל־באַנק אויסגעשטרעקטען, שווער. מאַכט ער נאָך אַליין, אויס דעם אין דעם קאָלנער פונ׳ם שאָפּענפעליץ אײַנגעוויקעלטען קאָפּ, זײַן „נאָז־מוזיק".

*

ס׳איז אַרום זעקס אַ זייגער אויף דער נאַכט. מײַן מאָגען „רײַ־דעט ווערטער". טרייסעלנדיג זיך אין דעם פּאָסט־וואָגען שעה׳ן־לאַנג באַקומט מען הונגער ווי אַ וואָלף. שפּרייט איך אויס דעם קאָץ אויף מײַן שויס. עפען איך דאָס קויבעריל מיט די פליישיגע מאכלים. ציה איך אַרויס פאָלקעס פון די היהנער און קאַטשקעס וואָס מײַן שוויגער האָט אַליין כשר געמאַכט. פאַרבעט איך מײַן שכנ׳טע, דאָס „ווײַב פונ׳ם טאַרנאָפּאָלער לאַנדעסגעריכטסראַטה", זי זאָל מיט מיר מיטעסען. איז מײַן שכנ׳טע קיין פוילע ניט. ציהט זי צו זיך צו דעם עק פונ׳ם קאָץ אויף צוצודעקען אויך איהר שויס. עסט זי „אויף בײדע באַקען" און צוקייעט אפילו די פון מײַן שוויגער אַרומ־געטאַפּטע בײַנדלעך.

נעהם איך אַרויס צוויי פלאַשען ווײַן און צוויי ווײַן־גלעזלעך. בין איך נזהר איהר צו געבען אַ אייגענע פלאַש און אַ אייגען גלעזעל.

— „זאָל זיך דעם לאַנדעסגעריכטסראַטה׳ס ווײַב מוחל זײַן אַליין אָנגיעסען פון איהר פלאַש אין איהר גלעזעל אַרײַן..."

איז איהר פלאַש באַלד כמעט אויסגעלײדיגט. פלאַמען בײַ איהר די באַקען. גלאַנצען בײַ איהר די אויגען. זעהט זי מיך שוין ווי אַ

יונגענמאַנטשיק פון צוואָנציג יאָהר. בין איך בײ איהר שוין ניט מעהר דער „זעהר בכבוד'ער שכן“ און ניט מעהר דער „גרויסמעכטיגער האַר“ נאָר גאָר דאָס „קאָכאַנע דזיעצקאָ“, דאָס „ליעבע קינד“.

צוליעב דעם „ליעבען קינד“, וועלכעס איז אַביסעל שטומפּיג אויף דעם פּוילישען לשון, הויבט זי אָן מיט מיר צו רײדען דײטש.

וויל זי מיר ווײזען אַז זי איז אויך בקי אין די ספרים פון דיִ דײטשען. זאָגט זי מיר נאָך אויסענווײניג, מיט איהר ווײכער פּוילישער „ל“ דאָס בריוואַלע פון אָפעליאַ צו האַמלעט:

צווײפלע אַן די זאָננענקלאַרהײט
צווײפלע אַן דער שטערנען ליכט
צווײפלע אָב ליגען קאַן די וואַהרהײט
נור אַן מײנע ליעבע ניכט.

דערבײ בויגט זי זיך מיט איהר אויבערשטען חלק פונ'ם גוף אַריבער איבער מײן לינקען אַקסעל. זי האָט שוין גאָר מיר „אײנצורײדען אַ סוד אין אויער אַרײן...“

ס'ווערד מיר הײס אין אַלע אברים. „אַ שענע באַשערונג. אַ מבוסמ'דיגע פּריצה!“

איך וואַרף אַ בליק אויף מײן שלאָפענדיגען שוועהר. „ס'פעהלט מיר נאָך אַז דער שוועהר זאָל זיך גראָד אין דער רגע אויפכאַפּען פונ'ם שלאָף!...“

מאַך איך אַ קלויז־שטוטשקאַלע. בעט איך די פּריצה שמײכעלנדיג אַז זי זאָל מיר העלפען צונויפ'לעגען דעם אויף־אונזער־בײדענס־שוים אויסגעשפּרײטען קאָץ. און איך זאָג, אַזוי ווי צו מיר אַלײן, מיט אַ קול וועלכעס שטײגט יעדעס מאָל העכער:

— דאָס שטעטעל קאָפּיטשינעץ און דאָס שטעטעל טרעמבאָוולע זײנען מיר שוין אַריבער. אָט אָט זײנען מיר אין מיקולינעץ. ניט ווײט פון טאַרנאָפּאָל!

כאַפּט זיך מײן שוועהר אויף פונ'ם שלאָף. קוקט ער אויפ'ן זײגער. ס'איז קרוב צו זיבען. מאַכט ער מיט בײדע הענד צורעכט די אין שלאָף צובאָרשטענע פּאות. גלעט ער זיך אויס די באָרד. און דרעהט זיך אויס מיט'ן פּנים צו אונז.

שטעל איך איהם פאָר די פּריצה:

—דאָס ווייב פונ׳ם לאַנדעסגעריכטסראַטה ק. אין טאַרנאָפּאָל.

— אייער חשוב׳ער איידעם — שמייכעלט די פריצה זיסלעך — האָט מיר שוין געזאָגט ווער דער גרויסמעכטיגע האר איז: דער באַזיצער פונ׳ם דאָרף אַל.

מיין שוועהר פאַרבויגט זיך פאַר דער פריצה שווייגענדיג.

*

געשעהט אַ נס איבער אַלע נסים: מיין מבוסם׳דיגע פריצה איז באַלד אַ אויסגעניכטערטע. איהר „קאָכאַנע דזיעצקאָ“ מעג זיך שוין ווידער אויסדרעהן מיט׳ן פנים צו דער שויב און אַריינקוקען אינ׳ם בעל־הפלאה׳ס „פנים יפות“ אויף תורה. זי, דעם לאַנדעסגעריכטסראַטהס ווייב, איז שוין גאָר געשמאַק עוסק מיט דעם אַלטען „זעהר בכבוד׳ן האַר“.

מיין שוועהר קען אפילו ניט קיין פויליש מיט׳ן דקדוק, אָבער ס׳געהט ביי איהם ווי אַ וואַסער. ס׳איז שוין גאָר צווישען זיי ביידע אַ „אַלטע חבר׳שאַפט“. מ׳שמועסט זיך איבער אויף פויליש. זי דערצעהלט איהם און ער דערצעהלט איהר.

איז מיין שוועהר אַ ייד אַ חכם. פאַרגעסט ער נישט, אַזוי בדרך אגב, דער פריצה צו דערצעהלען די גאַנצע מעשה פון דעם בלבול וואָס ער האָט נעביך איצט אויף זיך. מאַכט די פריצה אַ רחמנות׳דיג פנים. — אַ באַרמהערציגע. זי פיהלט זיין צער... — פאַרטראַכט זי זיך אויף אַ רגע. און באַלד באַלד — פאַלט זי אויף אַ המצאה:

— זאָל זיך דער גרויסמעכטיגער האר גוט צוהערען צו מיינע רייד. אָט דאָ אין דער דעלעזשאַנס האָב איך פאַרגעסען מיין לעדערנע האַנד־טאַש... נאָך מיין אַוועקגעהן האָט דער זעהר בכבוד׳ער האַר מיין האַנד־טאַש געפונען... אַ האַלבע שעה שפּעטער ברענגט מיר אָפּ דער גרויסמעכטיגער האַר מיין פאַרגעסענע האַנד־טאַש צו מיר אַהיים...

ביי מיין שוועהר פונקלען די אויגען.

*

אָנגעקומען אין דער טאַרנאָפּאָלער אכסניא, אָפּגעסוד׳ט זיך מיט זיין אַדוואָקאַט, איז מיין שוועהר „בודק“ די „פאַרגעסענע“ לעדערנע האַנד־טאַש. איז דאָרט פאַרהאַנען אַ שאַכטעל מיט צוויי איבריג־

געבליבענע דינע ציגאַרעטלעך, א אַלט-געבאַקען זעמעל, אַ אויס-געליידיגט שאַכטעל פון פודער, אַ צובראָכען שפּיגאַלע, און — אַ „מטמון" געלד: אַ גאַנצער פינפער באַנק-נאָט, חוץ קליינע מטבעות.

געהט מיין שוועהר אַוועק אָן אַ זייט. פאָרעט ער זיך אין זיין בוזעם-קעשענע. און — לאָזט פון דאָרט אַראָפּ אין דער „געפונענער" האַנד-טאַש אריין אַ „גאַנצע אפותיקי".

אָפּגעבראַכט „די מציאה" איז די פריצה מלא גדולה. געכאַפּט אַ בליק אין דער פאַרלוירענער האַנד-טאַש — ס'פעהלט ניט אַ פּאָרעם . . .

—פאָרט פאַרהאַנען גוטע עהרליכע מענשען אויף דער וועלט!

„זי וויים גאָר ניט ווי אַזוי זי זאָל דעם גרויסמעכטיגען האַר אָפּ-דאַנקען דערפאַר וואָס ער האָט זיך אַליין מטריח געווען . . ." זי בעט איהם זיצען. זי שטעלט איהם פאָר פאַר איהר מאַן, דעם לאַנ-דעסגעריכטסראַט . . . זי דערצעהלט שוין באַלד פון דעם שרעקליכען בלבול וואָס דער „זעהר בכבוד'ר האַר" האָט נעביך אויף זיך. און — זי לעגט נאָך צו אַ פלעסטערעל:

—דער אַרבייטער איז דאָך גאָר באַשעפטיגט געווען אין אַ אַנדערער אָפּטיילונג פון דער גאָראַלניע. צו-וואָס האָט ער געדאַרפט קריכען אין דעם חדר וואו ס'געפינט זיך דער זידענדיגער קעסעל?!

*

ווען דער שוועהר איז דעם צווייטען טאָג אַרויס אַ באַפרייטער האָט ער אַזוי ווי צו זיך אַליין גערעדט נאָכמאַכענדיג דעם רבי'ס שטיל-האַלב-וויינענדיג קול:

— נו. כ'האָב דאָך שוין געזאָגט. מיט השם יתברך'ס הילף. איהר פאָהרט אם ירצה השם מאָרגען מיט דער דעלעזשאַנס קיין טאַרנאָפּאָל .

XI.

געקוואָקעט אויף א „משכיל".

. . . נאָך געצעהלטע זעקס חדשים, לא-עליכם, אַ אלמן. צוריק געקומען פונ'ם „פּריצישען הויף" אין מיין קליין שטעטעל

אַריין, צו די אָרימע טאַטע־מאַמע, מיט אַ פּעע׳נעם־פוטער, מיט אַ גילדענעם זייגער און — מיט אַ „אויפגעריסענעם האַלז״.

און — צוריקגעקומען אין מיין אַמאָליגער סאַדיגורער קלויז אַריין אַ ניט־מעהר־היימישער, אַ מבולבל׳דיגער, אַ ספק־חסיד ספק־משכיל.

אַרויסגעכאַפּט פון׳ם אויווען אַ ניט־דערבאַקענער. פון איין זייט נאָך רויה און פון דער צווייטער זייט שוין אַביסעל צוגעברענט...

בין איך נאָך געצעהלטע זעקס חדשים ניט בלויז אַ אַלמן אָבער אויך — נאָך איידער איך גיב מיר אַליין אָפּ אַ חשבון — אַ „גרוש״, אַ געגט׳ער פון דער מיר פון דער יוגענד אַזוי ליב און אַזוי טײַער געוועזענער למדנ׳שאַפט, וואָס מיינע אַמאָל אָנגעשריבענע „חידושי רדי״ז״ זיינען פאַר איהר געווען די טײַערסטע „כלה־מתנות״.

ניט קיין געשוואָלענע מליצה, ניט „פאַרזוכט פון׳ם עץ הדעת און אַרויסגעטריבען אָדער אַליין אַרויסגעלאָפען פון דעם ביזהער בײַ מיר איינציגען גן עדן״. נאָר גאָר פשוט: „מצא אחרת נאה הימנה״, דאָס מיינט געגלוסט צו אַ פילגש מיט חן־גריבאַלעך.

געגאַנגען אין מיין אַמאָליגער קלויז אַריין. געפּרופט לערנען מיט דעמזעלבען חשק און מיט דערזעלבער התמדה ווי פריהער. איז מיך מעפיסטאָ, דער שטן פון געטהע׳ס „פויסט״, מבטל פון׳ם לערנען.

ווידער אַריינגעקוקט אין די חסידישע און קבלה־ספרים, אויף צו פאַרטרייבען דעם שטן — שטעהן פאַר מיר דער „התועה בדרכי החיים״, „דאָס פּוילישע אינגעל״ און „יעקלע קונדס״ און לאַכען מיר אין די אויגען אַריין.

ממש אַ איבערקעהרעניש. איך זעה אַלצדינג דורך אַ אַנדערער בריל. דאָס וואָס ס׳איז בײַ מיר פריהער געווען אַ ודאי איז היינט בײַ מיר — לכל הפחות אַ ספק.

צווישען מיר און מיינע אַלטע חברים דערפיהלט זיך אַ פרעמד־קייט. אָט ערשט פאַר זעקס חדשים אַוועק פון זיי אַ גלייכער און צוריק געקומען גאָר אַ אַנדערער. איך געטרוי מיר נאָך אַליין ניט דאָס אַרויסצוזאָגען, אָבער בײַ מיר אין מוח פּלאָנטערט זיך אַ אַנדערע באַצייכנונג פאַר זייער תמימות. מיר דאַכט זיך שוין אַז דאָס איז ט פ ש ו ת...

דאַכט זיך גאָר אַז זיי קוקען מיך שוין אויך אָן מיט אַנדערע אויגען . . .

און דאָס פרעמדקייט, דאָס דערווייטערטקייט פון אייגאַנדער, פאַרגרעסערט זיך וואָס אַמאָל מעהר און מעהר.

מיין בעסטער און אפשר גאָר מיין איינציגער חבר ווערד איצט אַ יונגערמאַן, וועלכען איך האָב שוין פריהער געקענט אָבער מיט איהם קיינמאָל קיין שייכות ניט געהאַט.

דאָס איז אַ יונגערמאַן, אויס דעם שטעטעל מאַנוסטרישטש, וועלכער האָט פאַר צוויי יאָהר חתונה געהאַט מיט אַ זאַלישטשיקער אלמנה׳ס אַ טאָכטער, אַ בת יחידה. ווייסט אייגענטליך קיינער ניט וואָס ער אַליין איז. מ׳ווייסט נאָר אַז ער איז דער אלמנה׳ס איידעם. האָט די אַלמנה אַ געוועלבעל נאָך פון איהר מאַן׳ס לעבען, איז איהר איידעם איצט דער געוועלבער. און האָט איהר מאַן איבער־געלאָזט אַ אייגענע „שטאָט" אין דער סאַדיגורער קלויז איז דער איידעם דער יורש. — קומט ער שבת און יום טוב, און אָפטמאָל אויך אין אַ וואָכענטאָג, דאַוועגען אין קלויז אַריין. טשעפּעט דער יונגערמאַן קיינעם ניט און קיינער טשעפּעט איהם ניט. ווייסען אפילו חסידים אַז ער איז נ א ָ ך נ י ט זייערער. ניט דאָס וואָס זיין שווערער, עליו השלום, איז געווען. אָבער די „שטאָט" איז זיינע, ביי אַ עליה איז ער מנדר ניט ווי אַ קמצן, און אפילו ווען מען מאָהנט ביי איהם אַמאָל אויף „תיקון" זאָגט ער זיך אויך ניט אָפּ, און — וואָס האָבען זיי און וואָס קענען זיי האָבען אַקעגען איהם?!

איז די מעשה פון מיין חבר׳שאַפט מיט איהם ניט קיין פשוט׳ע:

אין אַ זומערדיגען נאָכמיטאָג, געה איך פאַרביי דער אלמנה׳ס קראָם. זיצט דער יונגערמאַן, דער אַלמנה׳ס איידעם, איינער אַליין ביים געוועלב־טיש און קוקט אַריין אין אַ ספר. בין איך דאָך אַ פלאָקען־שיסער, אַ ספר־מענש, לאָזט עס מיך ניט איינרוהען. ס׳ווילט זיך עפּנען דאָס טעוואַלע און כאַפּען אַ קוק אויפ׳ן שער. „אפשר גאָר אַזאַ ספר וואָס איך האָב נאָך ניט געזעהן". מאַך איך מיר אַ אויסרייד. געה איך אַריין אין געוועלב עפּעס קויפען. דערזעהט מיך אָבער דער געוועלבער כאַפּט ער שנעל, ווי אַ דערשראָקענער, דאָס ספר און באַהאַלט עס אין דעם שופלעדעל פונ׳ם געוועלב־טיש. —

איז מיר דאָס שטאַרק קשה. פונדעסטוועגן מאַך איך מיך ניט־זעהנדיג, און — גאָר־ניט.

דאַכט זיך אָבער אַז נאָך מיין אַרויסגעהן פונ'ם געוועלב האָט דער יונגערמאַן, דער אַלמנה'ס איידעם, אַרויסגעפונען אַז זיין דערשרעקעניש האָט געדאַרפט ביי מיר דערוועקן אַ חשד. קומט ער פאַרנאַכט אין קלויז אַריין דאַווענען מנחה און מעריב. באַמערק איך אַז ער לאָזט פון מיר כמעט קיין אויג ניט אַראָפּ. וואו איך געה און וואו איך שטעה באַגעגנען מיך זיינע בליק. געה איך נאָך מעריב אַרויס פון דער קלויז אויף אַהיים צו געהן, דערזעה איך דעם יונגענמאַן געהנדיג ביי מיין לינקער זייט. קניפּט ער באַלד אָן, גאָר ניט ווי זיין טבע איז, מיט מיר אַ גאַנצען שמועס. און ער דערצעהלט מיר פון דער העלער הויט אַ גאַנצע היסטאָריע:

— געפאָהרען אַ טשאַרטקאָווער בחור קיין טשערנאָוויץ אויף צו שטודירען בוכהאַלטעריע. טרעט ער אָפּ אין זאַלישטשיק. ער זאָגט זיך אָן קורבה'שאַפט מיט מיין שוויגער. פעהלט איהם אויס עטליכע גילדען אויף הוצאות. באָרגט ער זיי ביי מיר און לאָזט מיר צוריק פאַר אַ משכון עטליכע ספרים'לעך. זיץ איך היינט אין געוועלב און קוק אַריין אין איינעם פון די דאָזיגע ספרים... דאַכט זיך אַז דו ביזט גראָד דעמולט אַריינגעקומען עפּעס קויפען... געפעלט מיר אין דער התחלה דאָס ספר גאָר און גאָר. אַ חסידישער שמועס אין דעם לשון פון „אנשי שלומנו“... אָבער וואָס מעהר איך קוק אַריין פאַר'גנב'ט זיך ביי מיר אַ חשד אַז דער מחבר איז גאָר אַ מה־יעשה'ניק, אַ ימח־שמו'ניק, וועלכער מאַכט חוזק פון די חסידים...

— אַזוי! — זאָג איך — איך וואָלט אַ בעלן געווען דאָס ספר'ל צו לייענען. אפשר האָסט דו גאָר אַ טעות.

— געה, געה — זאָגט ער תמימות'דיג — ס'איז ניט פאַר דיר. מיר טהוט באַנג וואָס איך האָב עס געלייענט. ס'צושרויפט דעם מוח.

— ווי רופט זיך אָן דאָס ספר'ל?

— אַ נאָמען האָט עס ווי עפּעס רעכטס, ווי, למשל, דער „מגלה עמוקות“. ס'רופט זיך אָן „מגלה טמירין“, דער אַנטפּלעקער פון סודות.

דערהערט „מגלה טמירין” טהו איך אַזש אַ ציטער. דאָס איז דאָך דאָס ספר'ל וואָס דער יידישער לעהרער אין מיין געוועזענעם פריצישען הויף האָט מיר דערפון אַזוי פיל דערצעהלט... מ'זאָגט אַז דער מחבר דערפון איז אַ טאַרנאָפּאָלער ייד, אַ אפיקורס מיט'ן נאָמען יוסף פערל, וואָס די חסידים רופען איהם, „יוס'לע טודרוס” און שפּייען אויס מיט אַ „שקץ תשקצנו” ביים אָנרופען פון זיין נאָמען... דער הויפלעהרער האָט דאָס ספר'ל אַפילו געלויבט און דאָך ניט גע־לויבט. איהם, דעם מתנגד פון רבי'ס איז עס געפעלען, פונדעסטוועגען איז עס איהם ניט אינגאַנצען רעכט געווען. „צופיל ליצנות”. „ס'שמעקט נאָך להכעיס'דיג אַפיקורסות”... אָבער איך האָב דוקא וועגען דעם שוין לאַנג משתוקק געווען דאָס דאָזיגע ספר'ל צו לייענען. — לאָז איך דעם יונגענמאַן שוין ניט אָפּ. איך באַגלייט איהם ביז צו זיין היים, און ער מוז דאָס ספר'ל מיר אויסבאָרגען.

געפונען זיך צווישען די ספרים, וואָס דער טשאָרטקאָווער בחור האָט איבערגעלאָזט פאַר אַ משכון, גאָר חדוש'ליכע זאַכען. ס'גע־פונט זיך דער „הצופה לבית ישראל” פון יצחק ערטער, ס'געפונט זיך דער „פרחי צפון” פון אברהם גאָלדבערג, און נאָך און נאָך... קום איך שוין עפטערס צו דעם יונגערמאַן מיר אויסבאָרגען אַ ספר נאָך אַ ספר.

האָט זיין שוויגער, די אַלמנה, גרויס הנאה וואָס איך, דער אויס־גערופענער „זיידענער יונגערמאַנטשיק”, דער חסידישער למדן, חבר זיך מיט איהר איידעם. און דער אַלמנה'ס טעכטער'ל, איהר בת יחידה, באַריהמט זיך מיט מיין חבר'שאַפט צו איהר מאַן פאַר איהרע חבר'טעס. אָבער — די גרעסטע הנאה האָבען איך און דער יונגערמאַן אַליין פונאיינאַנדער. מיר דער־קענען זיך באַלד. איך וויים שוין אַז די גאַנצע מעשה מיט דעם טשאָרטקאָווער בחור איז פון איהם אַ אויסגעטראַכטע. די ספרים זיינען זיינע אייגענע. אַ טהייל פון זיי האָט ער מיט זיך מיטגעבראַכט פון זיין היים, פון מאַנוסטרישטש, און אַזוי אָפט ער פאָהרט קיין טשערנאָוויץ איינקויפען סחורה, פאַר'ן געוועלב כאַפּט ער זיך אַריין אין אַ ספרים־געוועלב און קומט ניט אַהיים ליידיג. און ער ווייסט שוין פון מיר דאָס וואָס ער דאַרף און מעג וויסען... ער ווייסט אפילו אַז איך אַליין קוואָקע שוין אויף אַ

שרייבער. ווען איך האָב איהם איינמאָל געבראַכט אַ מיט לשון־הקודש׳דיגער מליצה פון מיר אַליין אָנגעשריבענע װאַלישטשיקער מעשה (אויס װעלכער ס׳איז בײ מיר שפּעטער אַרויס מײן דערצעהלונג „זכרונות״) האָט ער — באַטראַכטס עס ניט פאַר אַ איבריגע באַריה־מעריי — פאַר גרויס התפעלות מיר ממש אַ קוש געגעבען אויפ׳ן שטערן.

*

איז דער דאָזיגער יונגערמאַן ניט בלויז פאַרקאָכעט אין העברעאיש. ער כח׳ט זיך אויך אין יידיש. מעהר אין יידישע לידער ווי אין יידישע מעשה־ביכלעך. און — מעהר צוליב זיין שוויגער און צוליב זיין װײבעל ווי צוליב זיך אַליין.

אַ לעבען, אַ געזונד אויף דעם דאָזיגען יונגענמאַן! כמעט דריי יאָהר כסדר, זייט דער פּטירה פון זלמן חיים שמואל׳ס, איז בײ רחל מרים־פייגע׳ס אין שטוב ממש אַ טרויער, ווי אויף חורבן בית המקדש. אַ פאַרביטערטע אַלמנה און אַ פאַרפינסטערטע יתומה. פאַרשטערטע שבתים און פאַרשטערטע ימים טובים. ס׳פעהלט אַ מאַנספּאַרשוין. ער פעהלט אין שטוב און פעהלט אין קראָם. איז זיך דער דיין פון די אלמנות און דער טאַטע פון די יתומים מרחם און שיקט צו פאַר רחל׳ס בת יחידה אַ זיווג. און נאָך וואָס פאַר אַ זיווג! בײ זיין קומען װערד ליכטיג אין אַלע ווינקאַלעך. אַ יונגערמאַן, אַ שענער, אַ געלערנטער, אַ פרומער און דערבײ אַ פאַרטיגער סוחר. זיין טאַטע האָט אין זיין שטעטעל אויך אַ קראָם מיט דערזעלבער סחורה, און ער, דעם טאַטע׳ס עלטעסטער בחור, איז אין דער לעצטער צייט שוין געווען דער גאַנצער פאַר׳אָרגער, געפאָהרען קיין סטאַניסלאַוו אײַנקויפען און אין דער היים אויסגעהאָלפען ביים פאַרקויפען.

ווערד בײ רחל מרים־פייגעס אין שטוב ניט בלויז ליכטיג. ס׳ווערד אויך גאָר־פרעהליך: דער אין קלויז שוויגענדיגער, אין געוועלב ערנסטער, שטיל׳ער יונגערמאַן, איז אין דער היים גאָר אַ אַנדערער פאַרשוין. חוץ זיין בנעימות׳דיג ריידען מיט זיין ווייבעל און מיט זיין שוויגער האָט ער אַ חזנ׳יש קול און האָט זעהר ליב צו זינגען. און — ער זינגט פאַר זיי דוקא יידישע האַרציגע לידער.

נאָך בחור־ווייז, ווען די בראָדער זינגער זיינען, אַרומפאָהרענדיג איבער די שטעט און שטעטלעך, מגולגל געוואָרען אין זיין סביבה,

איז ער זיי כמעט נאָכגעלאָפֿן. — אין זיין שטעטעל, אין מאָנוסטרישטש, האָט עס פאַר איהם, פאַר „אַ טאַטעס אַ קינד", ניט געפּאַסט אַריין צו געהן אין דער אכסניא אָדער אין דעם קעלער וואו די בראָדער האָבען געזונגען. אַהין קומען שניידער-און שוסטער-יונגען, משרתים און דינסט-מוידען... אָבער אַזוי ווי ער האָט זיך דער-וואוסט אַז זיי זיינען אין סטאַניסלוי אָדער אין בוטשאַטש איז ער באַלד דאָרט אויסגעוואַקסען. דאָרט מעג ער. דאָרט קען איהם קיינער ניט...

זינגט דער יונגערמאַן אַלע לידער און לידלעך פֿון די בראָדער זינגער. זינגט ער זיי מיט'ן קנאַק. ווערד ביי רחל מרים-פֿייגעס, ביי זלמן חיים שמואל'ס אלמנה, אַ שטוב פֿון זינגעכטס. זינגט שוין אסתר'ל, דאָס שטילע כשר'ע לעמאַלע, אַלע לידער און לידלעך מיט איהר מאַן מיט. צוגעהט זיך איהר דין קול'כעל איבער דער גאַנצער ברייטקייט פֿון דער שטוב. און — אפילו רחל די אלמנה דערמאָהנט זיך אָן איהרע מיידלישע פֿאָלקס-לידלעך. ברומט זי זיי שטילערהייט. זינגט זי און קרעכצט, קרעכצט זי און זינגט.

ווערען שפּעטער די לידער פֿון די בראָדער זינגער שוין אַביסעל צוגעגעסען. קומט איינמאָל דער יונגערמאַן אויס טשערנאָוויץ. האָט ער דאָרט זוכה געווען צו זעהן וועלוועל זבאַראַשער אַליין און פֿון איהם אַליין צו הערען זינגען זיינע לידער אין יידיש און העברעאיש. געהט שוין ביי רחל דער אַלמנה אַ נייַע סדרה. מ'זינגט וועלוואַלעס שירים.—איז אפילו אַמאָל דער שוויגער וועלוואַל'עס אַ ליד ניט זעהר ניחא. אָבער — ווען איהר איידעם חזר'ט איבער דאָסזעלבע ליד אויף לשון הקודש, אויף דעם לשון פֿון איהר קרבן-מנחה-סידור, ווערד זי ביי זיך אַליין בטל...

הויבט אָן נאָך שבועות פֿונ'ם יאָהר תרל"ה (1875) אַרויס צו געהן אין לעמבערג אַ יידישע וואָכען-צייטונג מיט'ן נאָמען „ישראליק". — די צייטונג ווערד אַרויסגעגעבען „פֿאַר כל ישראל" פֿון צוויי אויס רוסלאַנד געקומענע שרייבער. איינער מיט'ן נאָמען יצחק יואל לינעצקי און דער צווייטער מיט'ן נאָמען אברהם גאָלדפֿאַדען. — איז מיין נייער חבר דער איינציגער אין זאַלישטשיק, וועלכער שרייבט די דאָזיגע צייטונג אויס. ניט אויף זיין אייגענעם נאָמען נאָר אויף דעם

גאָמען פון זיין שווינער. — ווערד ביי רחל מרים־פייגעס, ביי זלמן חיים שמואל׳ס אלמנה אַ שטוב פון לאַכען. ווען אין דער ציטונג איז פאַרהאַנען עפעס לאַכענדיגעס לייענט עם דער יונגער מאַן פאַר זיין ווייבעל און זיין שווינער. און — פרעגטס גאָר ניט. די גאַנצע שטוב קויקעלט זיך פאַר געלעכטער.

דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבען האָב איך דעמולט געהערט אַזאַ פעט געלעכטער ווען מיין חבר האָט אין אַ שבת־צו־נאַכטס געלייענט אין „ישראליק" אַ מעשה מיט אַ יידענע וואָס איז געקומען צו אַ דאָקטאָר, זיך געקלאָגט אַז אַלע אברים טהון איהר וועה און זי אַליין איז אויך עפעס ניט מיט אַלעמען. ניט בקו הבריאות. — דערביי עפענט די יידענע איהר לייבעל פון פאָרענט און ווייזט דעם דאָקטאָר אַ אָנגע־צווינגענעם בלאַטער אונטער איהר אָרעם. פרעגט דער דאָקטאָר די יידענע זייט ווען זי האָט די „מכה". ענטפערט זי: „זייט תשעה באב". ווייסט דער דאָקטאָר, מחילה, ניט וואָס דאָס איז אַזוינס תשעה באב. דערקלערט איהם די יידענע אַז דאָס איז דער טאָג אין וועלכעם דאָס בית המקדש איז חרוב געוואָרען. ווערד דער דאָקטאָר מלא כעס. ביי־זערט ער זיך אויף דער יידענע: „היתכן?! שוין אַ ערך פון צוויי טויזענד יאָהר האָט איהר די מכה און ערשט היינט קומט איהר צו מיר?!" צולאַכט זיך די יידענע אַזוי איבער דעם נאַרישען דאָקטאָר אַז — דער אָנגעצויגענער בלאַטער שפרונגט פון זיך אַליין אויף.

*

זינגט מען און לאַכט מען ביי מיין חבר אין שטוב. בין איך דאָך שוין דאָרט אַ גאַנצער בן בית. הער איך מיך צו צו פיל לידער מיט גרויס כוונה. און כמעט יעדען שבת נאָכמיטאָג כאַפּ איך מיך צו איהם אַריין איבערלייענען דעם „ישראליק".

איז לינעצקי מיר שוין באַקענט. אין דאָרף ביים הויפלעהרער האָב איך שוין געלייענט זיין ספר׳ל „דאָס פוילישע יינגעל". אָבער גאָלדפאַדען ערשט איצט דורך זיין שרייבעכטס אין דער ציטונג. מאַכען שוין דעמולט די ביידע פאַרשווינען אויף מיר לויט זייער שרייבעכטס, אַ אייגענעם רושם: לינעצקי האַלט זיין האַנד הינטער מיין אָרעם אויף מיך כסדר צו קיצלען. דערביי זיינען זיינע שפיץ־פינגער שטעכענדיג. אָבער גאָלדפאַדען גלעט מיך מיט זיין סאַמעט־ווייכער דלאָניע איבער מיין

בעקל און גיבט מיר דערביי אַ ליבליך פעטשל. ביי לינעצקי בין איך מיר ניט קלאָר אויב ער לעגט ניט אַנידער אויף זיינע קניע „דאָס פוילישע יינגעל" מיט'ן פנים אַראָפּ, אויף צו שמייסען „פון זיין הנאה וועגען". אָבער ביי גאָלדפאַדען פיהלט זיך אפילו אין זיינע בייסענדיגע שירים ליבליכע ווייכקייט, האַרציגע ליבשאַפט צו „זיין אומה, די טייערע, די כשר'ע, די פרומע"...

*

עטליכע וואָכען נאָך חנוכה פונ'ם יאָהר תרל"ו (1876) הערט אויף דער „ישראליק" אַרויסגעגעבען צו ווערען. זעהט זיך דערביי אַרויס דער חילוק צווישען מיר און מיין חבר. איהם איז גאָר ניט פאַרלוירען געגאַנגען. „געלעבט ישראליק — אַ געזונד אויף איהם. געשטאָרבען — ברוך דיין אמת". אָבער איך פיהל אַ אויסטערליש בענקעניש. און נאָך מעהר: מיר דאַכט זיך שוין גאָר אַז דער „ישראליק" איז אַ נויטיגקייט „פאַר כל ישראל", און ווען זיין ליכט איז אויסגעלאָשען וועט כל ישראל „פאַרבלייבען אין דער פינסטער־ניש". — אַ שטילער צער פון אַ נאַר־וואָס אויס דעם איי אַרויסגע־קראָכענען משכיל...

קומט פאַר פורים מיין חבר אויס טשערנאָוויץ. ברענגט ער צוויי ספרים'לעך, איינס אַ העברעאיש'ס און איינס אַ יידיש'ס. רופט זיך דאָס העברעאישע ספר'ל „ציצים ופרחים" און דאָס יידישע „דאָס יודאַלע", זיינעןביידע ספרים'לעך זאַמלונגען פון אברהם גאָלדפאַדען'ס שירים. דערצעהלט מיין חבר אַז ער האָט זיך אין טשערנאָוויץ באַגע־גענט טאַקע מיט גאָלדפאַדען אַליין. גאָלדפאַדען אַליין האָט איהם פאַרקויפט זיינע צוויי ספרים. און דערביי האָט ער איהם אַליין אי־בערגעגעבען די נגונים פון עטליכע לידער, וועלכע געפונען זיך אין זיין יידיש ספר. חוץ לזה האָט איהם גאָלדפאַדען מודיע געווען אַז געקומען איז ער קיין טשערנאָוויץ אויף אַרויסצוגעבען אַליין, אָהן לינעצקי, דעם „ישראליק". ס'וועט זיין דיזעלבע מוהמע יענטע אָבער אַנדערש געשלייערט. צוליב די טשערנאָוויצער און בוקאָווינער „דייטש־מערישע" יידען וועט זיך די צייטונג רופען „איזראַעליטישעס פאָלקס־בלאַט". — וואָס טהוט ניט אַ ייד פון פרנסה וועגען??

געדאַנט בײַ רחל מרים־פײַגעס, בײַ זלמן חײם־שמואל׳ס אלמנה, אין שטוב אַ נײַע סדרה, ניט מעהר די סדרה בראָדער זינגער און ניט מעהר די סדרה װעלװעלע זבאַראַשער. מ׳זינגט און מ׳זינגט גאָלדפאַדענס לידער. מ׳זינגט זײ מיט׳ן קנאַק... אָבער — בײַ מיר אין מוח באַמבעלט זיך גאָר עפּעס אַנדערש. און ס׳באַמבעלט זיך מיט אַזאַ עקשנות אַז ס׳גיבט מיר ממש קײן מנוחה ניט: איך װיל פאָהרען קײן טשערנאָװיץ אויף צו זעהן מיט מײנע אײגענע אויגען אַ יידישען מחבר פון דעם נײַעם מין, אַ העבּרעאישען און יידישען משורר. איך װיל מיט איהם רײדען פּה אל פּה. איך װיל איהם אויך װײַזען מײנע אין לשון הקודש אָנגעשריבענע מעשיות, און הערען זײַן מבינות.

איז אַזאַ נסיעה פאַר מיר ניט קײן קלײניגקײט. מוז איך זאָגען אין קלויז און מוז זאָגען בײַ טאַטע־מאַמע אין דער הײם אַז אַזוי װי מ׳לעגט מיר װיעדער פאָר שידוכים און אַזוי װי איך דאַרף מיך באַלד װיעדער „שטעלען“ פאַר דער „מלוכה־קאָמיסיע“ מ׳זאָל מיך פּרופען אויב איך טויג פאַר אַ זעלנער, װיל איך זײַן אין סאַדיגורא בײַם רבי׳ן, בײַ איהם פרעגען אַ עצה, װעגען די שידוכים און בײַ איהם נעמען אַ ברכה אויף „באַפרײַעט צו װערען פון גוי׳אישע הענד.“ און איך פאָהר.

XII.

אפּגעטהון זיך פון מיר די שכינה.

אַמאָל און הײַנט.

צװײ נסיעות אויף דעמזעלבען װעג פון דעמזעלבען פאַרשוין. און דאָך — װי אַנדערש, װי פאַרשידען.

אַמאָל, נאָך מײַן בר־מצוה:

אַ פרום קלויז־יינגעל מיט קינדיש־תמימות׳דיגער „אמונת צדיקים“. אָבער שוין מיט דעם גאַנצען חסידישען ברען.

געפידלט אַ טיפען צער װען בײַם ראַנגלען זיך מיט׳ן „רוזינערס אַ קינד“ האָט דער „סמך־מם“ שיער ניט גובר געװען. שוין

אַריינגעכאַפּט אידם אין זיינע לאַבעס און פאַרשלעפּט צו איינעם פון זיינע „מלאכי חבלה", צום טשערנאָוויצער דאָקטאָר רייטמאַן.

דערלעבט דעם גרעסטען יום טוב ביי דער סעודה, פון פעטע הערינגע און אַ גאַנץ פּעסעל ביער, וואָס ליבוש ברוך גד'ס, דער זאַלישטשיקער מקורב אים „סאַדיגורער הויף", האָט געמאַכט אין דעם טאָג, אין וועלכעם דער „רבי" האָט צוריקגעקערט צו זיין סאַדיגורער משפּחה. — געזונגען מיט די זינגענדיגע און געהאָפּקעט מיט די האָפּקענדיגע.

באַוויזען מיין „גבורה" ביים באַלד אויסגעבראָכענעם מחלוקת צווישען „צאַנז און סאַדיגורא": מיטגעהאָלפען די אַנדערע קלויז-בחורים ביים אָנטהון אַ שטענדער מיט אַ צובראָכען פּיסעל (דער צאַנזער האָט געהינקט אויף אַ פוס) אין אַ מיט-שטרוי-אויסגעבעטעטען זאַק, ביים אויפהענגען דעם שטענדער אין דער הויך און אידם „פּיצקען" מיט אַ קאַנטשעק פון לעדערנע ריעמען מיט אָנגעגאָסענער סמאָלע אויף די שפּיצען.

דערפאַר האָבען מיך פאַר ראש השנה די קלויז-חסידים אַריינגעפּאַקט אין אַ גרויסער בויד, געמאַכט פאַר מיר אַ שמאָלען פּלאַץ צווישען צוויי עלטערע אויסגעדאַרטע יידען מיט דינע לאַנגע פיס, און מיך מיטגענומען קיין סאַדיגורא צום רבי'ן.

און ס'איז אַ חדוש'ליכע זאַך: גראַד ביי מיין אַריינקריכען אין דער בויד איז מיר פּלוצים געקומען אין זכרון דאָס וואָס מיינער אַ מלמד, וועלכער האָט ליב געהאַט, אַמאָל אין אַ בין השמשות, צו דערצעהלען זיינע קליינינקע תלמידים „גרויסע" חסידישע מעשיות, האָט אונז איבערגעגעבען אַז „ביים וויגאַלע פונ'ם רבי ר' בער האָט זיין טאַטע, דער ריזינער, זכר צדיק לברכה, געזאָגט אַז מיט אידם, מיט דעם נייגעבוירענעם קינד, איז געבוירען געוואָרען דער „אור ישראל", דאָס ליכט פון די יידען..." איצט איז מיר קלאָר געוואָרען פאַר-וואָס דער „סמדם" האָט דוקא אויף א י ה ם געלויערט. און — ביי מיר האָט זיך אָנגעצונדען אַ תשוקה א י ה ם, א י ה ם צו זעהן.

האָב איך שוין געוואוסט אַז ער האַלט זיך אויף ביי זיין שוועסטער גיטאַלע, ר' יוס'לע מאַנזאָהן'ס ווייב, אין איהר הויז, וועלכעס געפונט זיך אַביסעל ווייטלעך פון דער שטאָט, אין דער „דייטשער גאַס".

דאָרט האָט ער זיין „התבודדות־שטיבעל" פון וועלכעס ס'עפנען זיך די פענסטער און ס'עפענט זיך די טהיר אין אַ גאָרטען אַריין. האָב איך שוין געהערט אַז אָפטמאָל, אין אַ באַשטימטער שעה נאָכ'ן וואַרימעס, זיצט ער אין גאָרטען אונטער אַ בוים פאַר'מחשבה'ט, אָדער געהט ער אַרום צווישען די בוימער שפּאַצירען. לויער איך שוין, און מיט מיר נאָך עטליכע פרעמדע באַטאָגטע יידען, ערב ראש השנה, שעה'ן־לאַנג, ביי די גראַטעס וואָס צוימען אַרום דעם גאָרטען. גלאָצען מיר אויף זיין שטיבעל. אָבער — די פענסטער זיינען פאַרהאָנגען און די טהיר עפענט זיך ניט.

ערשט דעם צווייטען טאָג פון ראש השנה, פאַר תקיעת שופר, האָט מען איהם געזעהן זיצען איינער אַליין, אים רבי'נס הויף, ביי אַ אָפענעם פענסטער. — האָבען זיך קופּקאַלעך מענשען פאַר'ן פענס־טער ניט אָנגעזאַמעלט. חסידים האָבען געוואוסט אַז ער איז דאָס ניט גורם און איהם איז דאָס ניט ניחא. נאָר איך, אַ יינגעל וואָס מ'קוקט זיך אויף איהם וויניג־וואָס אום, בין געשטאַנען אין דער זייט, גראָד אַקעגען דעם אָפענעם פענסטער, און געגאַפט. איינגעבויערט מיינע בליק אין זיין צורה, ווי אַ פאַר'כשופ'טער . . .

זיינען מיר ניט בלויז די צוויי ראש־השנה־טעג אָבער אויך אַלע טעג פון מיין פאַרוויילעניש אים רבי'נס הויף ווי „איין לאַנגער טאָג" פון פאַרחלום'טקייט . . . איך געפון מיך אין דעם מקור פון ליכטיגקייט וואָס פון איהם שפריצען און פאַרשפּרייטען זיך די נצוצין אויף דער גאַנצער וועלט . . .

דאָס איז געוועזען אַמאָל . . . און היינט ? . . .

היינט פאָהרט דאָסזעלבע אַמאָליגע קלויז־יינגעל אויף דעמזעלבען וועג. פאָהרט ער איינער אַליין אויף אַ וויי־אויסגעבעטעטען זיץ אין אַ בריטשקע. שמייכעלט ער זיס־זוירלעך צו זיך אַליין.

— אַמאָל אַריינגעפּאַקט אין אַ בויד, געשטויסען פון די אַרו־מיגע עלענבויגענס, האָב איך, דאַכט זיך, קיין שום ענגשאַפט ניט פאַרשפּירט . . . דאָס איז דער סוד פון „עומדים צפופים ומשתחוים רוחים" וואָס מיינט „צונויפגעקוועטשט־שטעהן און אין ברייטקייט זיך פאַרבויגען". די פאַר'שכור'נדע גלוסטיגקייט צו זעהן דאָס פאַרבאָרגענע פּנים פאַרבאָרגענעם הויבט אויף אין דער הויכקייט איבער דעם גע־

דרענגעניש... ווער ענגשאַפּט? וואָס ענגשאַפּט? מ׳זיצט אויפ׳ן שפּיץ־
דאַך... און נאָך העכער...
היינט זיץ איך איינער אַליין אין דער בּרישקע און — ס׳איז
מיר אַ סך אַ סך ווייניגער ווי בּאַקוועם... איך בּין אַ אויסגעניכ־
טערטער... איך זיץ גאָר ניט אַליין... אויפ׳ן וועג קיין סאַדיגורא
צום רבּי׳ן בּאַגלייטען מיך ניי־מאָדנע „מלאכים“. פון מיין רעכטער
זייט ערטער׳ס, הצופה“ און פון מיין לינקער זייט פּערילס „מגלה
טמירין“. זיי מאַכען מיר ענג. זיי דושען מיך. זיי שרייען מיר גאָר אין
די אויערן אַריין אַז איך בּין אַ צבוע׳ק, אַ געפאַרבּטער. בּאשר פאַר
טאַטע־מאַמע און פאַר די זאַלישטשיקער קלויז־חסידים האָבּ איך גע־
זאָגט אַז איך פאָהר צום רבּי׳ן מיך מיט איהם צו בּאַראָטען און אין
אמת׳ן פאָהר איך קיין סאַדיגורא נאָר „אויף יוצא צו זיין“ כדי צו
קענען קומען קיין טשערנאָוויץ אויף צו בּאַגעגנען זיך מיט גאָלדפאַדען.
„אַ משכיל דאַרף אויפהויבּען די פאָהן פון השכלה פאַר דער גאַנצער
וועלט!!!“

*

קום איך אינ׳ם רבּי׳נס הויף. ס׳איז נאָך פּורים. דאָס איז אַ צייט
אין וועלכער ס׳ווערד אַהין גאָר זעלטען פאַרבּלאָנדזעט אַ פרעמדער
אורח. — אין די שבּתים צווישען פּורים און פּסח פּראַוועט דער רבּי
ניט קיין „טיש“. ס׳מאַכט אַ רושם ווי ווען דער גאַנצער הויף, די
גבּאים, די משרתים און די עטליכע געצעהלטע בּאַשטענדיגע „יושבים“
זאָלען האַלטען ביים עפּנען די מיילער אויף צו געהניצען... קום
איך גראָד אין דער דאָזיגער צייט. — דאַכט זיך נאָך גאָר אַז מ׳האָט
שוין פריהער פון דער זאַלישטשיקער קלויז „געגעבּען אַ וואונק“.
— זיינען מיך די גבּאים שטאַרק מקרב. מ׳וויל דעם לומד׳ישען יונ־
גענמאַן, דעם געוועזענעם איידעם ביי אַ יידישען פּריץ, דעם יונ־
גענמאַן וועלכער „הוידעט“ זיך, אַבּיסעל מחזק זיין, דאָס מיינט שטאַר־
קען, אונטערשפּאַרען. טהוט מען מיר אָן אַ בּעזונדערן נחת רוח. פאַר־
בּעט מען מיך שבּת־פריה, נאָכ׳ן דאַווענען, אויף קידוש, צו דער רבּי׳צין.
שטעהט שוין אָנגעגרייט אויפ׳ן טיש אַ גרויסע זילבּערנע טאַץ, אויף
וועלכער ס׳איז פאַרהאַנען אַ זילבּערן פלעשעל אָנגעפילט מיט בּראָנ־
פען, עטליכע גילדענע בּעכער׳לעך און אַ זילבּערן־פאַרגילדעט קוי־

5

בערל אָנגעפילט מיט האָניג־ און צוקער־לעקעך. איז די רביצין, רבי אַהרן קאַרלינער׳ס אַ טאָכטער, אַ יידינע אין די עלטערע יאָהרען. פונדעסטוועגען הויך און גראָד ווי אַ סאָסנע. דרוקט זיך אויס אין איהרע גרויסע אויגען אויף דעם שוואַרצליכען פנים אַ תקיפות׳דיגע קלוגקייט: „זי איז דער שטאַרקער זייל אויף וועלכעם דער גאַנצער הויף שטעהט“... ווען דער גבאי זאָגט איהר ווער איך בין שוועבט אויף איהרע ליפּען אַ „דיפּלאָמאַטישער“ שמייכעל און זי זאָגט אַז זי האָט שוין געהערט פון מיר, פון מיין למדנות און פון מיין פרומקייט... פיהרט מען מיך אַריין מוצאי שבת, נאָך הבדלה, „לפני ולפנים“, אינ׳ם רבי׳נס חדר. האָט דער רבי פאַר מיר חוץ דער עצה און חוץ דער ברכה נ אָ ך ע ט ל י כ ע ג ע צ ע ה ל ט ע ד י ב ו ר י ם... אַ „אויסצייכנונג“ וואָס נאָר גאָר אַלטע מקורבים זיינען אין אַ שעת רצון צו איהר זוכה...

האָט זיך אָבער פון מיר שוין, די שכינה אָפּגעטהון. די אַלע פאַר מיר אַמאָל אַזוי גלאַנצענדיגע אותיות זענען היינט ביי מיר מעהר, אַ סך מעהר, ווי מטושטש.

האָבען זיי שוין „געוויעגט אַ טויט קינד“. גראָד דאָס איבער־טריבענע התקרבות מאַכט מיך נאָך מעהר אָפּהענדיג.

און — ווען איך פאַרלאָז זונטאָג גאַנץ פריה דאָס שטעטעל סאַדי־גורא וואַרף איך נאָך הינטער מיר אַ בליק אויפ׳ן רבי׳נס הויף. ס׳איז־בערוועלטיגט מיך דאָס געפיהל אַז איך געזעגען מיך אויף תמיד אָ ה ן אַ ש ו ם ב ע נ ק ע נ י ש מיט מיין ביזהעריגען „חסידות“.

איך בין אַ אַנדערער...

XIII.

ביי אברהם גאָלדפאַדען.

...גאָלדפאַדען האָט שוין געוואוסט אַז איך קום זונטאָג פאַר־מיטאָג צו איהם. מיין חבר, וועלכער איז מיט איהם שוין באַקענט געוועזן, האָט דאָס איהם אין אַ בריף מודיע געווען.

מסתמא האָט נאָך מיין חבר ניט־ווייניג מגזם געווען אין זיין מליצה׳דיגער אויסלויבעניש פון מיינע „מעלות“. און גאָלדפאַדען האָט מיך אויפגענומען מיט גאָר אַ ברייטען „ברוך הבא“.

געוואוינט האָט גאָלדפֿאַדען אין איינעם פֿון די שענסטע חדרים אינ'ם דעמולטדיגען שענסטען טשערנאָוויצער האָטעל, וואָס האָט זיך אָנגערופֿען „צום שוואַרצען אָדלער“. אייגענטליך צוויי חדרים: אַ גרויס חדר מיט אַ זייטיגען קליין חדר'ל, פֿאַר'ן שלאָף=בעט און וואַש=טיש, מיט אַ אָפֿענער טהיר, וועלכע איז פֿאַרהאָנגען מיט לאַנגע בלאָה=סאַמעטענע פּאַסען. — אין דער גרויסער שטוב אַ פּלוש=טעפּיך אויסגעשפּרייט איבער דער גאַנצער בריק, אַ סאָפֿאַ, אַ ברוין=פּאָלירטער טיש מיט אַרומיגע אויסגעבעטע לעדער=זעסעל. און אין אַ ווינקעל, נאָהנט ביים פֿענסטער, אַ פּיאַנא און אַ שרייב=טיש.

ווען איך האָב אַרו... עלף אַ זייגער פֿאָרמיטאָג אָנגעקלאָפּט אָן דער טהיר פֿון זיין חדר איז ער, דאַכט זיך, געזעסען ביי זיין שרייב=טיש. ער האָט מיך אויפֿגענומען, אָנגעטהון אין געשטיקטע סאַמעטענע שטעק=שוך און אין אַ גראָהען שלאָפֿראָק מיט בלאָהע פּאַסקאַלעך ביים האַלז. אָבער אויף דער נאָז אַ פֿיין געשליפֿענע בריל, איינגעפֿאַסט אין אין אַ גילדען ראַמעל.

ביי מיר איז דאָס דעמולט קיין חדוש ניט געווען. איך בין נישט בקי געווען אין די דייטשע מנהגים. נישט געוואוסט אַז ווען מ'דער=וואַרט אַ גאַסט דאַרף מען זיין אַנדערש אָנגעטהון. אָבער וואָס ס'איז מיר דווקא יאָ אַ חידוש געווען איז — די גילדענע בריל און דאָס אַזוי בהרחבה'דיגע וואוינען פֿון אַ יידישען מחבר.

קאָסטען מיך זיין שענע דירה און זיין גילדענע בריל אַ היבשע מטבע: אין מיין חסידישער געוואוידהנהייט קודם=כל צו געבען אַ „פּדיון“, זענען שוין ביי מיר אָנגעגרייט דריי עסטרייכיש=אונגאַרישע גילדען אויף צו באַצאָהלען איהם פֿאַראויס פֿאַר אַ האַלב יאָהר „איז=ראַעליטישעס וואָכענבלאַט“, וואָס ער איז גרייט אין טשערנאָוויץ אַרויסצוגעבען. איך ווייס אַז דאָס איז אַ סגולה ווייך צו מאַכען דאָס האַרץ פֿון אַ רעדאַקטאָר. אָבער פֿאַר אַ רעדאַקטאָר מיט אַ גיל=דענער בריל, וועלכער שפּאַנט אַרום איבער דער שטוב אין גע=שטיקטע סאַמעטענע שטעק=שיך אויף אַ פּלוש=טעפּיך איז דאָס, דאַכט זיך צו ווייניג. גראַבעל איך שוין מיט די פֿינגער פֿון מיין רעכטער האַנד אין מיין הויזען=קעשענע. שלעפּ איך פֿון דאָרט אַרויס אַ קנאַקענדיגען פֿינף=גילדען=באַנקנאָט, און לעג איהם אַנידער אויפֿ'ן טיש. — איך

זאָג אַז חוץ דער צייטונג וויל איך אויך האָבּען זיינע צווי ספרים, דעם „ציצים ופרחים" און, דאָס „יודאַלע".

און כדי ביי איהם נאָך מעהר נושא חן צו זיין דערצעהל איך אַז זיינע ביידע ספרים האָבּ איך שוין איבּערגעלייענט ביי מיין חבר, און איך לויבּ אין טאָג אַריין זיינע צווי העבּרעאישע שירים „יוסף בבית הסוהר" און „בת שבע", ווי אויך זיינע צווי יידישע ליעדער „דער סאַמאָוואַר" און „דאָס פינטאַלע ייד".

רייסען זיך נאָך ביי מיר אַרויס מיט אַ טיעפען קרעכץ די פּאַר איהם, שוין פון פריהער אָנגעגרייטע ווערטער: — „יודען טאַפּען נאָך אַרום אין דער פינסטערניש און זעהן ניט דאָס ליכטיגקייט פון דער השכלה... יידען ווייסען נאָך נישט אָפּצושאַצען דעם גרויסען ווערט פון זייערע אייגענע גרויסע דיכטער..."

שמייכעלט גאָלדפאַדען און זאָגט מיט אַ באַזונדערער גאוה:

— אויף מיינע יידען האָבּ איך מיך נישט וואָס צו באַקלאָגען. איך דאַרף זיי נאָר אָפּקנאַקען אַ קנאַקעכטס און זיי באַצאָהלען דירה־געלד.

בּלייבּ איך זיצען אַ תם׳עוואַטער: „זיין לשון איז עפּיס צו פּראָסט... דאַכט זיך אויך גאָר ניט שייך צום ענין..." אָבּער ער האָט זיך שוין אויפגעהויבּען פון זיין זיץ. ער געהט צו צו דעם געעפענטען פּיאַנאָ. ער קלאַפּט שטעהענדיג מיט די שפּיצפינגער אויף די ביינדלעך, אַזוי ווי ער זאָל זוכען אַ קול פון אַ נגינה. און באַלד קעהרט ער צוריק צו מיר און זאָגט:

— נאָך וויינינגער ווי אונזערע יידען ווייסען אונז, זייערע דיכטער, אָפּצושאַצען, פאַרשטעהען מיר זיך אויף זייער, אונזערע יידנס, גרויסען ווערט... אַ ייד, אַפילו אַ פאַרדאַרטעוועטען ווי אַ קרעמער, איז נישט נויטיג צו שלאָגען אויף אַרויסצובּרענגען פון איהם וואַסער. חלילה. געשלאָגען איז אַ ייד גענוג. מ׳דאַרף זיך נאָר צו איהם צובּויגען, איהם אין זיין אויער אַריינזינגען אַ לידעל פון זיין זייט־טווינדער־יאָהרען אָנגעזאַמעלטער ווערטיג. איהם צולעגען אַ פּלעסטער׳ל צו זיין מכה, איהם צוזינגען אַ פרייליכס פון דער האָפנונג אויף דערלעזונג. — ער זינגט אייך האַרציג נאָך אייער לידעל. ער ווערד ווייך ווי אַ טייג. און ער לאָזט זיך זינגענדיג פון אייך איבערקנעטען...

אָדער מ׳דערצעהלט איהם אַ ליבליך־שענע מעשה. מ׳האַלט פאַר איהם אַ געטרײַען שפּיגעל פון זיין אייגען לעבען. ער זעצט זיך אַליין אויף אייער שויס. ער הערט זיך צו מיט געשפּיצטע אויערן, און — איהר קענט ביי איהם אַלצדינג פועל׳ן...

אַ ודאי דאַרף ער צו אייך האָבען צוטרוי. ער דאַרף נאָר פיהלען אַז איהר מיינט עס מיט איהם גוט... און אַ ייד קען מען שווער, זעהר שווער, אָפּנאַרען. ער דערקענט אייך אָן דער שפּיץ פון אייער נאָז... מיינע יידען האָבען מיך ליב, ווייל זיי פיהלען אַרויס אויס מיינע לידער מיין ליבשאַפט צו זיי... איך קנאַק זיי אָפּ אַ קנאַ־קעכטס און זיי באַצאָהלען דירה־געלד.

שוין ווידער מיט „אָפּקנאַקען אַ קנאַקעכטס" און „באַצאָהלען דירה־געלד"... אָבער איצט פאַרשטעה איך איהם בעסער און קוק צו איהם אַרויף מיט גרויס דרך ארץ. פונדעסטוועגען פרעג איך איהם שוין האַלב הכנעה׳דיג:

— פאַרוואָס מאַכט איהר אַזעלכע שאַרפע נקודות אויף די ווערטער „מיינע יידען"?!

— מיינע יידען מיינט — ענפערט ער ערנסט — די יידען אויס דעם פשוט׳ן פאָלק, וועלכע דינען נישט צום גילדענעם קאַלב און זייערע „לוחות" זענען נאָך נישט צוּבראָכען און זייערע אויערן און זייערע הערצער זענען נאָך נישט פאַרשטאָפּט. און — דאָס זענען נישט דווקא די אָרעמסטע פון די אָרעמע. ס׳געפונען זיך אויך ניט־ווייניגע מיט אַ סך מעהר פון פרנסה־בהרחבה, וואָס זייער יידישער גייסט איז געבליבען פריש און זייער יידיש האַרץ איז נאָך צאַפּעלדיג. און ס׳פאַרמעהרט זיך יעדעסמאָל די צאָהל צווישען זיי, וואָס ווען מען מאָהנט ביי זיי צום „עגל" געבען זיי נישט אָבער ווען מען מאָהנט ביי זיי צום „משכן" געבען זיי און געבען נאָך... מ׳דאַרף זיי נאָר קענען אַריינזינגען אין אויער אַריין.

— איך האָב געהערט — בין איך מיך מתכוון מיט איהם צו פאַרפיהרען אַ וואָכענדיגען שמועס —, אַז יצחק יואל לינעצקי, אייער שותף ביים „ישראליק", איז געווען אייער חבר נאָך אין דער זשיטאָ־מערער ראַבינער־שול. און פאַרוואָס האָט ער זיך איצט פון אייך אָפּגעטײַלט?

גאָלדפאַדענען איז מיין פלוצים׳דיגע פראַגע ניט זעהר ניחא געווען. פונדעסטוועגען האָט ער באַלד מיט אַ שמייכעל געענפערט:

— איך וויל פון אייך דערוואַרטען אַז איהר וועט פון מיר נישט פאַרלאַנגען אייך אָנצוגעבען אַלע טעמים. איהר מוזט אייך צופרידען געבען מיט איין טעם: לינעצקי און איך זענען חברים פון דער ראַבינער־שול. אָבער איהר דאַרפט ניט פאַרגעסען אַז יצחק יואל איז אַ מיוחס׳ל, אַ רבניש קינד, דער זוהן פון׳ם ווינ׳יצער רב; און איך, אברהמ׳לע גילדענפאָדים בין אַ פשוט׳ער בשר ודם, דאָס קינד פון אַ בעל מלאכה, דער זוהן פון חיים ליפאַ דעם זייגער־מאַכער אין אַלט־קאָנסטאַנטין. — איך אַליין האָב יינגעלוויז ביי מיין טאַטען אויך געלערנט זיין מלאכה.

פאַרשטעה איך אפילו דאָס „בייסענדיגע“ פון זיין תשובה. פונדעסטוועגען באַגעה איך אַ נאַרישקייט. ס׳קיצעלט מיך מיין למדנות. וויל איך איהם ווייזען אַז איך ווייס וואָס אונזערע חכמים האָבען געזאָגט אַז „ווער ס׳איז זיך מפרנס פון „יגיע כפו“ איז חשוב׳ער פון אַ ירא שמים“ און „ווער ס׳לערנט נישט זיין זוהן אַ מלאכה לערנט איהם גזילה“. און דערצו רעכען איך איהם אויס דאָס גאַנצע צעטעל פון תנאים און אמוראים, וועלכע זענען געווען בעלי מלאכה׳ס; רבי יצחק דעם קאָוואַל, רבי יוחנן דעם שוסטער, רבי יהושע דעם קויה־לענגראָבער, הלל דעם האָלץ־האַקער, און נאָך און נאָך. — „איברי־ריגענס“ — האָב איך באַלד מוסיף געווען — ווייס איך, אויס דעם שיר, וואָס איהר האָט אָפגעדרוקט אויף דעם ערשטען בלעטעל פון אייער ספר „ציצים ופרחים“, פון אייער טאַטעס כבוד וועגען, אַז איהר זענט אויף אייער טאַטע מעהר שטאָלץ ווי דעם גרעכטען רב׳ס אַ זוהן אויף זיין טאַטע“.

לאַכט גאָלדפאַדען אויף אַ הויך קול און זאָגט:

— יונגערמאַן! מ׳זעהט אַז איהר זענט אַ למדן, אַ בקי. פונדעסט־וועגען האָט איהר דאָך נאָך עפעס פאַרגעסען. איהר האָט פאַרגעסען אָן דעם לשון, וואָס אונזערע חכמים האָבען אויסגעוועהלט ווען זיי האָבען געוואָלט זאָגען אַז דאָס און דאָס קען פון קיינעם נישט אַנדערש אויסגעטייטשט ווערען. זיי האָבען ניט געזאָגט „אַ רב און אַ זוהן פון אַ רב“, נאָר „לית נגר ובר נגר דיפריקיניה“. דאָס מיינט:

ס'איז נישט פאַרהאַנען אַ סטאָליער און אַ זוהן פון אַ סטאָליער, וואָס זאָל עס קענען אַנדערש אָפּהיבלעווען.

איצט האָב איך געלאַכט. און גאָלדפאַדען איז ווידער ערנסט געוואָרען, ווען ער האָט געזאָגט: — זעהט איהר, מיין ליבער יונגערמאַן, דאָס איז אויך געווען דער חילוק צווישען מיר און דעם רוב פון מיינע חברים אין דער זשיטאָמערער ראַבינער-שול: אַ מיוחס'ל, אַ רב'ס אַ זוהן, האָט אין דער היים בגנבה, פאַר זיין טאַטע-מאַמע און פאַר זייערע אַרומיגע „לאַפּצידריגענעקעס", געלערנט „טריפה-פסול'ס". אויס דער מאַמעס קעשענע אַרויסגעגנב'ט ביינאַכט געלד אויף הוצאות. זיך אַליין אַוועקגעגנב'ט ביינאַכט אויס דער טאַטע-מאַמעס שטוב און אַנטלאָפען קיין זשיטאָמיר. — איז ער געקומען אין דער ראַבינער-שול אַ פאַרביטערטער גבור, פאַרביטערט, ווייניגסטענס אַ האַלבער שונא פון אייגענע טאַטע-מאַמע, און נאָך מעהר פון זייער סביבה. און אַ גרויסער גבור ביי זיך אַליין. „צעריסען די קייטען און געוואָרען אַ פרייער מענש! געבראַכט אַ קרבן אויף דעם מזבח פון דער הימעלס-טאָכטער, וואָס ווערד אָנגערופען השכלה!" — איז ביי דעם דאָזיגען „בחור" פאַרבליבען פאַר זיין גאַנץ לעבען אַזוי גוט די פאַרביטערטקייט אַקעגען אַנדערע ווי אויך זיין אויפגעבלאָזענקייט וועגען זיין אייגענער גבורה. אָבער איך, אברהם'לע גילדענפאָדים, חיים ליפא דעם זייגערמאַכערס זוהן, בין קיינמאָל ניט געווען פאַרביטערט און קיינמאָל ניט קיין גרויסער גבור. מיין טאַטע, אַליין אַ יידישער משכיל פונ'ם אַלטען דור, האָט געוואָלט אַז זיין עלטעסטער זוהן, אַברהם'לע, זאָל ווערען אַ יידישער מענש מיט אַלע מעלות. האָט ער מיך געשיקט צו די בעסטע מלמדים אין אַלט-קאָנסטאַנטין, געשיקט אין שול אריין, און — שפּעטער מיך געשיקט קיין זשיטאָמיר. אַמבעסטען האָט זיך דאַרויף פאַרשטאַנען איינער פון אונזערע בעסטע לעהרער אין דער ראַבינער-שול, רבי יעקב אייכענבוים, דער מחבר פון דעם באַריהמט-געוואָרענעם ספר'ל „הקרב" איבער דעם שאַך-שפּיל. ער אַליין איז געווען אַ העברעאישער דיכטער און האָט געהאַט אַ אָפען אויער אַרויסצוהערען אויס יעדען שיר, חוץ דעם קלאַנג פונ'ם לשון, אויך די פיינסטע און באַהאַלטענסטע באַוועגונגען פונ'ם דיכטערס נשמה. — זענען געווען אין דער שול צוויי תלמידים,

וועלכע האָבן שוין געהאַט אַ שם פֿאַר די בעסטע שרייבער פֿון העברעאישע שירים. דער איינער מיט'ן נאָמען שלמה מאַנדעלקערן און דער צווייטער „אני הקטן". שרייבט יעדער פֿון אונז ביידע אָן אַ שיר איבער „בת שבע". ווערן ביידע שירים איבערגעגעבן דעם „לעהרער־קאָלעגיע". זענען פֿאַרהאַנען חלוקי דעות וועלכער שיר ס'איז בעסער... איך מוז זאָגן דעם אמת אַז מיר אַליין איז מיין חבר'ס שיר זעהר געפֿעלן. איך האָב געהאַט אַביסעל חלישות הדעת... אָבער אייכענבוים האָט דווקא באַוויזען אַז מיינער איז בעסער. „ביים לייענען פֿון אַ שיר, אין וועלכען לשון ס'איז", זאָגט אייכענבוים, „דאַרף מען אַרויסגעפֿונען וויפֿיעל ס'איז אין איהם פֿאַרהאַנען געפֿיהלס־ריינקייט, דיכטעריש תמימות, און וויפֿיעל „ראַפֿינירטקייט", אויסגעקלוגעלטע מוח־ספּעקולאַציע. דאָס וואָס מ'רופֿט אָן אויף יידיש „גנבה'שע שטוטשקאַלעך". ביי גילדענפּאָדים'ס שירים איז די גרעסטע מעלה גראָד זייער פּשטות, זייער שטילער אויסגוס פֿון אַ בערג'יקען ריינעם קוואַל.

*

— און אין וועלכער צייט האָט איהר אָנגעהויבען שרייבען יידישע לידער? — פֿרעג איך ביי גאָלדפֿאַדען.

— מיינע ערשטע יידישע לידער האָט אַ אַ נ ד ע ר ע ר אָנגעשריבען. ניט איך...

— ?!

— איהר חידושט אייך. אָט וועל איך אייך איבערגעבען די מעשה, ווי זי איז געווען:

אין וועלכער צייט ס'האָט זיך ביי מיר באַוויזען דער חשק צו גראַמען־מאַכעריי, דאָס מיינט אָפּצוקנאַקען אַ קורצע־שורה'דיג קנאַקעכטס, איז מיר שווער זיך צו דערמאָהנען. איך געדענק בלויז אַז ווען איך בין אַלט געווען זעקס אָדער זיבען יאָהר — איך האָב שוין דעמולט געלערנט ביי אַ גמרא־מלמד און שוין געקענט די ערשטע צוויי ספרים פֿון חמשה חומשי תורה כמעט אויסענווייניג — האָט מיך די מאַמע מיטגענומען צו אַ חתונה ביי אונזערער אַ שכנ'טע. געפֿונט זיך דאָרט אַ בייכיג יידעל מיט אַ אונטערגעשווירען בערדיל. פֿאַררוקט דאָס יידעל דעם דאַשעק פֿון זיין קאַשקעט אָן אַ זייט.

דוקט ער אַרויס וואויהלייגגיש זיין רעכטען פוס פון־פּאָרענט. שטעקט ער אַריין זיין גראָבען פינגער אין זיין גאָרגעל, אויף צו „באַזונגען די כלה" פאַר דער חופּה. מאַכט ער אויך דאָסזעלבע „געשטעלעכעל" נאָך דער סעודה, ביים אויסרופען פון יעדען מחותן מיט זיין נאָמען צום „מצוה טענצעל", און אַלצדינג, וואָס ער זינגט און וואָס ער זאָגט, גראַמט זיך ביי איהם קונציג. הער איך מיך צו צו זיין זינגען און צו זיין זאָגען מיט גרויס כוונה. געה איך דערנאָך מיט דער מאַמע אַהיים. פאַרריק איך מיר דאָס דאַשעקעל, שטעל איך אַרויס מיין רעכט פוס'ל פון פּאָרענט. און — וואָס איך דאַרף דער מאַמע זאָגען זאָג איך נאָר אין גראַמען.

קאַטשעט זיך די מאַמע פאַר געלעכטער. דערהערט דאָס דער טאַטע, שמייכעלט ער אונטער די וואָנסעס. ער רופט מיך „אברהם'לע בדחן". באַלד אָבער מאַכט ער אַ ערנסט פנים און מוסר'ט מיך:

— ס'איז ניט שען פאַר אַ גמרא־יינגעל זיך נאַריש צו מאַכען.

פּלאָנטערען זיך אין אַ שפּעטער צייט כסדר ביי מיר גראַמען אין קאָפּ. זענען זיי זיך אָפּטמאָל שוין אַליין מצרף צו אַ ליבליך לידעל. פּאַס איך שוין צו אַ פּונ'ם־חזן־געהערטען ניגון צו מיין לידעל. זינג איך עס פאַר מיר שטילערהייט, האָב איך דערפון גרויס הנאה. אָבער — אָנצושרייבען דאָס לידעל קומט מיר קיינמאָל אפילו נישט אויף דער מחשבה... אַ העברעאישער שיר איז גאָר עפּעס אַנדערש... איך צאַצקע מיך דערמיט און דער טאַטע קוועלט גאָר אָן...

בין איך שוין פערצעהן יאָהר אַלט. קומט אָן אַ נייער טשע־לאַדניק אין מיין טאַטענס זייגערמאַכעריי. אַ יידיש בחור'ל אוים בראָדי, מיט'ן נאָמען נחמן, אַ ערך פון זיבצעהן יאָהר אַלט. איז דאָס אַ „בחור כהלכה" וואָס קען זעהר וואויהל די מלאכה. אָבער נאָך בעסער פון דער מלאכה קען ער זינגען. נאָך אין דער היים, אין גאַליציע, איז ער געווען אַ משורר ביי פאַרשידענע דאָרטיגע חזנים. און אויך דאָ, אין אַלט־קאָנסטאַנטין, אַרבעט ער די גאַנצע וואָך אין מיין טאַטעס זייגערמאַכעריי און שבת איז ער אַ אונטערהעלפער ביים חזן. — זינגט זיך עס כסדר ביי איהם אַזוי ווי פון זיך אַליין אַרויס. צידט ער אַרויס די שרייפלעך, נעהמט ער די רעדלעך פונאייגאַנדער מיט אַ „כבקרת רועה עדרו"־ניגון, און זעצט זיי צוריק אַריין מיט אַ

„היום תאמצנו"-ניגון. זינגט ער בײַ דער אַרבעט כל'ערליי חזנישע שטיקלעך און אויך בערל בראָדער'ס און וועלוויל זבאַראַזשערס יידישע לידער. — חבר איך מיך מיט איהם. איז דאָס מיין טאַטען גאָר ניט ניחא. זאָגען זאָגט דער טאַטע: „באשר וועגען איהם בין איך מיך צו-פיעל מבטל פונ'ם לערנען". אָבער מיינען מיינט ער נאָך עפּעס אַנ-דערש: איך מיט מיינע פערצעהן יאָהר בין העכער און ברייטער פון נחמן'ען מיט זיינע זיבצעהן יאָהר. נחמן, דאָס געפּוצטע בחור'ל מיט דער שוואַרצער טשאָפּרינע אויף דעם קאָפּ, מיט דעם אויסגעבלייכטען פּנים, מיט די שוואַרצע האָר'לעך, וואָס באַווייזען זיך שוין אויף זיין אויבערשטער ליפּ, ועל כולם מיט זיין שענעם זינגען פון יידישע לידער און לידלעך, איז שטאַרק נושא חן בײַ די אַלט-קאָנסטאַנטינער מייד-לעך און ווייבלעך. און — מיין טאַטע האָט פשוט מורא טאָמער וועל איך דורך איהם „קאַליע" ווערען.

ציהט עס אָבער מיך צו נחמן'ען ווי מיט אַ מאַגנעט. ווייסט ער אַלע מיינע סודות. זינג איך פאַר איהם אַלע מיינע לידלעך. און — ער זינגט זיי מיר נאָך מיט אַ באַזונדער מתיקות.

דערוועקט זיך בײַ מיר דער חשק צו שאַפען נייע לידער און נייע ניגונים.

הער איך שוין איינמאָל זינגען מיינע לידער און לידלעך אויך פון נחמן'ס אַ חבר, אויך אַ משורר ביים חזן. זינגען שוין מיינע לידלעך מיידלעך און ווייבלעך, זיצענדיג אין אַ זומערדיגען שבת-נאָכמיטאָג פאַר זייערע הייזלעך אויף דער פּרוזבע. — האָב איך דערפון גאָר אַ באַזונדערע הנאה. גראָד דער סוד האָט פאַר מיר באַזונדערס קי-צעלדיקס. איך שטעל מיר פאָר מיט וואָס פאַר אויגען זיי וועלען מיך אַמאָל אָנקוקען, ווען זיי וועלען זיך דערוויסען וועמעס לידער זיי זינגען.

טרעפט זיך איינמאָל אַזאַ מעשה: נחמן איז אין דער ווערקשטאָט נישטאָ. איך האָב נויטיג בײַ איהם אויסצובאָרגען זיינס אַ מעסערל. גראַבעל איך אַרום אין זיין אָפענעם שופלעדל. געפון איך דאָרט אַ אָנגעשריבען העפט. לייען איך אויף דעם שער-בלעטעל אין כתיבה'-טע אותיות:

„לידער און לידלעך

פאַרפאַסט און צו זיי געמאַכט אייגענע ניגונים

פון

נחמן בראָדער.“

ליִיען איך און לייען. ווער איך גאָר אַ צערודעטער. דאָס זענען דאָך מ י י נ ע לידער. וואָרט בײַ וואָרט און אות בײַ אות, אַזוי ווי איך האָב זיי איהם איבערגעגעבען.

דעמולט איז געקומען די צייט אַז איך זאָל נ ת ג ל ה ווערען. „נחמן בראָדער“ האָט בכבודו ובעצמו געמוזט מודה זיין פאַר אַלעמען אַז די שענע לידער און לידלעך זענען נישט זיינע — נאָר גאָר פון זיין בעל־הבית׳ס זוהנדעל, פון אברהמ׳ל חיים ליפּאס.

*

— האָבען אייערע לעהרער אין דער ראַבינער־שול געוואוסט אַז חוץ אייערע העברעאישע שירים שרייבט איהר אויך יידישע לידער?

— אַ ודאי. און נאָך ווי אַזוי זיי האָבען דאָס געוואוסט! בײַ מיין אָנקומען אין דער ראַבינער־שול האָט עס דאָרט אָנגעהויבען גאָר פרעהליך און גאָר לוסטיג צו ווערען. חברה־תלמידים האָבען אין אַ הפסקה גאַנץ געשמאַק געזונגען מיינע לידער. — דערוויסען זיך באַלד דערפון די לעהרער. מאַכען זיך אַ טהייל פון זיי, ווי אליעזר הכהן צווייפעל און חיים זעליג סלאָנימסקי, ניט הערענדיג, ניט וויסענ־דיג. און אַ טהייל פון זיי, ווי יעקב אייכענבוים און אַנדערע פאַרברענטע חסידים פון לשון־הקודש, זענען מ י ר דאָס מוחל וועגען מיינע קונ־ציגע העברעאישע שירים.

אין יענער צייט האָבען שוין ניט־ווייניג פון די פאַרביסענסטע העברעער, וועלכע האָבען געשוואוירען אייביגע געטריישאַפט צו דער שפה עבריה, אין אַ „לוסטיגער און געלוסטיגער שעה“ געמאַכט חן־דאַלעך, געוואָרפען גנבה׳שע בליקען צו דער „דינסט־מויד“, צום „זשאַרגאָן“. אַזוי האָט למשל דער באַקענטער העברעאישער סופר און משורר, אברהם בער גאָטלאָבער, מיין געוועזענער לעהרער אין דער אַלט־קאָנסטאַנטינער שול און שפּעטער זשיטאָמערער ראַ־בינער־שול, אָנגעשריבען אַ פּאַראָדיע צו שילערס „גלאָקע“ מיט׳ן טיטעל „דער קוגעל“, און זיינער אַ חבר האָט דאָסועלבע געטהון מיט׳ן

טיטעל „דער לעקעך" — אַלצדינג וואָס ס'איז „פּעסט געבּרענט אין דעם אויווען".

אין דער התחלה האָבּען זיי דאָס בּאַטראַכט פאַר אַ שפּילעריי. אָבּער — פון אַזאַ שפּילעריי קומט אָפּטמאָל אַרויס גאָר אַ ערנסטע זאַך.

איבּריגענס האָבּ איך אין דער זשיטאָמערער ראַבּינער־שול בּאַלד געהאַט „אַ שטאַרקען צד אין דער משפּחה": חיים זעליג סלאָנימסקי'ס, דעם אינספּעקטאָר'ס ווייבּ, אַ וואַרשאָווער יידינע, וועלכע האָט זיך ליבּ געהאַט צו קהל'ן, וואָלט פאַר מיר ניט גענומען אַ זאַך בּאָרשט. אָט איז איהר פלוצים איינגעפאַלען, און זי האָט זיך פאַר'עקשן'ט, אַז די תּלמידים פון דער ראַבּינער־שול זאָלען שפּילען די יידישע קאָמעדיע „סערקאַלע" פון דאָקטאָר שלמה עטינגער. בּין איך בּיי איהר געווען די רעכטע האַנד. בּיים בּאַזאָרגען די דעקאָראַציעס און בּיים איינלערנען מיט די תּלמידים בּין איך געווען כמעט דער גאַנצער קנאַקער. די ראָלע „סערקאַלע" — האָבּ איך אויך אַליין אָפּגעקנאַקט.

דערפאַר האָט זי מיך איינמאָל ממש געראַטעוועט אין מיין גרעסטער נויט:

בּיי מיר האָט זיך געטראָפען אַ מכשול. פאַרבּייגעהענדיג פאַר אַ קלויסטער איז בּיי מיר געשאַפען געוואָרען אַ חוזק־ליד, וואָס אַ גוי'אישער בּעטלער זינגט זיך צו ווען ער זיצט דאָרט אין אַ ווינקאַלע און „טהוט זיין בּאַדערפניש". פאַרשפּרייט זיך מיין ליד צווישען אַלע מיינע חברים. זיי זינגען עס שטילערהייט. פונדעסטוועגען בּלייבּט עס נישט קיין סוד. — ווי אַזוי דאָס איז געווען, איז נישט קיין גרויסע נפקא־מינה. איך וויל קיינעם פון מיינע חברים נישט בּאַשולדיגען. אָבּער אין איין טאָג פון יענע טעג איז אין דער ראַבּינער־שול ממש אַ איבּערקערעניש. אויף די לעהרער ציטערט די הויט. „חוץ דעם וואָס איך אַליין בּין אין דער גרעסטער סכנה פאַרשיקט צו ווערען קיין סיבּיר איז גאָר קיין ספק נישט אַז די ממשלה וואָלט פאַרשלאָסען די ראַבּינער־שול." איז מען בּאַלד גרייט צו מאַכען אַ משפּט איבּער מיר. דער חשבּון איז אַ פּשוט'ער: „ווען די לעהרער וועלען מיך אַליין פאַר'משפּט'ן, אויף פאַרטריבּען צו ווערען פון דאַנעט, וועט וויינינגסטענס

די ראַבינער שול זיין געראַטעוועט... און נאָך מעהר. נישט בלויז וואָס אויף זיי איז נישט מעהר חל דאָס אחריות, קומט זיי נאָך דערפאַר גאָר אַ יישר-כח, וואָס זיי האָבען באַוויזען זיך אָנצונעמען דער „הויכער-ממשלה'ס" קריוודע און אויסגיעסען זייער צאָרן אויף זייער אייגענעם תלמיד, ווען ער איז אַרויס לתרבות רעה." — אָבער ס'איז נישט געקומען צו קיין משפט. זיי, די גרייז-גראָהע פּראָפעסאָרען, האָבען געמאַכט דעם חשבון „אָהן דער בעל-הבית'טע". ווען סלאָ-נימסקי'ס יידענע איז דערפון געוואָהר געוואָרען, איז זי געקומען צו לויפען אַ פאַרסאָפּעטע, געפּוכטעלט מיט די הענד און געזאָגט קורץ און שאַרף:

— שאַ!!! ס'האָט קיינער ניט געזונגען... ס'האָט קיינער ניט געהערט... ס'איז אַ בלבול!...

*

גאָלדפאַדען קוקט אויפ'ן זייגער. ס'איז שוין נאָך צוועלף. שמיי-כעלט ער און זאָגט:

— גענוג, יונגערמאַן! גענוג מיך געגומען אויפ'ן פאַרהער... אַצינד איז אויף אייך געקומען די צייט. אייער חבר שרייבט מיר אַז איהר קוואָקעט אויף אַ העברעאישען קנאַקער. ווייזט'ס מיר אייערס אַ קנאַקעכטס. איך וועל עס נאָך דער מיטאָג-סעודה איבערלייענען. און ווען איהר ווילט און ווען איהר האָט צייט בעט איך אייך צו מיר ווידער צו קומען אַרום פיער אַ זייגער פאַרנאַכט. איך וועל אייך שוין דעמולט זאָגען מיין מיינונג. און ווען ס'וועט מיר געפעלען וועל איך אייך נעמען אויפ'ן פאַרהער. איך וועל פון אייך פאַרלאַנגען אַז איהר זאָלט מיר איבערגעבען עפּעס פון דעם וואָס איהר האָט דורכגעמאַכט ביים איבערגאַנג פון דער חסידים-קלויז ביז צו אייער היינטיגען באַ-זוך — ביי אברהם גאָלדפאַדען...

XIV.

א קאַלט גלאז וואַסער צו מיין צוהיצטען קאָפּ.

...געגעבען האָב איך איהם אַ פון מיר אין העברעאיש אָנגע-שריבענע דערצעהלונג (שפּעטער איז זי ביי מיר געדרוקט געוואָרען

מיט'ן טיטעל „חללי האולת") אַ מעשה מיט אַ אַלטען ייד, אַ גרויש, וועלכער האָט חתונה מיט אַ יונג מיידעל, מיט דער טאָכטער פון'ם שמש אין דער זאַלישטשיקער סאַדיגורער קלויז, ניט צו וויסען אַז זיין אייגענער זוהן איז אין דעם מיידעל פאַרליבט ביז איבער די אויערן. שפּילט זיך אויך דאָרט אָפּ אַ חדוש'ליכע סצענע מיט אַ „חדוש'ליכער סוטה". — איז גאָלדפאַדענען מיין דערצעהלונג זעהר געפעלען. ווייניגסטענס האָט ער מיר דאָס געזאָגט בפה מלא. ער האָט נאָך מוסיף געווען אַז ס'וואָלט זיך אויס איהר געלאָזט מאַכען אַ קונציג דראַמאַ פאַר אַ טעאַטער. אָבער צו זיינעם אַ אויספערגעכטס ביי מיר איבער מיין לעבענס-געשיכטע איז עס ניט געקומען. ווייל — ווען איך בין פונקטליך צו דער באַשטימטער צייט צו איהם ווידער געקומען האָב איך שוין ביי איהם אין שטוב אָנגעטראָפען צוויי געסט, מיט וועלכע אַזוי גוט ער ווי איך אַליין האָבען זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט.

ער שטעלט מיך פאָר פאַר זיי און זיי פאַר מיר. מיך מיט אַ לויבעניש, ביי וועלכעם מיין פנים פלאַמט, און זיי מיט אַ גאָר גרויסען „מי שברך":

— משה אָרנשטיין, דער באַריהמטער העברעאישער שריפטשטעלער, דער שרייבער פון די „תולדות גויי ימי קדם", וועלכע ווערען איצט געדרוקט אין סמאָלענסקין'ס „השחר". און דער צווייטער איז וואָלף עהרענקראַנץ, דער אַלט-מייסטער פון דער העברעאישער און יידישער פאָלקסדיכטונג, וועלכען דאָס פאָלק רופט פאַר ליבשאַפט „אונזער וועלוואַלע".

איך קוק אָן די צוויי פאַרשוינען מיט האַרץ-קלאָפעניש:

— „אָט דאָס זענען זיי!"

פון אָרנשטיינס שרייבעכטס האָב איך דעמולט נאָך גאָר ניט געלייענט. אָבער געהערט איבער איהם זעהר פיעל. געהערט אַז ער איז ר' יואל טורקער'ס, דער אַלטען ריזשינער גבאי'ס, אַ זוהן, וועלכער איז געכאַפט געוואָרען צו מינות און „קעהרט ממש וועלטען"; געהערט איהם אָפּשיטען אין קלויז מיט כל'ערליי-קללות; געהערט אַז דאָס איז דער „ימח-שמו'ניק", דער אבי-אבות-„הטומאה", וועלכער האָט „אַרומגעטאַנצט" אַרום דעם ליעווער רבי, ר' בער'ניו, ווען ער האָט פאַרווילט אין טשערנאָוויץ ביי דאָקטאָר רייטמאַן. און איהם געוואָלט פאַר-

פיהרען „אין דער שאול תחתיה אַריין". און — אָט דאָס איז ער, דער ייד מיט די אויסגעפּולטע באַקען, מיט דעם הויכען און בּרייטען שטערן און מיט די גרויסע בּליצענדיגע אויגען. און ער טראָגט דוקאיאָ אַ בּאָרד!

דאַגעגען דעם פּאַרשוין וואָלף עהרענקראַנץ, דעם זבּאַראַשער משה, שוחט'ס אַ זוהן, האָבּ איך שוין דעמולט גאָר גוט געקענט. געקענט כמעט אַלע זיינע העבּרעאישע און יידישע לידער מיט זייערע ניגונים, פון וועלכע איך האָבּ גרויס הנאה געהאַט. און — אָט דאָס איז ער, דער ניט־גרויס געוואַקסענער פּאַרשוין מיט דעם קיילעכדיגען גלאַט־געגאָלטען פּנים, מיט די קליינע אַרומשווימענדיגע אויגען און מיט דעם כסדר'דיגען שמייכעל אַרום די ליפּען!

*

מיט אָרנשטיין — אַזוי האָט מיר גאָלדפאַדען שפּעטער דערצעהלט — האָט ער זיך ערשט ניט לאַנג באַקענט. אָבּער וועלוואַלע'ן קען ער שוין היבּשע עטליכע יאָהר. אַזוי אָפּט וועלוואַלע איז געקומען קיין אָדעס איז ער געווען אַ בן בית ביי זיין, גאָלדפאַדענס, שוועהר, ביי אליהו מרדכי ווערבעל. דאָס זענען געווען אַלטע חברים, דער בּראָדער ווערבּעל און דער זבּאַראַשער וועלוואַלע. בּיידע העבּרעאישע משוררים, וואָס איינער האָט דעם צווייטען ליבּ געהאַט אהבת נפש. וועלוואַלע ווערבל'ן וועגען זיין „עדים נאמנים" און ווערבּעל וועלוואַלע'ן וועגען זיין „שפתי ישנה" און „חזון למועד."

ווען גאָלדפאַדען איז אַ חתן געוואָרען פאַר זיין פערעלע, פאַר ווערבּעל'ס טאָכטער, האָט זיך גראָד וועלוואַלע דעמולט מזדמן געווען קיין אָדעס. האָט איהם גאָלדפאַדען געוואָלט אָנטהון אַ נחת רוח, האָט ער איהם נאָכגעזונגען זיינע, וועלוואַלע'ס, עטליכע לידער אין העבּרעאיש און אין יידיש. — דערפאַר האָט וועלוואַלע גאָלדפאַדענען איבּערראַשט ווען ער האָט איהם נאָכגעזונגען זיינס, גאָלדפאַדען'ס, אַ ליד „המבדיל", וועלכעס איז ערשט ניט לאַנג געדרוקט געווען אין צעדערבּוים'ס „קול מבשר":

— — — — —

— — — — —

אַז דער הייליגער טאָג

טהוט זיך אַ יאָג,

טהוט מיר אַ קלאַפּ אין פּופּיק,

כ'הויב אָן צו זאָרגען

וואָס וועל איך טהון מאָרגען,

צו פאַרדינען בּין איך מסופק.

מ'דאַרף צאָהלען דעם גוי

פאַר האָלץ און שטרוי,

— — — — —

— — — — —

„וואו זאָל איך לייען?"

— הער איך מיין פרוי שרייען —

„אויף דער פולער וואָך וויל קיינער בּאָרגען מיר."

„קויפען די קינדער וויל'ך

אויף וועטשערע מילך

צו האָסט דו ניט עטליכע גראָשען בּיי דיר?"

— — — — —

זייט דעמולט איז עס וועלוואַלעס בּעסטער תענוג, אַזוי אָפט ער בּאַגעגענט זיך מיט גאָלדפאַדען איהם צו זינגען עטליכע גראַמען פון זיינס, גאָלדפאַדענס, אַ ליד, כדי איהם צו ווייזען אַז ער, דער אַלט-מייסטער, לאָזט פון דעם יינגען פאָלקסדיכטער ניט אַראָפּ אַ אויג. אַז — ער זעהט אין איהם דעם יורש פון זיין נשמה-שורש.

*

איידער גאָלדפאַדען האָט מיר דאָס דערצעהלט האָב איך פּשוט ניט געקענט פאַרשטעהן דאָס איצטיגע וועלוואַלעס התנהגות. — אָט שטעהט איצט דער סאַמאָוואַר אויפ'ן טיש און וועלוואַלע הויבּט פּלוצים אָן צו זינגען:

— — — — —

— פאַרוואָס זידסט דו און קאָכסט יעדע מינוט,

זאָג מיר, כ'בּעט דיך, איך פאַרשטעה דאָס ניט.

— איהם וואָלט זעהן אַמאָל אַזוי ווי איך זעה,
ווי שען דעם גאַסט נעמט אויף מיין באַלעבאָס.
איך וויים ער פאַרגינט איהם ניט דאָס גלעזעל טהע,
ער וואָלט געוואָלט ער זאָל זיך דערוואַרגען מיט דעם גלאָז.
דערפאַר זיד איך און קאָך יעדע מינוט,
צו־זעהן אַזאַ פאַלשקייט קען איך ניט.

— — — — —

וואַרט נאָר אויס — איך זעה נאָך מעהר,
אַמאָל קומט אַ מענש אויף אַ וויזיט;
מ׳שפּעט, מ׳לאַכט, מ׳מאַכט פון איהם אַ בער,
און ער זיצט און ס׳טריפט איהם נעבּיך דאָס בלוט.
דערפאַר זיד איך און קאָך יעדע מינוט,
יענעם מבייש זיין טאָר מען ניט.

— — — — —

זיץ איך און ס׳זיצט אויך אָרנשטיין ווי תם׳עוואַטע. דאַכט זיך עפּעס אַ „קאַפּולער אָנצוהערעניש״... אָבער גאָלדפאַדען לאַכט אויף אַ הויך קול. ער געהט צו צום אָפענעם פּיאַנאָ, קלאַפּט מיט די שפּיץ־פינגער אויף די בּיינדלעך, און זינגט זיך צו:

אַמאָל זעה איך ביים טהע אַ גאַנץ שענע סצענע,
ווי די באַלעבאָסטע קריגט זיך מיט׳ן באַלעבאָס.
ער רייד צו איהר גוט, דאַכט זיך, און — י ע נ ע
כאַפּט און פאַרעט איהם אָפּ מיט דעם גלאָז.
דערפאַר זיד איך און קאָך יעדע מינוט
צו־זעהן אַזאַ העזה קען איך ניט.

לויפט וועלוואַלע צו צו גאָלדפאַדען. פאַלט ער איהם אויפ׳ן האַלז און זיי צוקושען זיך.

שמייכעלט שוין אָרנשטיין. ער דערקענט אַז וועלוואַלע האָט אַבּיסעל „איבּערגעכאַפּט די מאָס״. און כדי איהם גאַנץ אויסצוניכטערן האָט ער שוין פאַר איהם אַ סגולה, וואָס זי איז בדוקה ומנוסה: ער לייענט פאַר איהם אַזוינס אַ קיצעלדיגס וואָס ס׳איז אָנגעשריבּען אין אַ פּעט, שמאַלציג העבּרעאיש, אַז ס׳זאָל רינען איבּער די ליפּען, און וועלוואַלע „באַלעקט״ זיך... לייענט אָרנשטיין זיין „דגולם״ (א

חוזק־מאכעריי איבער דעם רבי ר׳ בער׳ניו, וואָס איז באַלד געדרוקט אים „השחר״) און וועלוואַלע הערט זיך צו מיט גרויס כוונה. — ס׳געפעלט איהם שטאַרק און ס׳קיצעלט איהם שוין צו וויזען וואָס ער קען... גלעט זיך וועלוואַלע מיט זיין רעכטער האַנד איבער׳ן שטערן און זאָגט־אויף, כמעט אינגאַנצען אויסענווייניג, זיין אייגענעם, שוין דעמולט ביי איהם אין יידיש אָנגעשריבענעם „מקל חובלים״, וואָס איז אויך אַ זעהר שאַרפע סאַטירע איבער דעם ליעווער.

איז עס פרעהליך ביים טיש. אָבער — איך בין דער איינציגער וועלכער זיצט ווי אַ „אָפּגעגאָסענער״.

„אַ גר ביז צום צעהנטען דור זאָלסט דו ניט מבזה זיין פאַר איהם אַ ארמי״... ס׳איז ביי מיר נאָך ביז היינט פאַרהאַנען אַזאַ שוואַכקייט: איך אַליין קען אַמאָל פיהרען די שאַרפסטע קריטיק איבער רבי־אישקייט. פונדעסטוועגען ווען איך הער אַמאָל פון אַ אַנדערן, פון אַ „פרעמדען״ אַ ניט־בכבוד׳יג וואָרט איבער דעם „ריזשינערס קינדער־לעך״ דערוועקט זיך ביי מיר אַ באַהאַלטען תרעומות — אַ פאַר־דריסליכקייט פאַר וועלכער איך וויים אַליין קיין פירוש ניט...

XV.

אין קעלער.

אין דעם אָבענד פון דעמזעלבען טאָג האָבען זיך אָנגעזאַמעלט אַ גאַנצע חברותא פון וועלוואַלעס „געשוואוירענע חסידים״ אין אַ אָפּגעזונדערט חדר פון דער קעלער־רעסטוראַציע, וואָס האָט זיך דעמולט געפונען אין דעם עק־הויז פון דער פאָסט־גאַס. די חברותא איז, ׳דאַכט זיך, היינט געווען אַ געקליבענע, די „פני״ פון די טשערנאָ־וויצער משכילים. מ׳האָט געוואוסט אַז וועלוואַלע ברענגט היינט מיט מיט זיך זיינעם אַ גאַר חשוב׳ן חבר, אַ יונגען פאָלקס־דיכטער אוים אָדעס. — אפשר האָט מען אויך גערעכענט אַז דער גאַסט וועט אויך „וויזען וואָס ער קען״.

ווען מיר זענען געקומען האָט דער גאַנצער עולם געקוקט מיט

באַזונדערער פאַרוואונדערונג אויף גאָלדפאַדען. וועלוואַלע אַליין איז אויך כמעט תּמיד גביריש געקליידט מיט דער גילדענער קייט און מיט'ן גילדענעם זייגער אין דער וועסטעל־קעשענע, אָבער זיין חבר, די הויכע געשטאַלט מיט דעם „פּריזירטען" קאָפּ, מיט דער גילדענער בריל, און אָנגעטהון מעשה־קאַוואַליר, זעהט ממש אויס ווי אַ שררה, ווי אַ גראַף בן גראַף.

און געשעהן איז אין דעם דאָזיגען אָבענד עפּעס אַזוינס וואָס אַלע וועלוואַלעס חסידים האָבען עס גאָר ניט געקענט משיג זיין. אפילו זיינע אַלטע „מקורבים" האָבען געעפענט מויל און אויגען: אויפ'ן טיש זענען אָנגעגרייט פלאַשען וויין לרוב. די גלעזער זענען שוין אָנגעפולט. עולם טרונקט און טרונקט. אָבער דאָס גלאָז מיט וויין וואָס שטעהט פאַר א י ה ם, פאַר וועלוואַלען, איז פול. ניט אַמאָל באַריהרט. דער חדוש'ליכער גאַסט האָט זיך געלאָזט געבען אַ גלאָז מיט שוואַרצער קאַווע, און ער, וועלוואַלע, האָט איהם נאָכגעטהון. און — וואונדער איבער וואונדער: וועלוואַלע זופּט אַלע מאָל אָפּ פון דער שוואַרצער קאַווע, און נאָך קיינמאָל, זייט זיינע חסידים געדענקען, האָבען פון איהם ניט אַזעלכע גייסטיגע פונקען געשפּריצט. ער צינדט ממש אָן לאַכענדיג אַרום זיך אַ פלאַם־פייער וואָס בריהט ניט אָבער ס'וואַרמט. מ'לאַכט און מ'האָט דערביי אַ הרהור־תשובה...

מעהר פון אַלע ווערד גאָלדפאַדען אַליין נתפּעל. זיצענדיג ביים טיש צייכענט ער אַריין מיט אַ שרייבפעדעל אין זיין נאָטיץ־ביכעל עטליכע שורות:

„וועלוואַלע"

„זיסע האָפנונג און נחמה
סאַטירע און פרעהליכע מאָראַל.
ער איז דעם פאָלקס נשמה,
ער איז זיין אידעאַל."
„אַ פאָלקס־דיכטער דאַרף ניט שטאָלצירען,
איבעראַל מוז ער זיין פאָלק נאָכגעהן.
א י ן ק ע ל ע ר'ס מוז ער איינשטודירען
זיין ליטעראַטור מיט איהם אַליין."

*

פונדעסטוועגען ווען איך האָב שפּעט אָבענדס גאָלדפּאַדענען באַגלייט ביז צו זיין האָטעל איז ער פּלוצים שטעהן געבליבען אויפ'ן וועג אַ פאַר'מחשבה'טער. און דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— איך ווייס ניט, יונגערמאַן, אויב איהר וועט מיך פאַרשטעהן. אָבער... איך שרעק מיך פאַר'ן קעלער... מ'דאַרף דאָס פאָלק אַרויסשלעפּען פונ'ם קעלער און אַרויפברענגען צו זיך...

*

אין יענער צייט, אים יאָהר תרל"ו, איז וועלוואַלע, וועלכער איז געבוירען אינ'ם יאָהר תקע"ט, אַלט געווען זיבען און פופציג יאָהר. ביי אַ דיכטער אַ נע־ונד'ניק, וועלכער מוז קריכען צום פאָלק אין די קעלערס, זענען דאָס שוין יאָהרען אין וועלכע מ'האַלט זיך ביים געזעגנען מיט'ן לעבען. ניט מעהר דראַפּען זיך אויף דער לייטער. ניט מעהר איבעראַנדערשען דעם סדר פון דער וועלט. געאַקערט, געזעעט, געפלאַנצט בוימער און בוימליך — און ווען דאָס קומענדיגע דור וועט מאַכען אַ ברכה איבער די פירות, געדענקען מיט אַ גוט וואָרט דעם אַקערער, דעם פלאַנצער, וועלען זיך אפשר זיינע ליפּען „באַוועגען אין קבר"... אָבער גאָלדפאַדען, וועלכער איז געבוירען אינ'ם יאָהר ת"ר, איז דעמולט אַלט געווען זעקס און דרייסיג יאָהר. נאָך געפיהלט אין זיך דעם גאַנצען כח אויף צו ראַנגלען זיך מיט'ן לעבענס־גורל און איהם איבערצואַנדערשען.

האָט גאָלדפאַדען זיך געראַנגעלט, געפּרופט מיט זיין גאַנצען כח אַרויסצושלעפּען דאָס פאָלק פונ'ם קעלער און עס אַרויפברענגען צו זיך. זענען געווען צייטען וואָס ס'האָט זיך איהם געדאַכט אַז אָט אָט האָט ער דערגרייכט זיין ציעל. אָבער אין זיינע עלטערע יאָהרען, ווען נאָך אַלע זיינע „נצחונות" האָט איהם זיין גורל ווידער געצוואונגען נאָכצוקריכען דעם פאָלק אין קעלער אַריין, האָט ער די, אין זיין טשערנאָוויצער באַטיך־ביכעל אַריינגעצייכענטע, עטליכע שורות, אַריינגענומען אין זיין לעצטען לידער־ספר'ל „דור הפלגה", אין וועלכעס ער האָט וועלוואַלען געשטעלט די שענסטע „מצבה" — ווען ער האָט געזאָגט:

„איך זאָל קענען וואָלט איך בעטען
די בעלת־אוב, די צויבערמאַכט,
וואָס האָט שמואל'ן דעם פּראָפעטען
פון דער ערד אַרויפגעבראַכט,
זי זאָל איצט מאַכען איהר מאַנעווער
מיט איהר געהיימען כשוף־טאָן
אַרויסרופען מיר פונ'ם קבר
אַ גרויסע וויכטיגע פּערזאָן.

— — — — — — — —

— — — — — — — —

יאָ, יאָ, מכשפה, באַפעהל די גייסטער
זאָלען זיי געהן דעם העקסען־טאַנץ
און מיר אַרויפבּרענגען דעם מייסטער:
וועלוועל זבאַראַשער עהרענקראַנץ...“

XVI.

צו וויט פּערקראַכען.

...מיין אכסניא אין טשערנאָוויץ, אין דער קערניצעגאַס, ווערד אָנגערופען „די זאַלישטשיקער“. דער בעל הבית אַליין איז אַ געבוירענער און אויפגעצויגענער אין זאַלישטשיק. און ניט נאָר כמעט אַלע קליינע מעהל־סוחרים, דאָס מיינט ידען וואָס לאָזען מאָהלען די פון זיי ביי די דאָרפס־פויערן אויפגעקויפטע זעקלעך תבואה אין אייגענע אָדער געדונגענע שטיין־מיהלען און פאָהרען אָן מיט זייערע באַלאָדענע וואָגענס יעדען זונטאָג־אָבענדס פון זאַלישטשיק צום מאָנטאָג'דיגען טשערנאָוויצער מאַרק, אָבער אפילו סתם זאַלישטשיקער ידען, וועלכע האָבען אַמאָל עפּיס אַ עסק אין טשערנאָוויץ, פאָהרען צו צו ז י י ע ר אכסניא.

הײמישע ידען צו אַ היימישען בכבוד'ען ייד.

מ'קען זיך מיט איהם אַמאָל באַראָטהען. ער איז אַ קלוגער ייד. אַ וועלט־מענש.

מען מעג איהם אויך אַמאָל איבערגעבען אַ סוד. ער איז אַ פּאַר־שווייגער.

מ'דאַרף איהם אויך אַמאָל שולדיג בלייבען פּאַר איבערנעכטיגען און פּאַר עסען. ער איז אַ גוטיטשקער, אַ פרומער, אַ ייד מיט בטחון. ער ווייסט אַז זיינער אַ זאַלישטשיקער ייד האָט נאָך ביי איהם קיינמאָל גאָר ניט אויסגענאַרט...„אַי טאָמער טרעפט זיך ביי אַ ייד אַ סבה, אַז איז ער גראָד אין דחקות און קען דערווייל ניט באַצאָהלען, איז דאָך אַ ממה נפשך: „לכשירחיב" וועט ער דאָך אַ ודאי אָפּגעבען דעם חוב מיט תשואות חן. אלא וואָס דען? טאָמער חלילה ניט, איז וואָס? איז דען א בעל אכסניא פטור פון דער מצוה פון הכנסת אורחים?!"

דער בעל אכסניא ווייסט צו דערצעהלען באריכות — ניט אָנצו־רופען דערביי קיין נעמען — אַ ציקאַווע מעשה, וועלכע האָט פּאַסירט אין זיין אכסניא נאָך פּאַר אַ ערך פון פופצען יאָהר, דאָס צווייטע יאָהר נאָכדעם וואָס ער האָט זי איבערגענומען.

ער דערצעהלט די דאָזיגע מעשה נאָר פּאַר יחידי סגולה. און ווען ער דערצעהלט זי שוין דערצעהלט ער זי אין דעם נוסח פון אַ דריטען פּאַרשוין:

אַ זאַלישטשיקער ייד, לא עלינו אַ יורד. אַ בלוטיגער אָרימאַן. אָפטמאָל ניטאָ אין שטוב אפילו אויף מזון סעודה אחת. אָבער אַ ייד אַ פאַרשוויגענער מיט אַ שטאַרקען בטחון. — טרעפט זיך פּאַר זיין עלטער מיידעל אַ שידוך מיט אַ בעל־הבת'ישען בחור „צו גאָט און צו לייט". זאָגט ער צו נדן ק"ן רייניש במזומנים. — נעהנטערט זיך דער זמן החתונה. איז גאָר ניט פרעהליך. ניטאָ אויף נדן, ניטאָ אויף חתונה־קליידער און ניטאָ אויף חתונה־הוצאות. — קומט גראָד אָנצופאָהרען קיין זאַלישטשיק „אויף אַ שבת" דוקא אַ קליין רבי'לע, אַ רבי'לע וועמעס גרעסטער שטאָלץ ס'איז אויף זיך אַליין צו זאָגען אַז ער איז „דאָס קוטיגע העמד פונ'ם רבי, רבי מאיר'ל פרעמישלאַנער". פונ־דעסטוועגען אַ רבי איז אַ רבי. אַ זינדיגער בשר ודם האָט ניט קיין וואָגשאָל אויף אָפּצו־וועגען „זייער גרויסקייט". כאַפּט זיך דער דאָזיגער ייד אַריין צו דעם דאָזיגען רבי. לעגט דער ייד אַנידער אויפ'ן טיש דאָס פונ'ם גבאי אָנגעשריבענע „קוויטעל" מיט אַ „פדיון" פון צווי

זילבערנע „ועקסערלעך". לייענט דער רבי דאָס קוויטעל און זאָגט אַזוי ווי צו זיך אַליין:

— אַ ייִד דאַרף און מוז חתונה מאַכען אַ טאָכטער... אַ מיידעל אין די יאָהרען... איז דאָך טשערנאָוויץ ניט ווייט פון זאַליש־טשיק... כאַפּט זיך אַ ייִד אויף אויף אַ מעהל־וואָגען און פאָהרט צום טשערנאָוויצער מאָנטאָג'דיגען מאַרק... פאָהרט ער אַהין אַזוי לאַנג, אויף אַ מאָנטאָג נאָך אַ מאָנטאָג, ביז ער באַגעגנט דעם — וועמען ער דאַרף און מוז באַגעגנען...

פאָהרט דער ייִד אַ זונטאָג־פאַרנאַכט נאָך אַ זונטאָג־פאַרנאַכט קיין טשערנאָוויץ. פאַרפאָהרט ער מאָנטאָג־פאַרטאָג אין דער זאַליש־טשיקער אכסניא. לעגט ער זיך ניט אַמאָל אַנידער אויסרוהען. ער דאַרף ניט און ער טאָר ניט. „ער מוז גאַנץ פריה, אין דעם ביי דער אכסניא נאָהנטען בית המדרש דאַווענען מיט דעם ערשטען מנין. ס'איז מאָנטאָג, קריאת התורה. ער וויל דאַווענען בצבור... חוץ דעם איז דאָס ביי איהם אַ יום הדין... ער וויל היינט אויך פאַסטען.."

איילט זיך דער ייִד תיכף נאָכ'ן דאַווענען צו קומען אויף דעם טשערנאָוויצער הויפּטפּלאַץ. דרעהט ער זיך דאָרט אַרום שווייגענדיג דעם גאַנצען טאָג, פון פריה ביז אָבענדס. קוקט ער כמעט יעדען פאַרביי־געהענדען און פאַרביי־לויפענדען אין די אויגען. אָבער — קיינער קוקט איהם ניט אָן...

קומט דער ייִד אָבענדס צוריק אין דער אַכסניא, איילט ער זיך מיט דעם ערשטען אויסגעלעדיגטען מעהל־וואָגען ווידער אַהיים צו פאָהרען — ניט דאָס מינדעסטע טועם צו זיין נאָך דעם תענית...

איז דער בעל הבית פון דער אכסניא ניט קיין נעכטיגער. דערקענט ער אַז ביי דעם ייִד איז עפּיס ניט גלאַטיג. ער, דער בעל אכסניא, איז אַליין אַ זאַלישטשיקער און קען דעם דאָזיגען ייִד נאָך פון דער היים. „תמיד געווען אפילו ניט קיין גרויסער גביר אָבער אַ פאַרפונ־דעוועטער בעל הבית מיט מעהר פון פרנסה־בהרחבה... אַ פּראָסטער מענש. אָבער דערביי אַ רוהיגער, אַ אָרענטליכער... דאַכט זיך ניט קיין נאַרישער ייִד... נו, מילא, אַ יורד לא עלינו. אָבער וואָס איז עפּיס דאָס משונה'דיגע התנהגות? אַ ייִד קומט אויף מאָנטאָג קיין טשערנאָוויץ. ריידעט מיט קיינעם ניט אַ וואָרט. האַנדעלט ניט און

וואַנדעלט ניט. איז אַ גאַנצען טאָג גאָר ניט טועם. טרונקט ניט אפילו אַ גלעזעל וואַרימס נאָך אַזאַ תענית. און — איילט זיך שוין אָבענדס אַהיים צו פאָהרען...״

שאַרט זיך דער בעל הבית פון דער אכסניא, שוין דעם צווייטען מאָנטאָג־אָבענדס, צו דעם דאָזיגען ייד צו. פאַרפיהרט ער מיט איהם כלומר׳שט אַ שמועס „סתם אַזוי אין דער וועלט אַריין״ אָבער באַלד קען ער אין זיך ניט מעהר האַלטען און זאָגט: — איהר וועט מיר מוחל זיין מיין ליעבער פריינד. איך האָב ניט קיין רעכט און וויל אויך גאָר ניט ביי אייך פרעגען. ווען איהר שווייגט מסתמא דאַרפט איהר שווייגען, און ווען איהר פאַסט יעדען מאָנטאָג, איז דאָס אויך אייער זאַך און ניט מיינע. אָבער איך דערקען אַז איהר זענט אַ ייד מיט אַ שטאַרקען בטחון. און איהר דאַרפט וויסען אַז איך בין אויך אַ ייד און האָב אויך בטחון. און איך בעט אייך אַזוי אָפט איהר קומט קיין טשערנאָוויץ זאָלט איהר אין קיין אַנדערער אכסניא ניט איינשטעהן נאָר אין מיינער. מיר זיינען היימישע יידען. אָבער איהר וועט מיר מוחל זיין ווען איך קען ניט אַוועקלאָזען ביי מיר אַ ייד אָהן אַ וועטשערע נאָכ׳ן תענית... איך מיין ניט אייך צו שענקען. ביי מיר ווערד אַלצדינג פאַרשריבען... איך קען אייך פון דער היים פאַר אַ בכבוד׳ען ייד, איך בין במוח אַז אם ירצה השם „לכשירחיב״ וועט איהר אַ ודאי חלילה מיינס ניט פאַרלאַנגען...

און אַזוי האָט דער בעל הבית דעם ייד ניט אָפגעלאָזט ביז ער האָט מסכים געווען און געגעסען אַ וועטשערע כדבעי.

טרעפט זיך ביי דעם ייד אין איינעם אַ מאָנטאָג — ס׳איז גראָד פעטער־מאַרק — אַ גאָר אויסטערליש טרעפעניש:

אַ גאַנצען ליעבען טאָג אַרומגעדרעהט זיך אין דעם געטומעל פונ׳ם יאַריד, מענשען לויפען, מענשען יאָגען. מענשען פאַר׳טרוד׳טע און מענשען פרעהליך־לאַכענדיגע. מענשען וועלכע וואונקען מיט די אויגען און מענשען וועלכע ריידען ניט בלויז מיט די הענד אָבער גאָר מיט אַלע אברים. נאָר ער דרעהט זיך צווישען זיי אַרום אַ שווייגענדיג־קוקענדיקער. קיינער פרעגט ביי איהם גאָר ניט און ער פרעגט ביי קיינעם גאָר ניט.

ס׳איז אַ הייסער זומער־טאָג. די זון ברענט. דערצו דער שטויב

אויף דעם הויפּטפּלאַץ פון די אַהין־ און־אַהער־יאָגענדע. איז דער ייד, פאַרנאַכט נאָכ׳ן יאַריד, אַ פאַרשמאַכטער, כמעט א פאר׳חלש־טער, שוין גרייט ווידער צוריק צו געהן אין זיין אכסניא.

ער מוז נאָך דאַווענען מנחה און מעריב, גראָד היינט איז ביי איהם דער שווערסטער תענית. ער מוז תיכף נאָך מעריב עפּיס „איבערכאַפּען״.

דערהערט ער פּלוצים פון הינטער זיך אַ קול. מ׳רופט איהם. מ׳שרייעט:

— פּעטער! וואָס קויפט איהר?

קוקט זיך דער ייד אום. זעהט ער אַז דאָס האָט איהם צוגערופען אַ יונגערמאַן, אַ דייטש׳ל, וועלכער שטעהט איצט נאָכ׳ן יאַריד פאַר זיין געוועלב אַ האָפערדיגער, מיט ביידע הענד אין ביידע הויזענקע־שענעס, און אַרום איהם אַ גאַנצע חבריא דייטשלעך, געוועלב־שכנים און אויבער־משרתים. אַ חברה אויסגעפּרעסענע מה־יעשה׳ניקעס. מ׳שיט מיט הלצה׳לעך און מ׳קאַטשעט זיך פאַר געלעכטער.

נעהנטערט זיך דער ייד צו דעם יונגענמאַן, וועלכער האָט איהם גערופען, און פרעגט תמימות׳דיג:

— וואָס האָט איהר עפּיס אַזוינס צו פאַרקויפען?

— פאַר אייך, פּעטער — זאָגט דער יונגערמאַן — ג אָ ר אַ אַ נ ט י־ק ע ל. קויפט׳ס ביי מיר אָפּ מיין עולם הבא!... דעם אמת געזאָגט האָבען מיינע מצוות אַ סך קליינערען ווערטה פון מיינע עבירות. מיינע עבירות קאָסטען מיך אַליין אַ סך טייערער. פונדעסטוועגען קענט איהר ביי מיר קויפען אַ מציאה. כמעט בחצי חנם. איהר דאַרפט מיר פאַר מיין עולם הבא נאָר געבען דאָס קליין־געלד וואָס איהר האָט ביי אייך אין קעשענע. קיין גרויסע אפּותיקי האָט איהר אַ ודאי ניט.

— שטעהענדיג דרויסען — זאָגט דער ייד ווייטער תמימות׳דיג — מאַך איך קיינמאָל ניט קיין מסחר. דאַרויף האַלט איהר דאָך אַ גע־וועלב.

געהט דער יונגערמאַן, און איהם נאָך די גאַנצע חבריא מה־יעשה׳ניקעס, מיט דעם דאָזיגען ייד אין געוועלב אַריין. לעדיגט דער ייד אויס פון זיין קעשענע דאָס גאַנצע מזומנים; דריי און פער־ציג עסטרייכישע קרייצער. גיבט ער עס איבער דעם יונגענמאַן און מאַכט מיט איהם אַ תקיעת כף. און „ליתר שאת״ און „ליתר עוז״

שרייבט דער ייד אָן אַ קליין צעטאַלע, וואָס הויבט זיך אָן מיט „חתימת ידי דלמטה תעיד עלי כמאה עדים“ און דער יונגערמאַן פאַרקאַטשעט זיך דעם אַרבעל פון זיין רעכטער האַנד און חתמ'ט מיט גרויסע יידישע אותיות זיין נאָמען מיט דעם נאָמען פון זיין מאַמע.

קוועלט דער יונגערמאַן, ביי דעם גאַנצען משא ומתן, גאָר אָן פון זיך. ער האָט גרויס הנאה פון זיין גרויסער חכמה. און די גאַנצע חבריא, געוועלב־שכנים און אויבער־משרתים, האַלטען זיך ממש ביי די זייטען פאַר לאַכען.

—„אַזאַ נאַרישער קליינשטעטלדיגער ייד!!!“

אָבער דער דאָזיגער ייד גלעט אויס מיט דער רעכטער האַנד דאָס אָנגעשריבענע און געחתמ'טע צעטאַלע, לעגט עס פאַמעליך צונויף, באַהאַלט עס אַ צופרידענער אין זיין בוזעם־קעשענע און געהט זיך זיין וועג.

צוריקקומענדיג אין זיין אכסניא איז דער דאָזיגער ייד אַ איבער־געביטענער. כמעט אַ בגלופין'דיגער. ס'איז דרויסען אַ שענע ליכטיגע לבנה. מ'געהט נאָך מעריב, זי „מחדש“ זיין. און ביי „סימן טוב ומזל טוב יהיה לנו ולכל בני ישראל“ טענצעלט זיך דער ייד אַביסעל אונטער. „אין אַ מזל'דיגער שעה האָט זיך מיט איהם היינט געטראָפען עפּיס אַזוינס וואָס ער האָט גאָר ניט דערוואַרט. ס'איז אַ גוטער סימן. דאָס האַרץ זאָגט איהם אַז באַלד באַלד וועט ער באַגעגנען דעם — ווען ער דאַרף און מוז באַגעגנען...“

פאָהרט דער ייד היינט שוין ניט אַ היים. ער בלייבט נעכטיגען. געהט ער דעם צווייטען טאָג, דיענסטאָג, שוין אַביסעל שפּעטער דאַוונען. היינט, דיענסטאָג, מוז ער ניט דאַווענען מיט'ן ערשטען מנין. ס'איז היינט ניט קיין יאַריד און ער האָט ניט וואָס צו טהון אויף דעם הויפּטפּלאַץ. אם ירצה השם מיטאָגסצייט וועט ער אַהיים פאָהרען.

קומט ער אָבער צוריק פונ'ם בית המדרש אין זיין אכסניא געהט איהם דער בעל הבית פון דער אכסניא אַקעגען און זאָגט איהם:

— אין דעם צווייטען חדר וואַרטען אויף אייך צוויי יידען, אַ טאַטע און אַ זוהן. זיי האָבען געוואוסט אַז איהר זענט אַ זאַלישטשיקער האָבען זיי זיך משער געווען אַז איהר שטעהט איין אין מיין אכסניא. דער טאַטע איז אַ היגער זעהר חשוב'ער גביר. אַ חסידישער ייד. גאָר

אַ געהויבענער. אָבער דער זוהן, אַ היינטיג־וועלטישער, איז שוין גאָר אַנדערש. לגמרי אַ אַנדערער. דערצו איז דער זוהן ניט קיין איבריגער חכם... האָט דער טאַטע זיך דערוואוסט פון דער נאַרישקייט וואָס זיין זוהן איז נעכטען באַגאַנגען הוזק צו מאַכען פון אַ פרעמדען אָרימען ייד און דערצו איהם נאָך צו פאַרקויפען זיין עולם הבא, איז ער אַרויס פון די כלים. ער וויל דעם זוהן מעביר נחלה זיין אויב ער וועט אייך ניט מפייס זיין און ביי אייך ניט אָפּנעמען דאָס צעטאַלע... וועגען דעם זיינען זיי, דער טאַטע און דער זוהן, צו אייך געקומען... זיי האָבען מיך געבעטען אַז איך זאָל זיי דערביי בייהילפיג זיין... אָבער — דאָס איז ניט מיין עסק. איך מיש מיך ניט אין פרעמדע ענינים... אייער כבוד איז ביי מיר צומינדעסט אַזוי טייער ווי זייערער...

געהט דער ייד, באַגלייט פונ'ם בעל אַכסניא, אַריין אין דעם צווייטען חדר. הערט ער זיך צו צו דעמזעלבען פזמון וואָס דער בעל אַכסניא האָט איהם שוין איבערגעגעבען. פאַרטראַכט ער זיך אַביסעל. אָבער באַלד דערצעהלט ער גאַנץ רוהיג די מעשה פון דעם שידוך מיט זיין טאָכטער און די מעשה פונ'ם רבי'ן צו פאָהרען אַ מאָנטאָג נאָך אַ מאָנטאָג, קיין טשערנאָביל ביז ער וועט באַגעגנען דעם וואָס ער דאַרף און מוז באַגעגנען.

און מיט דערזעלבער רוהיגקייט איז ער מוסיף:

— ווען מ'האָט מיך נעכטען פאַרנאַכט גערופען האָב איך אין דער התחלה מיך גאָר ניט געוואָלט אומקוקען און געהן ווייטער מיין וועג. אָבער פלוצים האָט ביי מיר אויפגעבליצט אַ מחשבה אפשר איז דאָס דער וועמען איך דאַרף און מוז באַגעגנען... דער באַווייזט זיך פאַר אַ פּשוט'ן בשר ודם אין פאַרשידענע געשטאַלטען... די חוזק־מאַכעריי פון איהם און זיין חבריא האָט ביי מיר נאָך פאַרשטאַרקט מיין מיינונג. און ווען ער האָט מיר פאָרגעלייגט ביי איהם אָפּצוקויפען זיין עולם הבא האָט מיין האַרץ געציטערט פאַר פרייד. איך בין געוועזן ביי מיר זיכער אַז דאָס וויל ער מיך שטעלען פאַר אַ נסיון... אַצונד... אַצונד... אַצונד וויל איך גאָר ניט און ס'איז גאָר ניט נויטיג אַז דער יונגערמאַן זאָל מיך מפייס זיין... איך בין איהם און זיין חבריא אַלצדינג מוחל במחילה גמורה... איך באַ־

טראַכט זייער חוזק־מאַכעריי פאַר אַ אַפּקומעניש פון מיינע זינד...
אָבער דאָס צעטאַלע קען איך ניט און טאָר איך ניט צוריקגעבן...
ס'איז ביי מיר אַ קמיע... איך באַטראַכט דאָס פאַר אַ סימן אַז דעם רבי'נס הבטחה וועט באַלד מקוים ווערן...

זיצט דער יונגערמאַן מחילה, ווי אַ אָפּגעשמיסענער. ער שעמט זיך צו קוקן זיין טאַטן אין די אויגן אַריין. אָבער זיין טאַטע האָט שוין אַ פאַרטיגן פּלאַן. ער הויבט זיך אויף פון זיין זיץ, רופט אָפּ דעם בעל אכסניא אין אַ ווינקעל און סודט זיך מיט אים... קומען באַלד ביידע צוריק און דער בעל אכסניא זאָגט:

— מיין ליעבער ייד! דער רבי האָט ניט אָנגערופן מיט'ן נאָמען דעם ווע‌מען איהר דאַרפט און מוזט באַגעגנען. אפשר האָט איהר איצט באַגעגנט אַ ייד וועלכער וויל זיך „קויפן עולם הבא" און מקיים זיין די מצוה פון הכנסת כלה... מיר ווילן נאָר הערן וויפיל איהר דאַרפט און איהר מוזט האָבן.

ווערד דער ייד אַ אויפגעלעבטער. באַקומט ער אַלע פאַרבן אין פנים. פאַררוקט ער זיך זיין קאַפּעליוש אַרויף עט אויבן, גלעט ער זיך איבער'ן שטערן און חשבון'ט:

— די ק"ן רייניש אויף נדן מוזן זיין בשלימות. פריהער וואָלט איך אפשר געקענט עפּיס אָפּדינגען פון'ם נדן. אָבער איצט ווען דער חתן געהט אַרום אָנגעדרודעלט, און זיינע עלטערן, די מחותנים, זיינען ברוגז פאַר'ן כסדר'דיגען פאַרשלעפּען פון'ם זמן החתונה, טאָר איך מיט זיי גאָר ניט זאַטשעפּען... בעטגעוואַנד איז ברוך השם פאַרהאַנען. די מאַמע האָט ווינטער־איין ווינטער־אויס געגנוג פעדערן אָנגעפליקט פאַר דער טאָכטער... אויך אַ גאַנץ שטיק פיינע ליינ־וואַנד, וואָס איך האָב נאָך אין די גוטע צייטען אויס טשערנאָוויץ אַהיים געבראַכט, ליעגט ביז היינט באַהאַלטען, אָנגעגרייט פאַר דער טאָכטער'ס חתונה־וועש... דאַרף מען נאָר האָבן אויף חתונה קליידער און חתונה־הוצאות... חוץ דעם האָב איך מיך אין די תנאים מתחייב געווען צו קויפן פאַר'ן חתן אַ טלית און אַ שטריימעל...
קען דאָס אַלצדינג באַטרעפן אַ ערך פון הונדערט און פערציג רייניש... קומט אַרויס אַ סך הכל פון צוויי הונדערט און ניינציג רייניש במזומנים...

שלעפּט זיך נאָך בײַ דעם חשבון נאָך אַ „עיקר שכחתי": — דאָס געלד פֿאַר מײַן טאָכטער׳ס חתונה איז בײַ מיר „קדשים". איך טאָר דערפֿון ניט אָנריהרען אַ פּרוטה... פֿאַר מיר דאַרף איך גאָר ניט. דעם בעל עגלה דאָס שכירות פֿאַר׳ן אַהײם־פֿאָהרען וועל איך אם ירצה השם אין דער הײם באַצאָהלען, איך בין בײַ איהם אַ בטוח. אָבער — דעם בעל אכסניא בין איך ביז הײַנט שולדיג זעקס רייניש און פֿיער און זיבציג קרייצער. איך דאַרף ניט און טאָר איצט ניט אַהײם פֿאָהרען אײדער איך האָב איהם באַצאָהלט... אַ מענש האָט זיך ניט אין די הענד... השם יתברך ווייסט אויב און ווען איך וועל ווידער קומען קײן טשערנאָוויץ...

לאַכט דער בעל אכסניא און זאָגט:

— איך בין אויך אַ ייד וועלכער וויל זיך קויפֿען עולם הבא. מײַן חוב גיב איך דרשה־געשאַנק פֿאַר אײַער טאָכטער.

פֿאַר׳עקשנ׳ט זיך אָבער דער דאָזיגער ייד. ער טענה׳ט:

— מיט דעם יונגענמאַן האָב איך אָפּגעשלאָסען אַ מסחר. און ווען ער האָט חרטה מעג איך בײַ איהם פֿאַרלאַנגען כך וכך. אָבער איך בין חלילה ניט קײן „בעטלער". פֿאַר נאַכטלעגער און פֿאַר עסען מוז איך באַצאָהלען. איך וויל ניט קײן פּרעמדס. און אויב איהר וועט וועלען בײַ דער חתונה שיקען פֿאַר מײַן טאָכטער דרשה־געשאַנק — איז דאָס אײַער זאַך.

*

צו מיר איז דער בעל אכסניא אַ גאָר נאָהנטער קרוב. און נאָך מעהר. מיט מײַן טאַטע אינאײנעם אויפֿגעצויגען. געגעסען בײַ א י י ן באָבע שבת־אויבס, געלערנט אין א י י ן חדר. געהאַלטען פֿאַר אײ־נאַנדער שטאָהל און אײַזען בײַם טרײַבען פֿון ייִנגלישע און בחור׳ישע שטושקאַלעך, איז צווישען זײ פֿאַרבליבען עד היום אַ חבר׳שאַפֿט אפֿשר מעהר ווי צווישען ברודער פֿון אײן טאַטע־מאַמע, אײנער האָט געוואוסט בײַם צווייטען ניט בלויז וואָס ס׳קאָכט זיך אין טאָפּ אָבער אויך וואָס ס׳קאָכט זיך אין האַרץ. ווען ער איז אַמאָל געקומען קײן זאַלישטשיק אָדער מײַן טאַטע איז אַמאָל געקומען קײן טשער־נאָוויץ איז פֿון שלאָפֿען גאָר קײן רייד ניט געווען. די גאַנצע נאַכט

איז מען געזעסן און אויסדערצעהלט איינער דעם צווייטן וואָס „אונטערן נאָגעל."

ס'איז געווען אַ צייט —. איך בין דעמולט אַלט געווען 18 יאָהר — וואָס זיי ביידע, מיין טאַטע און ער, האָבען זיך געזאָלט משדך זיין. ביידע האָבען שטאַרק געוואָלט. מיין טאַטע מחמת אַ „מהיכי תיתי". סיי ווי סיי איז מען געקניפּט און געבונדען, און אַ בעסערען און שענערען מחותן ווינשט ער זיך גאָר ניט. אָבער ער האָט ממש גע־צאַפּעלט מיך צו זעהן אַ חתן פאַר זיין ביילצי.

ער אַליין איז ניט געווען קיין גרויסער בקי אין די דריבניטשקע אותיות. קוים געקענט אַריינקוקען אין אַ חסידיש ספר. אָבער ער האָט גרויס דרך ארץ געהאַט פאַר למדנות. פונ'ם טשערנאָוויצער רב, רבי בנימין ווייס, האָט ער געהאַלטען „עולם ומלואו". בין איך ביי איהם „געהויכט און געקרוינט" געוואָרען ווען ער האָט זיך דערוואוסט אַז איך, ביי זיבצעהן יאָהר, האָב אָנגעשריבען אַ שאלה, אַ קשיא אויף אַ תוספות אין בבא בתרא, און דער טשערנאָוויצער רב האָט מיר אין זיין תשובה געגעבען אַ טיטעל „החריף השנון".

— „ווען ער זאָל זוכה זיין מיך צו האָבען פאַר אַ איידעם וואָלט ער מיך ניט געלאָזט טהון „אַ האַנד אין קאַלט וואַסער אַריין". אפילו אַ רבנות וואָלט ער מיך ניט געלאָזט אָננעהמען. ער וואָלט מיר אָפּגעגעבען אַ באַזונדער חדר, מיך „געקעכעלט", און איך זאָל זיצען יומם ולילה און לערנען."

איז אָבער דער שטן מקטרג: קומט איינמאָל ביילצי, אַ מויד ווי אַ צימעס, אַ מויד מיט פּליטערלעך, צו איהרער אַ באָבע, פון מאַמענס צד, קיין זאַלישטשיק. ווייסט זי פון גאָרניט און איך ווייס פון גאָרניט. אָבער אַ נאָהנטע קרובה. און ווען זי קומט צו אונז אין שטוב, און מ'שמועסט און מ'שמועסט, בין איך אַקעגען איהר ניט קיין ביישן און כאַפּ מיט איהר אויך אַ שמועס. האָט זי אָבער אַ טבע אַז ווען זי ריידעט אַזוי געשמאַק, אין דער וועלט אַריין קריכט זי מיט איהר דלאָניע אויף יענעמס האַנד. — אָהן אַ שום כוונה. סתם אַזוי. אַזוי ווי זי טאָרעט טאָמער דרימעלט יענער. — זי פרעגט דערביי יעדעסמאָל אין טשערנאָוויצער דייטש: „האַסט דו געהערט? האַסט דו פערשטאַנען?" — פאַרשטעהט זיך ממילא אַז שוין ביים ערשטען

מאָל אַרויפֿקריכען פֿון איהר דלאָניע אויף מיין האַנד איז מיר געקומען דאָס בלוט אין פּנים אַריין, איך האָב מיך אַביסעל אָפּגערוקט, און ווען זי האָט אויף אַ רגע אַוועקגעקוקט האָב איך באַהאַלטען מיינע ביידע הענד הינטער מיר, אויף מיין רוקען. באַמערקט זי אָבער דאָס באַלד. דאַכט זיך אַז ס'געפֿעלט איהר דוקא מיין שעמעוודיגקייט. זי ווערד אַליין אויך רויט. פֿונדעסטוועגען אַ טשערנאָוויצער מיידעל, אַ דייטשערקע, אַ געלערנטע, אַ אָנגעלייענטע מיט די גוי'אישע בבא-מעשיות וועגען בחורים און בתולות. אפֿשר שוין גאָר אַמאָל אַליין אויך געטאַנצט מיט בחורים. און דערצו מיינע אַ נאָהנטע קרובה. מוסר'ט זי מיך באַלד שמייכעלדיג פֿאַר מיין ניט-היינטיג-וועלטישקייט. זי זאָגט אַז ביי זיי אין טשערנאָוויץ זיינען אפֿילו די גרעסטע חסידישע בחורים גאָר אַנדערש. און — „ווען איך זאָל אַמאָל קומען קיין טשערנאָוויץ וואָלט איך געמוזט מיט איהר געהן שפּאַצירען אין פֿאָלקסגאָרטען."

לאַך איך.

דערהער איך פּלוצים דאָס קול פֿון מיין מאַמע. זי רופֿט מיך.

זאָגט מיר די מאַמע שטילערהייט גאָר ברוגז'לעך:

— וואָס איז דאָס פֿאַר אַ געלעכטער? וואָס האָסטו דיך עפּיס אַריינגעלאָזט אין אַזאַ ברייטען שמועס מיט דער טשערנאָוויצער מויד?... טאַקי אַ נאָהנטע קרובה פֿון טאַטעס צד, טאַקי אַ טאָכטער פֿון אַ גאָר וואוידהלען ייד. אָבער מיר געפֿעלט זי כלל וכלל ניט... איך האָב פֿון איהר געהערט דיבורים וועלכע פּאַסען פֿאַר אַ גוי'אישער שיקסע און ניט פֿאַר אַ פֿרומער יידישער טאָכטער...

מיין מאַמע האָט געוואוסט וועגען דעם אָפּשמועסעכטס פֿון מיין טאַטע מיט ביילצ'ים טאַטע. האָט זי אין דער התחלה אויך מסכים געווען. די משפּחה איז איהר פּאַסיג. אייגענע מיט אייגענע. די „כלה" קען זי נאָך פֿון איהר געבוירען-ווערען. אפֿילו עלטער פֿונ'ם „חתן" אַ ערך פֿון צוויי יאָהר, אָבער ניש-קשר. זי אַליין, די מאַמע, איז אויך עפּיס עלטער פֿונם טאַטע. בפֿרט נאָך אַז דער טשערנאָוויצער „מחותן" וויל זיך מתחייב זיין צו געבען, חוץ דעם נדן פֿאַר'ן פֿאָר-פֿאָלק, אויך פֿינף הונדערט ריייניש אויף נדן און חתונה-הוצאות פֿאַר מיין עלטערער שוועסטער, און איז גרייט צו וואַרטען מיט דער

חתונה ביז ס'וועט זיך פאַר איהר, פאַר מיין עלטערער שוועסטער, טרעפען אַ פּאַסיגער שידוך... האָט זיך אָבער איצטן ביילצי אַליין גאָר באַנאַרישט: אין אַ שמועס מיט מיין מאַמע, ווען מיין מאַמע האָט ביטערליך געזיפצט איבער אונזערער אַ קרובה, וועלכע האָט אָנגע־טהון אַ בושה דער גאַנצער משפּחה מיט איהר חוצפּה'דיג עקשנות זיך ניט צו לאָזען אָפּשערען די האָר ביי איהר חתונה, האָט ביילצי געוואָלט אויספּאַקען איהר טשערנאָוויצער היינטיג־וועלטישקייט. דער־צעהלט זי דער מאַמע אַז צו זיי אין דער אַכסניא קומען רוסישע חסידישע ווייבליך מיט אייגענע האָר. און זי איז נאָך מוסיף אַז זי אַליין ווייסט נאָך ניט אויב זי וועט קענען איבערטראָגען דעם צער מ'זאָל ביי איהר „אַראָפּנעהמען די קרוין פון'ם קאָפּ".

דאַרף מען וויסען אַז מיין מאַמע איז ניט אַבי־ווער. זי איז ר' יהושע יאַקובענערס אַ טאָכטער. איהר טאַטע איז ביים רבי, רבי מאיר'ל פּרעמישלאַנער, געווען די רעכטע האַנד. אין יידישקייט האָט זי ביי אונז אין שטוב דאָס ערשטע און דאָס לעצטע וואָרט. און — ווען זי זאָגט „ניין" מעגען קומען אַלע מלכים און אַלע שטורם־ווינד פון מזרח און פון מערב בלייבט עס ביי איהר „ניין".

פונדעסטוועגען איז דער טשערנאָוויצער בעל אכסניא, שפּעטער מיט צוויי יאָהר, געקומען אייגענס צו פאָהרען צו מיין חתונה מיט דעם „פּרייק'ס" טאָכטער און — האָט זיך משמח געווען ניט בלויז ווי אַ נאָהנטער קרוב נאָר טאַקי ווי „דעם טאַטעס אַ ברודער פון איין טאַטע־מאַמע."

*

קום איך היינט פאַרמיטאָג פון סאַדיגורא קיין טשערנאָוויץ בין איך אין דער אכסניא פון מיין גאָר נאָהנטען קרוב ניט קיין פּשוט'ער אורח.

— „אליעזר יאַנצי'ס זוהן, אַ לייבליך געשוויסטער־קינד איז גע־קומען!"

אַגב בין איך אַ אַלמן און ביילצי האָט נאָך ביז היינט ניט גע־פונען איהר זיווג, איהר באַשערטען.

זי קען זיך ניט צוקלייבען...

גרייט מען אָן פון מיין כבוד וועגן אַ מעדני־מלכים׳דיגע מי־טאָג־סעודה. ווייס איך קיין פתרון פון קיין חלום ניט. קום איך צוריק אין דער אכסניא אַריין אַביסעל שפעטער, דערצו אַ ניט־וויניג־צורודערטער פון מיין שמועס מיט גאָלדפאַרען. איז מען מיר מודיע אַז ניט אין דער אורחים־שטוב נאָר אין דעם היימישען חדר איז פאַר מיר געדעקט דער טיש אויף צו עסען מיט׳ן גאַנצען בני בית.

געפונט זיך דערווייל אין דעם היימישען חדר נאָר ביילצי אַליין, אַ אויסגעצוואָגענע און אַ אויסגעסטראָיעטע. פרעהט זי זיך מיט מיר און איך פרעה מיך מיט איהר. אַ גאָר נאָהנטע קרובה. ליעגט אויפן טיש אַ דייטש ביכעל וואָס זי האַלט גראָד אין מיטען לייענען. בין איך דאָך אַ ספר־מענש, אַ בעלן אויף צו וויסען וואָס דאָס איז. זעה איך אַז דאָס איז דער ראָמאַן „זאָל און האָבען“ פון גוסטאַוו פרייטאַג. וויל איך וויזען אַז איך האָב אויך שוין געלייענט דעם דאָזיגען ראָמאַן. דרוק איך אויס מיין ניט־צופרידענקייט מיט דעם מחבר וועגען דעם וואָס ער האָט צו־שטאַרק פאַרקרומט די אברים, אַריינגעגאָסען צו־פיל בליי אין דער נשמה און אויסגעשמירט מיט פעך־שוואַרצער פאַרב דאָס פנים פון זיין יידישען „פייטעל־איציג“ אויף אויסצוזעהן ווי אַ שד. — קוקט מיך ביילצי, מיין נאָהנטע קרובה, אָן מיט פאַר׳חדוש׳טע אויגען. זי, ביילצי, איז אַ מיידעל וועלכע לייענט תמיד איהרע דייטשע ביכלעך מיט דעמזעלבען תמימות און מיט דעמזעלבען דרך ארץ ווי, להבדיל, איהר מאַמע, איהר באָבע און איהר עלטער־באָבע האָבען געלייענט זייער „צאינה וראינה“, זייער „נחלת צבי“ און זייער „מנורת המאור“. און זי קען גאָר ניט פאַרשטעהן אַז אַ פשוט׳ער בשר ודם זאָל פרעגען קשיות און אַרויס־געפונען חסרונות אויף אַ מחבר וועלכער האָט אַ שם אויף דער וועלט מיט זיין חכמה. חוץ דעם קען זי זיך ניט גענוג פאַר׳חדוש׳ן וואָס אויס דעם אַמאָליגען „קלויז־בחור“ איז פלוצים געוואָרען. — פרופט זי זיך מלמד זכות זיין אויף איהר גוסטאַוו פרייטאַג. האָט זי דאָך איהר אַלטע טבע ביים „איינ׳טענה׳נען“ צו קריכען מיט דער דלאָניע, כאַפט זי אָן מיט איהר רעכטער האַנד מיין רעכטע האַנד. האַלט זי זי פעסט. אַזוי ווי זי זאָל מורא האָבען איך זאָל ניט אַנט־לויפען... בין איך אפילו ניט מעהר דער ביישן פון אַמאָל. ציה

איך אפילו ניט מעהר צוריק מיין האַנד. פונדעסטוועגען — טאַקי אַ נאָהנטע קרובה אָבער אַ ב י ס ע ל צו־נאָהנט...

ביים ריידען ווערד איהר פּנים שטאַרק פאַרפלאַמט... זי רייִדעט קלוגע דיבורים... זי איז ביי מיר שטאַרק גושא־חן... און איך וואָלט געוואָלט מיך באַפרייִען... ניט פון איהר. חלילה. אָבער — פון מיר אַליין...

זיצען מיר באַלד ביים טיש מיט דעם גאַנצען בני בית. זיצט ביילצי גראָד אַקעגען מיר. וואַרף איך ביים עסען אַלעמאָל אַ בליק אויף איהר. זי עסט מיט גרויס דרך ארץ. זי איז מדקדק אַרייִנצושטעקען דעם גאָפּעל אין דעם „געבראָטענס" און יעדעסמאָל אָפּצושניידען מיט'ן מעסער אַ קליין שטיקעל' נאָר אַזוי פיעל וויפיל זי דאַרף אַרייִנברענגען אין מויל אַריין. — זי געפעלט מיר גאָר אויסטערליש. אַ מיידעל מיט אַלע מעלות. שען, קלוג, געבילדעט און דרך־ארץ'דיג. — באַפאַלט מיך אַ חשק מיך פאַר איהר אויסצופּייִנען. וויל איך איהר ווייזען אַז איך בין שוין גאָר הייִנטיג־וועלטיש. פאַרגעס איך אָן דעם גאַנצען עולם פון אַרום דעם טיש, אָן איהר טאַטע־מאַמע, אָן איהרע שוועסטער און ברודער, און פאַרפיהר נאָר מיט איהר אַ שמועס. שיט איך זי אָפּ מיט דייִטשע פסוקים אויס די ספרים פון שילער, לעסינג, געטהע, שעקספּיר און כדומה וכדומה. דערביי פּאַק איך אויס מייִן גאַנץ קרעמעל פון דער נייִעסטער השכלה'שער חוזק־מאַכערייִ איבער דער אַלט־מאָדישער וועלט.

ביי ביילצי'ן בליצען די אויגען ממזר'יש. זי קוקט זיך איבער מיט איהר טאַטע. ער פאַרשטעהט זי אויפ'ן וואונק. זי האָט איהם מנצח געווען. „ער וועט זי ניט מעהר קענען מוסר'ן דערפאַר וואָס זי האָט זיך אַזוי אַרייִנגעלאָזט אין „זייערע" ביכלעך..."

בדיעבד האָט די מאַמע אויך הנאה, זי פאַרשטעהט אפילו פון אַזעלכע זאַכען ווייניג־וואָס. פונדעסטוועגען זעהט זי דאָך אַז איהר ביילצי איז ניט קיין אויסנאַהם. „וואָס איז צו טהון? ס'איז הייִנט אַזאַ וועלט.

נאָר דער טאַטע איז אַ צומישטער: „ס'טייטש זיין לייזער'ס זוהן! ס'טייטש דער למדן, וועלכעם דער רב, זאָל לעבען, האָט אָנגערופען „החריף השנון"!...

*

ווען איך בין שפּעט אָבענדס, פון דער פּאַרווײַלונג מיט גאָלד־פּאַדען און עהרענקראַנץ, צוריק געקומען אין מיין אכסניא, זיצט דער בעל אכסניא איינער אַליין ביים שענק־טיש אין דעם פּאָדערשטען חדר און קוקט אַריין אין אַ חסידיש ספר׳ל.

ס׳איז זונטאָג ביינאַכט. ס׳קומען יעדע שעה אָנצופּאָהרען פאַר־שוינען. אויף משרתים קען מען זיך ניט פאַרלאָזען. ער קען יעדען גאַסט און ווייסט איהם אָנצווייזען זיין פּלאַץ אַזוי ווי ער האָט ליעב און אויך לפי כבודו.

דאַכט זיך מיר אַז ער קוקט מיך היינט ניט אָן מיט די אויגען פון תמיד. ער שמייכעלט אפילו, אָבער מיר קומט פאָר אַז זיין היינטיגער שמייכעל איז אַ סך ווייניגער ווי תמימות׳דיג. ער זאָגט:

— ביז פאַר אַ שעה האָט מיין בני בית אויף דיר געוואַרט מיט דער וועטשערע... געקומען אַזאַ חשוב׳ער גאַסט דאַרף ער אַליין ווערען פאַרבראַכט דעם אויף־דער־נאַכט צווישען אייגענע... אָבער איך האָב דיך פאַר זיי פאַרענפערט: „חסידות איז גאָר ניט אָפּצושאַצען. געווען אַ יונגערמאַן אין סאַדיגורא ביים רבי׳ן אויף שבת, אָנגעזעהן זיך אין רבי׳נס הויף וואָס אַ מענשליך אויג קען זעהן, אָנגעהערט זיך זאַכען וואָס אַ מענשליכער מוח קען משיג זיין, האָט ער זיך מסתמא אין טשערנאָוויץ באַגעגענט מיט זיינע לייט, מיט סאַדיגורער חסידים. און ווען מ׳הויבט אָן צו דערצעהלען וואָס מ׳האָט געזעהן און וואָס מ׳האָט געהערט איז פאַר דעם ווייניג איין טאָג און איין נאַכט. מ׳פאַר־געסט אָן עסען און אָן שלאָפען, בפרט נאָך אָן פאַרווײַלונג מיט אייגענע...“

איך בין גאָר מבולבל. אין דעם קול פון זיינע רייד און אין די תנועות אויף זיין פּנים דערקען איך אַז ער — ווייסט מעהר וויפיעל ער דאַרף וויסען.

ער קוקט ווידער אַריין אין זיין ספר׳ל. אָבער איך זעה אַז ער איז שטאַרק פאַר׳מחשבה׳ט. און באַלד ווענדט ער זיך ווידער צו מיר, אַזוי ווי ער זאָל זיך האָבען גראָד איצט אָן עפּעס דערמאָהנט:

— יאָ. ריכטיג. ס׳האָט דיך דאָ אָבענדס געזוכט אַ ייד. משה אָרנשטיין איז זיין נאָמען. ער האָט אויך מיט זיך מיטגעבראַכט פאַר דיר זיינס אַ לשון־הקודש׳דיג ספר׳ל. ער איז אַ באַקענטער

פאַרשווין אין טשערנאָוויץ, מ'זאָגט אויף איהם אַז ער גערהט אַמאָל „פיער איילען אָהן נטילת ידים"... איך האָב איהם געזאָגט אַז ער האָט אַ וודאי אַ טעות. דו ביזט אַ חסידישער יונגערמאַן און צו אַזעלכע ספרים'לעך האָסט דו קיין שום שייכות ניט, אָבער ער האָט מיר געזאָגט מיט אותות ומופתים אַז ער האָט מיט דיר היינט נאָכמיטאָג שעה'ן־לאַנג פאַרבראַכט ביי זיינעם אַ חבר, ביי אַ יידישען ליעדער־מאַכער, און דו האָסט ביי איהם געבעטען אַז ער זאָל דיר געבען צו לייענען זיין ספר...

ביי מיר האָבען זיך געביטען די פאַרבען אין פנים. און ער האָט ווייטער געזאָגט:

— דו ביזט אַ סך יינגער פון מיר. פונדעסטוועגען האָב איך פאַר דיר גרויס דרך ארץ. איך בין אַקעגען דיר אַ פּראָסטער מענש. אָבער — אויב דאָס איז אמת דאַכט זיך מיר אַז דו ביזט צו ווייט פאַרקראָכען...

II.

בלעטער פון מיין פנקס

I.

הירש'ל זאַוועצבע.

(אַ ודוי פון אַ פּידקאַמינער אַמעריקאַנער)

* * *

ער — אַ ייד אין די מיטעלע יאָהרען. דאַכט זיך אַ ייד אַ חשוב'ער, אַ בכבוד'ער.

מיינער און זיינער אַ חבר האָט אונז מיטאַנאַנדער באַקאַנט געמאַכט.

דעם צווייטען טאָג טרעפען מיר זיך. ער דערקענט מיך און איך דערקען איהם. האָט ער צו מיר אַ וויכטיגע בקשה:

— אויף מאָרגען האָב איך יאָהרצייט נאָך מיין טאַטע'ן, עליו השלום. איהר וואָלט מיר געטאָן אַ גרויסע טובה, ווען איהר זאָלט מיר אָנווייזען אין וויען אַ בית־המדרש'ל וואו מ'דאַוועט אויפ'ן גאַליצישען נוסח און מ'קען זאָגען קדיש מיט „ויצמח פורקניה".

— ? !

— כ'וועל אייך זאָגען דעם אמת. איך בין היינט דריי־און־פופציג יאָהר אַלט. אַליין בין איך אַ געבוירענער אַ פּידקאַמינער. דאָס איז אַ קליין שטעטעל צווישען בראָדי און זלאָטשאָוו. אין אַמעריקע בין איך שוין בסך הכל אכט־און־דרייסיג יאָהר. אָבער איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געדאַוועט צווישען אשכנזים. אַ פאַרדרעהט דאַוונען. געה פלוצים און זאָג „ברוך שאמר" פאַר „הודו". אפילו דאָס ליטוואקישע ספרד'יש געפעלט מיר ניט. עפּעס לעגט זיך מיר נישט די צונג

אַרויסצוזאָגן „ברכו" אַזוי ווי „ברכא" און נישט ווי מ'לייענט ביי אונז פּשוט „ברכי".

— זייט מיר הונדערט מאָל מוחל, מיין ליעבער ר' קרוב. אַלט זענט איהר, ביז הונדערט-און-צוואַנציג יאָהר, דריי-און-פופציג יאָהר. אין אַמעריקע זענט איהר שוין אַכט-און-דרייסיג יאָהר. זענט איהר, הייסט דאָס, אַוועק פון פידקאַמין קיין אַמעריקע פופצעהן יאָהר אַלט... אַליין?

— אַוודאי אַליין. אַנטלאָפען פון דער היים. אפילו נישט געהאַט קיין קרוב, קיין גואל אין אַמעריקע.

— אַנטלאָפען?

— חלילה, ביי קיינעם ניט גע'גנב'עט און קיינעם נישט באַראַבעוועט. אַפילו קיין מענש ניט דער'הרג'עט.

— אַפילו קיין מענש ניט דער'הרג'עט?!

דער ייד קוקט מיך אָן אַ האַלב-דערשראָקענער. מיין איבער-חזר'ן זיינע לעצטע ווערטער מיט אַ „בתמיה" און מיט אַ שמייכעל אויף די ליפען האָט שטאַרק געצימבעלט אויף זיינע, אין אַמעריקע שוואַך געוואָרענע, נערוון. אַרויסגערופען ביי איהם אַ מחשבה וואָס איז ביזהער קיינמאָל איהם נישט געקומען אויפ'ן מח. און — אייגענטליך נישט מיר צו ענפערען, נאָר גאָר אַזוי ווי זיך אַליין צו פאַרענ-פערען, שפּריצען ביי איהם אַרויס סודות'דיגע ווערטער:

— במזיד אודאי נישט... אפילו בשוגג קען מען דאָס ניט אָנרופען... ס'איז געווען אַ מיתה בידי שמים און נישט אַ מיתה בידי אדם...

מיר קוקען זיך ביידע איבער שווייגענדיג. ער קווענקעלט זיך. יאָ-דערצעהלען ניט-דערצעהלען. ס'לאָזט איהם אָבער ניט איינרוהען. ער האָט אַ באַדערפעניש זיך אָבצורעדען פונ'ם האַרץ. און ער דערצעהלט:

א.

ווער ס'איז אַמאָל, אין דער אַלטער צייט, געווען אין סאַדיגורא ביים רבי'ן האָט מסתמא געקענט די דריי אויסגערופענע „יושבים".

וואָס זענען יאָהרענלאַנג אָבגעזעסען אינ'ם רבינ'ס הויף און גאָרנישט רעכט געטראַכט וועגען אַהיים פאַהרען. צווי פון זיי האָט מען אפילו ביים נאָמען נישט אָנגערופען. איינער איז געווען באַקאַנט אַלס „דער פרוש" און דער צווייטער אַלס „דער שותק". נאָר דעם דריטען האָט מען אַפילו יאָ אָנגערופען ביי זיין נאָמען אָבער מיט אַ פישטשעווקע, מיט אַ צו־נאָמען. געהייסען האָט ער הירשיל שטערנקלאר און גע־רופען האָט מען איהם הירשיל „זאַווארעכע".

ווי אַזוי און צו וועלכער צייט הירשיל איז געקומען צו דעם צו־נאָמען „זאַווערעכע", וואָס מיינט אַ לויפער, אַ יאָגער, אַ פליהער, אַ שטורם־ווינד, ווייס קיינער עד היום נישט. פאַר יעדען פאַל איז איהם דער דאָזיגער צונאָמען געווען אַזוי ווי „צוגעשניטען און אָנגעמאָסטען". אַ הויכער אויסגעדאַרטער ייד מיט אַ שפּיציגער באָרד. דאָס רעכטע אויג בלינד, איבערגעצויגען מיט אַ ווייס הייטעל. און ער איז אַ כסדר־איילענדיגער. מיט דעם לינקען פוס אויף דער פּאָדלאָגע און מיט דעם רעכטען אויף אַ בענקעל שטעהט ער פאַר אַ הויכען שטענ־דער, דעם קאָפ אָנגעבויגען אויף דער לינקער זייט, פליהט ער מיט דעם לינקען, זעהענדיגען, אויג איבער די אותיות פון דעם פאַר אוהם געעפענטען ספר און מאַכט מיט די ליפען העוויות ווי ביים שלינגען פון הייסע האַלאַפּציעס. — ביים רביינס „טיש", ווען דער „שאַלאַש" איז אָנגעפילט „קאָפּ אויף קאָפּ", זעהט מען אָפטמאל הירשלען אין דער הויך פונ'ם שאַלאַש, אַריבערגעהאַנגען מיט'ן מיטעלסטען חלק פונ'ם גוף איבער אַ ברייטען באַלקען. און זיין קאָפּ פון איין זייט און זיינע לאַנגע דאַרע פיס פון דער אַנדערער זייט הענגען נאָך און שאָקלען זיך ווי אַ ווינד־מיהל.

הירשיל זעהט מיט דעם איינעם לינקען אויג אַלצדינג וואָס ס'קומט פאָר אין רביינס הויף. איבעראַל איז ער פול. ווען ס'קומט אָן ממרחקים אַ ייד אַ גביר קיין סאַדיגורא איז הירשיל דער ערשטער אין זיין אַכסניה אויף אָפּצוגעבען איהם אַ ברייטען „שלום עליכם". און כמעט קיין גביר איז נאָך נישט אַוועקגעפאָהרען פון סאַדיגורא, וואָס הירשיל זאָל זיך מיט איהם ניט האָבען געזעגענט און אַריינגעכאַפּט דערביי אין דער יד אַריין „ככל אשר ידבנו לבו".

הירש'ל איז אַ פּידקאַמינער. דאָס הייסט געבוירען אין זאַלאָזשעץ און אַ אײדעם אין פּידקאַמין. און כדי אײך איבערצוגעבען דעם גאַנצען ספור המעשה מיט אַלע פּינטאַלעך, מוז איך אָנהויבען מיט אַ געשעהעניש וואָס האָט זיך פּאַסירט נאָך — איידער איך בין געבוירען געוואָרען:

אַמאָל זיינען געווען... מיט אַזעלכע ווערטער הויבט מען אפילו תמיד אַ מעשה, אַ אויסגעטראַכטע, אַ גוזמא'דיגע מעשה פון אַ עלעפאַנט וואָס איז דורכגעקראָכען דורך אַ לאָך פון אַ נאָדעל, אָדער גאָר אַ מעשה וואָס איז ניט געשטויגען און ניט גע־פלויגען. אָבער איך האָב אַ לעבעדיגען עדות אויף יעדעס וואָרט וואָס איך וויל דערצעהלען. הירש'לס ווייב לעבט נאָך איצט אין פּידקאַמין. איהר נאָמען איז הינדא איצי וואָלפ'ס... ובכן נחזור לענינינו. אַמאָל זיינען געווען צוויי יידען. איינעם האָט מען גערופען שלמה זלמן זאַלאָזשעצער און דעם צווייטען איצע וואָלף פּידקאַמינער. זיינען די דאָזיגעביידע יידען יאָהר־אויס יאָהר־איין געקומען אויף שבת־חנוכה קיין הוסאַטין צום רבי'ן. האָבען זיך די דאָזיגע ביידע יידען יאָהר־אויס יאָהר־איין מזדמן געווען אין איין פונדק, תמיד פאַרפאָהרען אין דערזעלבער אכסניה. ווערט אין משך פון יאָהרען צווישען די דאָזיגע יידען אַ מין אחוה, אַ מין צוגעקלעפּטקייט כמעט ווי צווישען ברידער פון איין טאַטע־מאַמע.

אפילו צוויי פאַרשידענע פאַרשוינען. שלמה זלמן זאַלאָזשעצער איז אַ ייד אַ אויסגעצאָמטער, הויט און ביין, אַ ייד — לא־עלינו — מיט אַ מיחוש, אַ ייד אַ „געהויבענער", אַ כמעט־כסדר־קרעכצענדיגער. גלות השכינה, חולשת הגוף. אָהן עין הרע אַ שטוב מיט קינדער און פּרנסה בצמצום. זיין פלונית'טע שטעהט אין זאַלאָזשעץ אויפ'ן מאַרק מיט אַ „טישעל". אָפּטמאָל פרירט זי אָפּ גאַנצע ווינטער־טעג אָהן אַ קונה. דאָס איינציגע ביסעל שפע איז נאָר אין דעם מיטוואָך'דיגען יאַריד. אין דעם טאָג פון'ם יאַריד מוז ער, שלמה זלמן, זיך מבטל זיין פון תורה. אַפילו די תפלה איז אָהן אַ רעכטער כונה. ער מוז אַ גאַנצען טאָג, מבקר ועד ערב, שטעהן ביים טישעל און „רואה" זיין אויף די פּויערישע קונים און קונה'טעס אַז זיי זאָלען חלילה עפּעס ניט אַוועק'לקח'נען. — איצי וואָלף פּידקאַמינער איז אָבער אַ האָראָ־

פֿאַשנער ייד, אַ ייד „מיט אברים“, אַ ייד אַ כסדר פֿרעהליכער. פֿיד־קאַמין איז אַ קליין שטעטעל. ס׳האָט אָבער אַ גרויסע סביבה מיט דערפֿער און איז נאָהנט צו דער רוסישער גרעניץ. זיין געוועלב מיט גראָבער לייוועגט און געבלימטע טיכלעך האָט אַ שם. דערביי האַנדעלט ער נאָך מיט זעקלעך תבואה, וואָס ער קויפֿט צונויף ביי די פּויערען אויף׳ן מאַרק. ער און זיין ווייב זיינען נישט קיין פֿוילע צו דער אַרבייט. צו גרויס עשירות האָבען זיי קיינמאָל ניט קיין השגה. אָבער מכח פּרנסה האָט ער ברוך השם צו השם יתברך קיין טענות ניט. זיין ווייב איז אַ צדיקת, זי האָט ליעב אַ מצוה. ס׳זאָל ניט אויסגערעדט זיין „מתן בסתר“... מ׳לעבט ניט נאָר פֿאַר זיך, אָנצופֿולען די אייגענע קישקע... זייער גאַנץ פֿאַרמעגען איז זייער בת יחידה. אַ אויג אין קאָפּ. אַודאי וואָלטען זיי זיך נאָך געוואונשען אַ בן זכר. אָבער ניש־קשה. אַקעגען השם יתברך׳ס רצון טאָר אַ זינדיגער בשר ודם ניט מהרהר זיין. זייער טעכטעריל, זאָל געזונד און שטאַרק זיין, האָט אויף זיך אַ בחור׳ישען קאָפּ. די שווערסטע חשבונות ווערען ביי איהר פֿאַרטיג כהרף עין. זי איז שוין היינט ביי דער מאַמע׳ן אין געוועלב די רעכטע האַנד. מיט השם יתברך׳ס הילף וועלען זיי פֿאַר איהר אויסקלויבען אַ חתן אַ מובחר שבמובחרים, אַ אמת׳ן תלמיד חכם. ביי זיי וועט אַ איידעם זיין גוט „ווי ביי זיין מאַמע׳ן אין בויך“.

שלמה זלמן פֿיהלט זיך צו איצי וואָלף׳ן צוגעצויגען וועגען זיין פּשטות׳דיגער תמימות און וועגען זיין פֿרעהליכקייט. און איצי וואָלף באַציהט זיך צו שלמה זלמן׳ען מיט אַ רחמנות׳דיגען דרך ארץ און מיט דער ליבשאַפֿט פֿון אַ ייגגערען געזונדען, צו אַ עלטערען ברודער אַ שוואַכליכען. איצי וואָלף „בלאָזט אויף איהם“. ווען ער איז מיט איהם אינאיינעם לאָזט ער איהם כמעט ניט טהון קיין האַנד אין קאַלט וואַסער אַריין. איצי וואָלף זוכט תחבולות שלמה זלמן׳ען מהנה צו זיין מיט וואָס ס׳איז איהם נאָר מעגליך — אויף אַ אופֿן אַז ער זאָל גאָר דערפֿון ניט וויסען.

ווייסט איצי וואָלף, אַז ביי שלמה זלמנ׳ען איז פֿאַרהאַנען אַ ייגגעל, זיין עלטסטער בחור, הירש׳ל רופֿט מען איהם, וואָס האָט אַ שם פֿאַר אַ עילוי. ער קען אפֿילו דאָס ייגגעל פּנים אל פּנים. מיט עטליכע

יאָהר צוריק האָט זיין טאַטע, שלמה זלמן, איהם מיטגעבראַכט אויף שבת־חנוכה קיין הוסיאַטין צום רבי'ן און דאָס יינגעל האָט קונה־שם געווען. ס'האָט מיט איהם געקלונגען אין רבי'נס הויף ווי אויף גלאָקען. רבנים, לומדי תורה, האָבען זיך מיט איהם מפלפל געווען... זייט דעמולט האָט זיך הירש'ל שלמה זלמן'ס אויסגעוועהלט זיין אייגענעם דרך. ר' מאָטעלע, דער הוסיאַטינער, איז דעם ריזינער'ס יינגסטער זוהן און ר' אברהם יעקב'ניו, דער סאַדיגורער איז דער עלטסטער זוהן. וויל הירש'ל דוקא פאָהרען קיין סאַדיגורא... און פון דעמולט אָן האָט איהם איצי וואָלף ניט מעהר געזעהן... איז איצי וואָלף שטאַרק משתוקק זיך משדך צו זיין מיט שלמה זלמן'ען... פונדעסט־וועגען איז איהם אָבער האָך ניט ניחא וואָס דאָס יינגעל איז אַ בעל מום. לא עלינו אַ בולמע אויפ'ן רעכטען אויג. אַ אתרוג מיט אַ פגם...

און שדכנים שווייגען דערווייל ניט. זיי שלאָגען בײַ שלמה זלמן'ען אין זאַלאָזעץ און שלאָגען ביי איצי וואָלף'ען אין פידקאַמין ממש אָפּ די טהירען וועגען כמה וכמה שידוכים. האָרט אַ יינגעל אַ עילוי און דאָרט אַ בת־יחידה, אַ יפת־תואר.

איז אָבער קודשא בריך הוא אַ מזווג זווגים. טרעפט זיך איינ־מאָל, אַז שלמה זלמן זאַלאָזעצער און איצי וואָלף פידקאַמינער געהן אינאיינעם אַריין אין רבי'נס חדר. בעראָט זיך שלמה זלמן מיט'ן רבי'ן מכח כמה וכמה שדוכים פאַר זיין זוהן הירש'ל. און איצי וואָלף, בעראָט זיך מיט'ן רבי'ן וועגען כמה וכמה שידוכים פאַר זיין טאָכטער הינדא. שמייכעלט דער רבי. קוקען זיך שלמה זלמן זאַלאָזעצער און איצי וואָלף פידקאַמינער ביידע איבער און שמייכלען אויך... דויערט עס ניט לאַנג, ווערד דעם רבי'נס פנים גלאַט ווי אַ מאַרמאָר, פאַר־גלאָצט דער רבי די אויגען און זיינע ליפען באַוועגען זיך און ער זאָגט מיט אַ שטיל קול: „מזל־טוב!"

פאָהרט איצי וואָלף אַהיים קיין פידקאַמין מלא גדולה, גיט ער אָפּ זיין ווייב, דער מחותנת'טע, און זיין טאָכטער הינדא, דער כלה, אַ ברייטען מזל טוב. און שלמה זלמן שרייבט נאָך פון הוסיאַטין אַ בריף קיין סאַדיגורא צו זיין זוהן הירש'ל און איז איהם מודיע, אַז ער איז צו מזל אַ חתן געוואָרען.

מוז איצי וואָלף פידקאַמינער דעם זמן התתונה, וואָס מ'האָט איהם מגביל געווען אויף שבת־נאָך־שבועות, מקדים זיין אויף ראש חדש אייר, ווייל הירשיל, דער חתן, פאַר־עקשנ'ט זיך: „ווען ס'זאָל דונערען און בליצען און ווען די וועלט זאָל זיך איבערקעהרען הארא קארא מוז ער זיין אויף שבועות, צו קבלת התורה, ביים רבי'ן."

לעבט אָפּ הירשיל שלמה זלמנ'ס מיט זיין ווייב הינדא איצי וואָלף'ס כמעט אַ גאַנץ יאָהר, און — אַלטע באַגלויביגטע לייט וואָל־טען געקענט זאָגען עדות „באלה ובשבועה" אַז הירשיל האָט זיין ווייב הינדא ניט אַמאָל רעכט געקענט.

דער חשבון איז פשוט. צוויי טעג פאַר ראש חדש סיון איז הירשיל אַוועק קיין סאַדיגורא און אַהיים געקומען אַ טאָג פאַר שבעה עשר בתמוז. דערנאָך איז ער אַוועק אָנהויב אלול. האָט געזאָלט אַהיים קומען נאָך ג' חשון, נאָך'ן ריזינער'ס יאָהרצייט. איז ער אָבער דורך אַ סבה פאַרהאַלטען געוואָרען. איז שוין ניט כדאי אַוועקצופאָה־רען. מען דאַרף אָפּוואַרטען, ביז חנוכה, אויף צו באַקומען אין סאַדי־גורא דאָס ימים נוראים'דיגע קוויטעל. — און אין די צווישען־טעג, אין די טעג, וואָס הירשיל האָט זיך אויפגעהאַלטען ביי שוועהר און שוויגער אין פידקאַמין, האָט ער זיין פלונית'טע נישט רעכט געקוקט אין איהר פרצוף אַריין. ווען זי האָט איהם געדאַרפט נויטיג עפּעס אי־בערפרעגען, האָט ער מיט'ן אויסגעדרעהטען פנים צו דער וואַנד געענטפערט: „זאָל זי אַזוי און אַזוי דאָס און דאָס טהון".

פונדעסטוועגען ווען הירשיל איז חצי טבת פון סאַדיגורא אַהיים געקומען, איז ער גראָד אָנגעקומען „צו דער רעכטער צייט". אָנהויב שבט האָט איהם זיין הינדא געבוירען אַ בן זכר.

שוועהר און שוויגער'ס גדולה קען קיין שום בשר ודם ניט משער זיין. אפילו הירשיל איז אין די טעג פאַר'ן ברית אַרומגעגאַנגען האָפערדיג און האָט צו זיך אַליין כסדר געשמונצעלט. און ווען ער האָט געמאַכט די ברכה „אשר קדשנו במצותיו וצונו להכניסו בבריתו של אברהם אבינו" האָט ער ממש געוויינט פאַר שמחה.

קומט הירש'לען אָבער באַלד אַ מאַנקאָליע אין קאָפּ אַריין. ער פאַר'עקשנ'ט זיך אַז דער „פדיון הבן" זאָל אָפּגעהאַלטען ווערען אין

סאַדיגורא. ער האָט דאָרט „זײנעם אַ כהן" און ער װיל, אַז דער רבי זאָל אַרױפלעגן זײן רעכטע האַנד אױפ׳ן קינד׳ס קאָפּ און זאָגן „יברכך".

הײסט עס, אַז אָנהױב אָדר ראשון — ס׳איז גראָד דעמאָלט געװען אַ עיבור־יאָהר — װען דער שנעע, דער װינט און דער פראָסט באַװײזען נאָך זײערע קונצען, זאָל זיך די יולדת מיט׳ן קינד טאַלעפּען אין אַ בעל־עגלה׳שער בױד — אין יענער צײט איז אין יענער געגענד נאָך קײן אײַזענבאַהן נישט געװען — אַזאַ װײטען װעג פון פידקאַמין קײן סאַדיגורא. װערד אַ בהלה אין שטוב. קומט צופאָהרען פון זאַלאָזשע דער טאַטע, שלמה זלמן, און איז גוזר אויף זײן זוהן מיט׳ן האַרבען װאָרט אָפּצולאָזען פון זײן עקשנות. איז שױן זײן שװעהר, איצי װאָלף, מרוצה, מסכים צו זײן אױף צו מאַכען דעם „פדיון הבן" אין הוסיאַטין. הוסיאַטין איז דאָך ניט אַזױ װײט פון פידקאַמין. אָבער הירשיל: האַק איהם און בראָק איהם — ער װיל דוקא סאַדיגורא.

זעצט זיך הינדא, די יולדת, פּלוצים אױף אין בעט אַ פאַרציטערטע. איהר פנים פאַרפלאַמט, איהרע אױגען ברענענדיגע שפּיזען, און ס׳שיסט בײ איהר אַרױס אַ געװײן: „איך בין אויך אַ מענש. איך בין די מאַמע פון מײן קינד. און איך װיל ניט!"

װערד הירשיל מלא־כעס: „אַ אשה אַ מורדת! אַ גט אָהן אַ כתובה!" און אין דעם טאָג פון׳ם פדיון הבן טהוט ער אַ נדר צו פאַרלאָזען אין דעם זעלבען אָװענט זײן הײם און נישט צוריק צו קומען ביז זײן זוהן, משה יחזקאל, װעט אַלײן קומען קײן סאַדיגורא צום רבי׳ן.

איז הינדא אַ זינדיגע אשה. ברעכט בײ איהר אױס, נאָך זײן אַװעקפאָהרען, אַ אָנגעזאַמעלטע מורא׳דיגע שנאה צו איהר מאַן. באַשװערט זי איהר טאַטען און איהר מאַמען מ׳זאָל פאַר איהר נישט מעהר מזכיר זײן זײן נאָמען. „אפילו קײן גט װיל זי פון איהם קײנמאָל ניט"!

און אַזױ זיצט אָפּ הירשיל זאַװאַרעכע גאַנצע פערצעהן יאָהר אין סאַדיגורא, ביז ס׳טרעפט זיך איהם די מעשה מיט מיר — װאָס איך בין אין איהר על פי טעות אומשולדיג׳פאַרװיקעלט געװאָרען.

ב.

אין דערזעלבער צייט, אין וועלכער משה יחזקאל איז געבוירען געוואָרען ביי זיין טאַטען הירשיל, בין איך געבוירען געוואָרען ביי מיין טאַטע'ן יקותיאל.

ביי מיין טאַטע־מאַמע בין איך דער צווייטער זוהן.

איז איצי וואָלפ'ס הויז דאָס צווייטע פון מיין טאַטען'ס. בין איך מיט משה־יחזקאל־הינדא־איצי־וואָלף'ס — אַזוי האָט מען איהם גערופען — כמעט אינאיינעם אויפגעצויגען. ג'חבר'ט זיך מיט איהם קינד־וויז ביים שפּילען און געלערנט מיט איהם אין איין חדר, פון'ם דרדקי־מלמד אָן ביז צום פּוסק־מלמד.

זיינען מיר ביידע, איך און מיין חבר משה־יחזקאל, בטבע, ווייט, גאַנץ ווייט, פון אייגאַנדער. ער, משה יחזקאל, איז אַ רוהיגער, אַ געלאַסענער, אַ בן־יחיד „ביי דער מאַמע'ס פּאַרטוך", אַ געציטערט אייניקעל ביי זיין זיידע'ן און ביי זיין באָבע'ן. אַ מזג טוב. דערצאָרנט ניט אַ פליג אויף דער וואַנד. איך בין אָבער אַ יינגעל וואָס מ'רופט אָן אַ ציקאַווע. און אפשר גאָר אַ אומרוה, אַ ווילדער צאַפּ. ביי מיר איז אַריבער־שפּרינגען איבער אַ פּלויט, אַרויפצודראַפּען זיך אויף דעם העכסטען בוים און אַרומלויפען אויף אַ משופּע'דיגען דאַך, ממש אַ שפּילעכעל. ביים שפּילען מיט מיינע חברים זאַטשעפּע איך מיט קיינעם ניט. אָבער וועה דעם, וואָס זאַטשעפּעט מיט מיר. אַ שוואַך יינגעל בין איך. קולאַקעס מיט דער פויסט קאָן איך ניט געבען. אָבער נעגעל האָב איך שאַרפע אויף אויסצודראַפּען דאָס פּנים. — לויפט מען צו מיין טאַטע'ן מיך פּאַרקלאָגען, כאַפּ איך פון איהם אַריין פּעטש ווי די ברעטער. וויין איך פאַר כעס...

ווי אַזוי איז דאָס געווען, ווייס איך אַליין ניט. די חבר'שאַפט צווישען מיר און משה יחזקאל שטאַרקט זיך פון טאָג צו טאָג. אין זיין מאַמע'ס שטוב פּאַרוויל איך אָפטמאָל מעהר ווי ביי מיין טאַטע־מאַמע אין דער היים. זיין זיידע, זיין באָבע און זיין מאַמע האַלטען מיך ווי אַ אייגען קינד. ווען זיי מוסר'ען מיך אַמאָל פאַר מיין „ווילדקייט" בין איך יעדעס מאָל גרייט זייער מוסר אָנצונעמען. איך בין ביי מיר פעסט באַשלאָסען צו ווערען אַ „סטאַטיק"

אַזוי ווי מיין חבר משה יחזקאל. — דערזעהט אָבער אויף מיר מיין טאַטע אַ מינדעסטען חטא, און ער שלאָגט מיך, פאַרגעס איך באַלד אָן אַלע מיינע באַשליסונגען און ווער ווילדער און ווילדער. כמעט ווילד אויף צו להכעיס...

מיין טאַטע איז אַ ייד אַ גרויסער חשוב. אַ ייד אַ למדן און אַ מיוחס. און מיך האָט ער ליב אהבת נפש. איך פיהל אָפטמאָל, אַז ווען ער שלאָגט מיך, בלוטיגט ביי איהם זיין האַרץ. אָבער שלמה המלך'ס חכמה אין זיין פסוק: „ווער עס נעמט אַוועק דעם קאַנטשוק האָט פיינט זיין זוהן" הרג'ט מיך אָפּ.

חוץ לזה איז נאָך פאַראַן אַ אַנדערע צרה: מיין עלטערען ברודער האַכט זיך אַז ער האָט אויך אַ רעכט מיך צו שלאָגען. לאָז איך מן הסתם אויס מיין גאַנצען אָנגעזאַמעלטען כעס אויפ'ן טאַטע'ן צו איהם. שרייט דער טאַטע „גוואַלד! אַ ייִנגעל אַ עם הארץ. אַ פּשוט'ען גוי האָדעווע איך אויס ביי מיר אין שטוב. אונזערע הייליגע חכמים האָבען גע'דרש'עט דעם „את" פון „כבד את אביך", אַז ער קומט „צו מעהרען דעם גרעסערען ברודער". וויל איך מיך פאָרט ניט אַרייִנלאָזען אין קיין דרשות און טהו ווייטער מיינס. איך בין אַ פּשטן, ווען דער עלטערער ברודער הויבט אויף מיר אויף אַ האַנד, קנייפּ איך איהם אין די פּולקעס און מאַך איהם ברוינע-בלאָהע צייכענס. — זעהט דער טאַטע די דאָזיגע ברוינע בלאָהע צייכענס, ווערד ער ממש אָנגעצונדען און שלאָגט מיך מכות-רצח.

בין איך נישט גאַנצע דרייצעהן יאָהר אַלט, אַנטלויף איך נאָך פסח פון דער היים און געה צופוס קיין הוסיאַטין. געה איך פון דאָרף צו דאָרף און פון שטעטעל צו שטעטעל. פאַלט צו די נאַכט אין אַ דאָרף, כאַפּ איך מיך אַריין אין דער קרעטשמע אַרייִן צו אַ יידישען אַרענדאַר. וואַש איך מיר דאָרט די הענד און דאַווען מעריב מיט כוונה. רינגלען מיך אַרום דער אַרענדאַר, די אַרענדאַרקע און דאָס גאַנצע בני בית, אויפ'ס חדוש. אַ בעל הבתיש ייִנגעל, [אַ] קליינס, אַ מאָגערס. צוויי לאַנגע שוואַרצע געקרייזעלטע פּאה'לעך אַרום אַ אויסגעבלייכט פּנים'ל, אויף דעם קאָפּ אַ סאַמעטען קאַפּלו-שעל און דאָס קאַפּטאַלע אַרומגענומען מיט אַ גאַרטאַלע, דערצו אָנגעשטאָפּט מיט תורה. און ער געהט אַליין צופוס קיין הוסיאַטין

צום רבי'ן. ווייסען דער אָרענדאַר, די אַרענדאַרקע און דאָס גאַנצע בני בית אַליין נישט ווי אַזוי און מיט וואָס אַקעגען מיר יוצא צו זיין. אַ וועטשערע און אַ געלעגער מעשה מלכות. אַ ייִנגעלע פון אַכט יאָהר, וואָס איז גרעסער פון מיר מיט אַ קאָפּ, גאַפט אויף מיר. ער בעט די מאַמע מיט תחנונים זי זאָל איהם לאָזען און דער נאַכט שלאָפען אין מיין חדר. און ווען איך שטעה אויף גאַנץ פריה, כעלות הבוקר, וואַש מיך און דאַווען שטילערהייט, צעהלענדיג די ווערטער מלה במלה, האָט זיך שוין די אַרענדאַרקע אַראָפּגעכאַפּט באָרפוס פון איהר בעט, אָנגעגרייט פאַר מיר אַ טעפּעל „וואַרעמס", אַנגעשניטען ברויט, אַנידערגעשטעלט אַ שיסעל'ע סמעטענע אויסגעמישט מיט קעז. און ביי מיין אַוועקגעהן אַריינגערוקט אין מיין הויזענקע־שענע אַ וויים־גלאַנצענדיג זילבער'ן זעקסער'ל. — נעהנטער איך מיך אָבער גראָד אין אַ פאַרנאַכט צו אַ שטעטעל, בין איך אויך נישט קיין פאַרפאַלענער. איך געפון באַלד די הוסיאַטינער קלויז, זעץ איך מיך נאָך'ן דאַווענען אַוועק פאַר אַ שטענדער און עפען אויף אַ גמרא אויף צו לערנען. איז אויך גאַנץ ניש־קשה. ביי די קלויז בחורים געפינט זיך נאָך פאַר מיר אַ שטיק ברויט מיט אַ שטיקעל הערינג, און ס'איז פאַראַן אַ ברייטע באַנק, וואו מ'לעגט דאָס קאַ־פּאָטקאַלע צו־קאָפּענס און מען שטרעקט זיך אויס און מ'שלאָפט גאָר געשמאַק.

קום איך קיין הוסיאַטין עטליכע טעג פאַר ל"ג בעומר. דערקענט מיך דער גבאי. „ר' יקותיאל פידקאַמינער'ס בחור'ל." פאַר צוויי יאָהר האָט מיך שוין דער טאַטע מיטגענומען אויף שבועות צום רבי'ן. גבאים האָבען אַ חדוש'ליכען טביעת עין.

בין איך אַ ציקאַווע ייִנגעל. געפונען זיך נאָך ביי מיר אַין קע־שענע עטליכע קרייצער. קויף איך איין בויגען רויט פּאַפּיר און איין בויגען געל פּאַפּיר. צושנייד איך דאָס פּאַפּיר אויף לענגליכע פּאַס־קאַלעך, פלעכט איך די דאָזיגע רויטע און געלע פּאַסקאַלעך צונויף און מאַך פון זיי אַ גרויסען פּאַפּירענעם לאַמטערן. שנייד איך אויס אין דער מיטען פונ'ם לאַמטערן, גאָר קונציג, די אותיות „הלולא דרבי שמעון בן יוחאי". גנב'ע איך אַראָפּ אַ ביסעל אויל פון דער פלאַש, וואָס דער שמש האָט אָנגעגרייט פאַר'ן „נר־תמיד". באַשמיר איך מיט

דעם אויל דעם פּאַפּירענעם לאַמטערן, שטעל איך אין איהם אַריין אַ גרויס ליכט. און ערב ל״ג בעומר פאַרנאַכט הענג איך דעם דאָזיגען לאַמטערן אויף, לייכטענדיג, אויפ׳ן מיטעלסטען פענסטער פונ׳ם רבי׳נס קלויז. — לויפען אַלע הויפמענשען, שמואל דער הויף־משרת און שיינדיל די אַלטע קעכין בתוכם, אָנקוקען דעם לאַמטערן מיט די קונציג אויסגעשניטענע אותיות. שושקעט מען זיך: „אַט דאָס האָט געמאַכט יקותיאל פּידקאַמינער׳ס קליינער בחור׳ל!״

ווער איך באַלד אין רבי׳נס הויף אַ גאַנצער „בשעת מעשה״. שמואל דער הויף־משרת וואָלט פאַר מיר ניט גענומען „אַ זאַק מיט באָרשט״. דער עיקר איז אָבער שיינדיל, די אַלטע הויף־קעכין. זי איז גאָר פאַרנאַרט אין מיר. „גראָד וועגען מיין ווילדקייט״. אַ ייִנגעל דאַרף ניט זיין קיין לעמישקע. ס׳קאָכט אין איהם, קאָכט אויס איהם אַרויס. אַ ערך פון פערציג יאָהר איז זי שוין אַ אלמנה. קיין קינד, קיין רינד. דאָס אַלטע באַדערפניש צו מאַמע׳שאַפט האָט זיך ביי איהר פלוצים גראָד איצט דערוועקט. איך בין איהר „ילד שעשועים״. דאָס טעלער׳ל פונ׳ם הימעל וואָלט זי מיר אַראָפּדערלאַנגט. אין דעם זכות פון מיין תורה־לערנען און פון מיין פרומקייט וועט זי איבער הונדערט און צוואָנציג יאָהר האָבען אַ שטוהל אין גן עדן. איהר גאַנץ, פון אַזוי פיעל יאָהרען אָנגעזאַמעלט „קניפּעל״ איז זי גרייט איבערצולאָזען ירושה פאַר מיר. איך וועל נאָך איהר לערנען „משניות״ און זאָגען „קדיש״. — דערווייל בין איך פאַרזאָרגט מיט כל טוב. וואו אַ גוטער ביסען שטעקט זי מיר צו. „זיי האָבען גענוג. דיין נשמה איז אויך ניט אויס קליאַטשע. דו דאַרפסט אויך פאַרזוכען עפּעס גוטס״.

ס׳בענקט זיך מיר אָבער דאָך שטאַרק אַהיים.

און דער טאַטע שרייבט מיר בריף און בריף, אָנגעפילט מיט געשוואָלענע לשון־קודש׳דיגע מליצות. הבן יקיר לי (דער זוהן וואָס איז מיר אַם טייערסטען) ברוך מבנים (דער געבענשטער צווישען די קינדער), און נפשי קשורה בנפשך (מיין נשמה איז צונויפגעקניפּט מיט דיין נשמה) זיינען שוין גאָר וואָכענדיג. „פון דער ווייטער הויכקייט בעוויז איך מיך שוין איהם און דער מאַמע׳ן און

דעם עלטערן ברודער און די ייִנגערע שוועסטערלעך „ווי די זון ווען זי געהט אַפּיר ווי אַ חתן פון איהר חופּה". און ער ענדיגט שוין מיט בצפּיתנו נצפּה יחיל ודומם (אין אונזער אַרויסקוקעניש קוקען מיר אַרויס האָפענדיג און שווייגענדיג) דיך, ווידער אַרום צו אַרמען און צו קושען.

קום איך עטליכע וואָכען נאָך שבועות אַהיים. בין איך ביי טאַטע־מאַמע, ביי דעם עלטערען ברודער און ביי די ייִנגערע שוועסטער־לעך באמת אַ גרויסער חשוב. איך בין אַ גאַנצער סטאַטיק, זיץ אַ גאַנצען טאָג אין קלויז און לערן מיט גרויס התמדה, און אין דער היים בלאָזט מען ממש אַרום מיר.

דויערט אָבער מיין חשיבות ניט אויף לאַנג. נאָך עטליכע וואָכען טשעפּעט זיך מיין עלטערער ברודער צו מיר. „איך בין איהם צו ווייניג נוהג כבוד." שווייג איך איהם דאָס ערשטע מאָל אָפּ. ווערד ער חוצפּה'דיגער און חוצפּה'דיגער, און ער פּאַטשט און פּאַטשט. בין איך אַרויס פון די כלים. גיב איך מיין ברודער אָפּ זיין חלק אויף צו פאַרזאָגען קינדער און קינד'ס קינדער אויף מיר אויפצוהויבען אַ האַנד. מיט אַ שפּיציגען שטיין מאַך איך איהם אַ בלאָהע בייל אויפ'ן שטערן. דערזעהט דער טאַטע דעם בלאָהען בייל, שלאָגט ער מיך אומ'ברחמנות'דיג און אין דעמזעלבען טאָג אַנטלויף איך ווידער צופוס קיין הוסיאַטין.

ג.

אין הוסיאַטין — ס'איז שוין געווען עטליכע וואָכען נאָך מיין „בר מצוה" — בין איך באַלד דערהויבען געוואָרען צו גאָר אַ הויכער מדרגה: דעם רבי'נס זוהן האָט מיך צו זיך צוגענומען פאַר אַ צווייטען משמש. מ'קען עס אפשר גאָר אָנרופען פאַר אַ אונטער־גבאי.

אַוודאי איז דאָס אַ מדרגה וואָס ניט אַבי־ווער איז צו איהר זוכה. אָבער, איך וויים אַליין ניט פאַרוואָס, ביי מיר איז די דאָזיגע דער־הויבענקייט עפּעס ניט געווען אַזוי שטאַרק חשוב. אפשר וויל איך בין שוין דעמולט געווען צופיעל „היימיש" אין הויף. דאַכט זיך, אַז מיין „חסידות" איז גאָר קיינמאָל ניט געווען אַ הונדערט־פּראָצענטיגס. און

אפשר — ווייל איך, האָב זיך משער געווען, אַז די אַלטע שײַנדעל האָט דאָ אַרײַנגעשטעקט איהר נאָז. זי איז אַ גרויסע חשובה בײַ דער יונגער רבי׳צין. בסך הכל איז די גאַנצע יונגע רבי׳צין אַלײַן דעמולט אַלט געווען קוים פערצעהן יאָהר. און זי, די אַלטע שײַנדעל, — זוכט תחבולות מיך דווקא „צוצובינדען" צום הויף.

דער בעסטער תענוג בײַ דער אַלטער שיינדעל איז ווען איך פאַרוויל בײַ איהר אין אַ שבת נאָכמיטאָג. שבת איז דער אײַנציגער טאָג וואָס אין איהם איז זי איהר אײגענע. ריין, זויבער אָנגעטהון ווי אַ אַלטע בכבוד׳ע בעל הבית׳טע אין אַ יום־טוב׳דיגען מלבוש, אַ געשטיקט ברוסט־טוך פון פאָרענט און אַ געבלימט זיידען טיכעל אויפ׳ן קאָפּ, זיצט זי בהרחבה׳דיג אין איהר חדר. זי איז אַ גאַנצע מלומדת. שוין אַ סך מאָל דורכגעלײַענט דעם „צאינה וראינה", דעם „נחלת צבי" און דעם „מנורת המאור" מדאָשקע לדאָשקע, און ווען איך קום איז דאָס טײַערסטע שבת־אויבסט פאַר מיר אָנגעגרייט. און ווען זי דערצעהלט מיר וואָס דער רבינו בחיי זאָגט, און ס׳דאַכט זיך איהר, אַז איך האָב דערפון שטאַרק הנאה, ווערד זי גאָר האָפערדיג. זי שיינט פאַר שמחה. זי ווייס, אַז דאָס איז ווייבערישע תורה. פאַר מאַנסבילדען זיינען פאַרהאַנען אַנדערע הייליגע ספרים. אָבער—דער רבינו בחיי איז אויך ניט געווען קיין שוסטער. ס׳איז כדאי זיך אויך צוצו־הערען צו דעם וואָס ער זאָגט.

די אָנהענגליכקייט פון דער אַלטער שיינדעל צו מיר איז שוין „אַ סוד פאַר אַ מנין לייט". יונגוואַרג אין רבי׳נס הויף „חכמה׳נען" זיך דאַריבער. און שמואל דער הויף־משרת העלפט אונטער. דאַכט זיך אַז מ׳האָט שוין דאָס גאר „צוגעטראָגען" אַהיים. טאַטע־מאַמע ווייסען שוין דערפון.

ס׳פאַרדריסט מיך שטאַרק וואָס דעם טאַטענ׳ס בריעף צו מיר זיינען שוין אָהן מליצות. אדרבא. אין אײַן בריעף בעשטשעט ער מיך גאָר אויס „באשר איך וויל ווערען אַ הירש׳ל „זאַוואַרעכע". און דער דאָזיגער בריף רופט בײַ מיר אַרויס אַ אונגעהײַערע טראָציגקייט. פונ־דעסטוועגען בענקט זיך מיר דאָך אַהיים. כ׳בענק שוין גאָר כמעט נאָך׳ן טאַטענ׳ס קלעפּ...

ד.

אַזוי פּענדעל איך אַרום כמעט אַ גאַנץ יאָהר. אָבגעזוימט זיך עטליכע חדשים אין דער היים, באַגעה איך אַמאָל אַ ייִנגלישע נאַרישקייט, לאָזט צו מיר מײַן טאַטע אויס זיין גאַנצען כעס. אַנטלויף איך קיין הוסיאַטין. בין איך אין הוסיאַטין אַ היבש ביסעל צייט, באַפאַלט מיך אַ בענקעניש אַהיים.

טרעפט זיך אײַנמאָל בײַ מיר אַ מכשול גראָד די צווייטע וואָך נאָך מײַן אַהיים קומען: פון דעם טאַטענס אַלטען לאַסטיגענעם קאַפּטאַן האָט די מאַמע איבערגענוצעוועט פאַר מיר אַ קאַפּאָטקאַלע. און אַזוי קונציג אַז ס׳האָט אויסגעזעהן אַזוי ווי פונקעל־ניי. פרעה איך מיך דאַריבער און ס׳פרעהט זיך דער טאַטע און ס׳פרעהט זיך די מאַמע. געה איך אין קלויז אַריין לערנען, באַפאַלט מיך פּלוצים אַ גאַסען־יונג — ער האָט נאָך מיט מיר געהאַט אַ חשבון פון פאַר־אַ־יאָהרען זומער — און ער גיט מיר קולאַקעס וויפיעל ס׳קען אין מיר אַרײַן. און ער רייסט אָב פון מײַן קאַפּאָטאַנדעל פּאַסעס. — קיין סך מיה האָט דאָס איהם ניט געקאָסט. דער שטאָף האָט ממילא געהאַלטען בײַם צופאַלען. — דערזעהט דער טאַטע אויף מיר דאָס צוריסענע מלבוש. פרעגט ער מיך גאַר קיין שאלות ניט, און ער פאַלט איבער מיר מיט אַ מורא׳דיגער רציחה.

זידט אין מיר דער כעס, לויף איך אַרויס אויס דער שטוב און לויף אַ הונגעריגער, אַ צושלאָגענער און אַ מבולבל׳דיגער ביז הינטער דער שטאָט.

ווייס איך פאַר מיר גאָר קיין עצה ניט. צוריקגעהן איצט קיין הוסיאַטין שעהם איך מיך פשוט. איך שעהם מיך פאַר אַלע מײַנע באַקענטע. איבערהויפּט קען איך זיך איצט ניט ווייזען פאַר דער אַלטער קעכין, פאַר דער גוטער שיינדעל. בײַ מײַן לעצטען אַהיים־פאָהרען — וואו זי האָט מיך באַזאָרגט מיט הוצאות און מיט צידה לדרך — האָט זי פאַרגאָסען טײַכען טרעהרען, אַזוי ווי דאָס האַרץ זאָל איהר האָבען געזאָגט, אַז איך צושייד מיך פון איהר, חלילה, אויף תמיד... זי וועט זיך מיט מיר דערפרעהען. אָבער זי וועט זיך

משער זיין, אַז מיט מיר איז אין דער היים עפּעס אויסטערלישעס געשעהן, און זי וועט דוקא וועלען וויסען וואָס...

באַשליס איך מיר דאָס מאָל צו געהן קיין טשאָרטקאָוו. שוין פון לאַנג האָב איך משתוקק געווען צו זעהן ר׳ דוד משה׳ניו פנים אל פנים, אַריינצוקוקען אין דער ליכטיגער צורה, פונ׳ם „תמימות׳דיגען לעמאַלע״ צווישען דעם ריזינערס קינדער.

פאַרבלייב איך אין טשאָרטקאָוו ניט גאַנצע צוויי וואָכען.

פרעמד, פרעמד. איך קען קיינעם ניט און קיינער קען מיך ניט. אַהרן, דער גבאי, א אויסגעפרעסענער בייכיגער ייד, מיט לאַנגע געדיכטע קליאָטשע־פאַרביגע ברעמען און צוויי קליינינקע כיטרע אויגעלעך, וואַרפט אויף מיר שפּיציגע בליקען. דאַכט זיך אַ וואונק געגעבען מ׳זאָל פון מיר קיין אויג ניט אַראָפּלאָזען. „אפשר גאר אַ יינגעל מיט לעפקע פינגער״... ביי די אַלטע „יושבים״ בין איך אַ „איבעריגער״. ניט זייער גלייכען...

צום איבעריגען „גליטש איך מיך באַלד אויס״ און ווער ממש אַ פסול׳דיגער. אין אַ שעהנעם זומער־טאָג כאַפּ איך זיך אַרויס פונ׳ם הויף אויף אָנצוקוקען אַביסעל די שטאָדט. באַגעגענט מיך אַ הויכער יידישער יונגערמאַן, אַ לייטישער. מעסט ער מיך אָפּ מיט זיינע בליקען פון אויבען ביז אַראָפּ. אַ יינגעל אַ מאָגערס, אַ אויסגעבלייכטס, דאַכט זיך ניט איבעריג זאַט. פאַרפיהרט ער מיט מיר סתם אַזוי אַ פריינדליכען שמועס. דערקענט ער אַ פנים, אַז איך בין ניט אַזאַ פאַרשלאָפענער. קומען מיר אַזוי געהענדיג באַלד אוים ביי זיין שטוב. פאַרבעט ער מיך אַריין צו זיך. זעצט ער זיך עסען און בעט מיך „מיטעסען״. מהיכי תיתי, אַ גלאָז ווייסע קאַווע מיט אַ דיקער הויט פון אויבען און פיינע, גאָר פיינע, פוטער־געבעקסלעך — אַלע טעמים. בעט מיך זיין ווייבעל זיך ניט צו שעהמען און עסען וויפיעל מיין האַרץ גלוסט. אַ ברכה אויף איהר קעפּעל. און ווען איך אייל מיך — ס׳איז דאַן מנחה־צייט געווען און איך מוז צוריק אין הויף אַריין — שטאָפּט זי מיר אָן אַ פולע קעשענע מיט פוטער־געבעקסלעך אויף מיטצונעמען.

קום איך צוריק אין הויף אַריין איז אַ גאַנצע בהלה. מ׳קוקט אויף מיר פון אַלע זייטען ווי אויף עפּעס אַ „נישט־גוטס״, און

אייזיק׳ל סקווערער, דער „קאָכלעפעל״ אין הויף, דער געהויבענער ייד, וועלכער פאַרשטעהט לוסטיג צו מאַכען דעם רבי׳ן, ווען ער גיט מיר אַ קניפ אין בעקעל. ווי איינער רעדט: „גאָר אַ וואויל יינגעל״. האַלט, חלילה, ביי פאַרפאַלען-אין-עצבות; ער נעהנטערט זיך צו מיר, דערזעהט ער די קעשענע פון מיין קאַפּטענדעל אַז זי איז ווי אָנגע-שוואָלען, קריכט ער אַריין מיט זיין רעכטער האַנד אין דער דאָזיגער קעשענע, נעמט ער פון דאָרט אַרויס אַ פולע זשמעניע מיט פוטער-געבעקסלעך און ער הויבט אויף די דאָזיגע זשמעניע מיט פוטער-געבעקסלעך, אין דער הויך, אויף צו ווייזען דע עולם. זאָגט אייזיק׳ל סקווערער צו מיר מיט אַ בניחותא-קול, וואָס פון איהם הערט זיך אַרויס אַ אָנגעוועהטאָגטער רוגז: „אַזוי! געקומען אַ יינגעל צום רבי׳ן לערנען יראת שמים און יראת חטא. דערווייל אַריינגעכאַפּט זיך צו דעם עוכר ישראל, צו דעם שפּיראַ׳ניק, אָנגעגעסען זיך מיט טריפות און רוהיג צוגעהערט ווי מ׳לעסטערט דעם צדיק יסוד עולם... באמת זעהר אַ חדוש׳לעך יינגעלע!״

אַ ייד, אַ לאָהמער אויפ׳ן רעכטען פוס, הויבט אַקעגען מיר אויף זיין גראָבען שטעקען. „ער וויל מיך דורס זיין. ער אַליין האָט מיך געזעהן געהן מיט הלל הויזנער, מיט דעם ימח-שמו׳ניק, מיט דעם שפּיראַ׳ניק, שמועסענדיג, ביז צו זיין שטוב״. אָבער גראָד איי-זיק׳ל וועהרט מיך אָב. ער איז, מיט אַ ווייך קול, אויף מיר ממליץ: „ס׳קען זיין אַז דאָס יינגעל איז אַ שוגג און נישט קיין מזיד. גע-כאַפּט געוואָרען ניט וויסענדיג ווער און וואָס דער דאָזיגער כל-בו׳ניק איז״.

שטעה איך אַ דערשראָקענער און אַ פאַר׳חדוש׳טער. דער „עוכר ישראל״, דער „ימח-שמו׳ניק״, דער „כל-בו׳ניק״ האָט ביים עסען מדקדק געווען קודם צו מאַכען אַ ברכה „מזונות״ אויף די פוטער געבעקסלעך און דערנאָך ערשט אַ ברכה „שהכל״ אויף דער קאַווע. אפילו אָן „על המחיה״ האָט ער ניט פאַרגעסען. דאָס ווייבעל פון די אַלט-טעמים׳-דיגע פוטער געבעקסלעך טראָגט אַ שייטעל ווי אַ כשר׳ע, פרומע יידישע טאָכטער. און וואָס דאָס מיינט „שפּיראַ׳ניק״ פאַרשטעה איך כלל וכלל ניט.

ערשט שפּעטער בין איך געוואָהר געוואָרען אַז אין טשאָרטקאָוו איז געווען אַ „קרייז־רב“ מיט׳ן נאָמען ישעיה מאיר הכהן שפּירא, אַ מורה־נבוכים און כוזרי־ייד. צווישען איהם און דעם רבי׳נס הויף איז אָנגעפיהרט געוואָרען אַ גרויס מחלוקת. און זיינע תלמידים האָט מען גערופען שפּירא׳ניקעס. — אַ שפּירא׳ניק איז ביי טשאָרטקאָווער חסידים געווען „וואָס אין דער קאָרט“, אַ „אסור לבוא בקהל“.

פאַר יעדען פאַל האָב איך געזעהן אַז פאַר מיר איז אין טשאָרטקאָווער הויף מעהר קיין פּלאַץ ניט פאַרהאַנען. און אויף מאָרגענס גאַנץ פריה בין איך אַוועק צופוס, איבער יאַגאַלניצע, טלוסטע און זאַלישטשיק קיין סאַדיגורא.

ה.

אָנגעקומען פון טלוסטע קיין זאַלישטשיק, אין אַ זונטאָג נאָכמיטאָג, פרעג איך מיך באַלד צו אַ פידקאַמינער יונגענמאַן מיט׳ן נאָמען נאַטאַנסון, וועלכער האָט ערשט ניט לאַנג חתונה געהאַט פאַר אַ זאַלישטשיקער גביר׳ס אַ טאָכטער. — פאַר דער חתונה איז נאַטאַנסון געווען אין הוסיאַטין ביים רבי׳ן און דעמולט האָט רע כלאחר יד, אָדער אפשר גאָר אויף קאַטאָוועס, מיר געזאָגט אַז ווען ס׳זאָל מיר אַמאָל אויסקומען צו זיין אין זאַלישטשיק בין איך זיינער אַ אָנגענומענער אורח. — איז דער דאָזיגער נאַטאַנסון מלא גדולה מיך צו דערזעהן. דערצעהלט ער זיין יונג ווייבעל פון מיר קונדס׳ישע שטותשקאַלעך פון דער היים און פון הוסיאַטין, דערצעהלט ער איהר אפילו פון דער אַלטער שיינדעל׳ס אָנהענגליכקייט און ליבשאַפט צו מיר, און דאָס יונגע ווייבעל קאטשעט זיך פאר געלעכטער. — לויבט מיך נאַטאַנסון אויס אין טאָג אַריין פאַר זיינע שווער און שוויגער און זיי קוקען אויף מיר מיט אַ רחמנות׳דיגען דרך ארץ. — האַלט נאַטאַנסון מיך אָפּ ביי זיך אַ גאַנצע וואָך. חוץ שלאָפען, עסען און טרינקען כיד המלך, און חוץ באָדען זיך יעדען טאָג אין דניעסטער און פרייטאָג נאָכמיטאָג אין מרחץ, איז נאָך דאָרט פאַרהאַנען אַ אַלטע בכבוד׳ע יידענע, די מאַמע פון נאַטאַנסון׳ס שוויגער, וואָס זי גאַרט ממש נאָך אַ מצוה. שטעהט זי אויף זומער גאַנץ פריה ,ווען דאָס גאַנצע בני בית און איך בתוכם שלאפען נאָך, און זי טהוט זיך אָן די

ברילען, און זי פאַרלאַטעט מיר אַלע מיינע מלבושים, און זי נו־צעוועט איבער איהר אייַדעמ'ס עטליכע אַלטע העמדער פאַר מיר.— באַצאָהלט נאַטאַנסון, דעם צווייטען זונטאָג, שכר עגלה, איז זיך משוה מיט'ן בעל־עגלה מיך מיטצונעמען נעבען זיך אויף דער קעלניע פון זיין וואָגען, וואָס פאָהרט פול־געפּאַקט מיט פאַרשווינען קיין טשערנאָוויטץ צום מאָנטאָגדיגען וואָכען־יאַריד. און זאגט אָן דעם בעל עגלה, מיך אַראָפּצולאָזען פונ'ם וואָגען אין זוטשקא, וואָס פון דאָרט איז אַ מהלך פון אַ תחום־שבת קיין סאַדיגורא.

זאָגט צו מיר נאַטאַנסון ביים געזעגענען זיך: „אין סאַדיגורא וועט עס דיר מן הסתם ניט שלעכט געהן. דאָרט איז דאָך פאַראַנען איצי וואָלף'ס איידעם, משה יחזקאל'ס טאַטע, וועלכען מ'רופט הירש'ל זאַוואַרעכע. ער וועט דיך אוודאי מקרב זיין".

גיט עס מיר אַ ציה ביים האַרצען. ווען מיין טאַטע איז אויף מיר שטאַרק אין כעס איז ביי איהם דאָס גרעסטע שטאָך־וואָרט פאַר מיר מיך אָנצורופען „הירש'ל זאַוואַרעכע".

פון דעסטוועגען אָנקומענדיג קיין סאַדיגורא הויב איך מיך דאָך אָן צו פרעגען אויף הירש'ל שטערנקלאַר (דעם נאָמען זאַוואַרעכע דאַרף איך נישט און וויל נישט ברענגען אויף מיינע ליפּען) ווייסט קיין בן אדם ניט וועמען איך מיין. זאָג איך הירש'ל שלמה זלמנ'ס ווייסט מען ווידער נישט. קרעק איך מיך אַביסעל און זאָג הירש'ל פּידקאַמינער, דער וואָס האָט אַ בולמע אויפ'ן רעכטען אויג, ווייסט שוין יעדער. אָבער מ'זאָגט מיר, אַז ער געפינט זיך גראָד איצט אין באָיאַן. — ווייס איך וואָס דאָס מיינט. זייט דער אַלטער רבי, ר' אברהם יעקב'ניו איז נסתלק געוואָרען, איז די „מלוכה" צוטיילט געוואָרען. דער יינגע־רער זוהן, ר' ישראל'ניו, האָט זיך מיט זיין עלטערן ברודער, ר' איצי'ניו משוה געווען, פאַר אַ סכום געלד, אַז ער, דער יינגערער, זאָל בלייבען זיצען אויף דעם טאַטענ'ס כסא אין סאַדיגורא, און זיין ברודער, דער עלטערער, זאָל זיך זעצען אויף אַ נייער „כסא" אין באָיאַן. זייט דע־מולט פענדלען אַ טייל פון די אַלטע „יושבים" צווישען סאַדיגורא און באָיאַן. און הירש'ל אודאי. קיין באָיאַן קומען ממרחקים די מייסטע גבירים...

נו, מילא, נישט איז נישט. השם יתברך איז אַ טאַטע. צווישען ייִדען ווערד מען ניט פאַרפאַלען. זעה איך אָבער, אַז דער עולם קוקט אויף מיר צו שטאַרק און מען סוד'עט זיך. געהט בײַ מיר אין מח דורך אַ מחשבה, אויב מען ווייסט שוין דאָ ניט פון מײַן „מעשה תעתועים" אין טשאַרטקאָוו. — נעהנטערט זיך צו מיר אַ ייִד מיט אַ קאַלטאָנעוואַטע באָרד, שטעקט מיר אָב מיט די שפּיץ פינגער פון זײַן רעכטער האַנד אַ „שלום עליכם" און פרעגט: „פון וואַנעט איז אַ ייִנגאַלע?" ענטפער איך תמימות'דיג „פון פּידקאַמין". פאַרגרעסערט זיך אַלע מאָל דער עולם און מען בויערט ממש אײַן די בליקען אין מיר. הער איך שוין ווי איינער זאָגט: „יאָ, דאָס איז ער, דער טאַטע אויס'ן אויג!" — פרעגט מען מיך שוין גאָר נישט מעהר. נעהמען מיך אָן צוויי ייִדען, איינער בײַ מײַן רעכטער האַנד און דער צווייטער בײַ מײַן לינקער האַנד, פיהרען זיי מיך אָפּ צו יעקל שוחט אין דער אכסניא, און זאָגען איהם אײַלענדיג: „אָט דאָ האָבען מיר אייך געבראַכט הירשעלעס זוהן, משה יחזקאל. אויף זײַן טאַטענ'ס חשבון, קענט איהר איהם געבען אַלצדינג וואָס ער דאַרף. מיר לויפען שיקען אַ שליח מיוחד קיין באָיאַן אויף אָנצוזאָגען הירשלען די בשורה, אַז ער איז אויפגעפונדען פון זײַן נדר".

ס'טרייסעלט מיט מיר. איך פּאַנפּע עפּעס אונטער דער נאָז. איך וויל זאָגען אַז עס איז אַ טעות, אַז מײַן נאָמען איז ניט משה יחזקאל און איך בין ניט הירשעלעס זוהן. אָבער ווער הערט מיך? זיי זיינען שוין אַוועק פון דער אכסניא, און יעקל שוחט גלעט מיך איבער'ן בעקל און בעט מיך זיך צו געהן וואַשען די הענד און זיך זעצען בײַם טיש.

איז שוין באַלד אויפ'ן טיש פאַר מיר אָנגעגרייט אַ פרישע בולקע און אַ פול טעלערל אײַנגעהאַקטע לעבער מיט ציבעלעס, וואָס שווימט אַרום אין גענזענשמאַלץ. דערנאָך אַ יויך מיט געלע לאָקשען, וואָס „דער קיסר מעג זי עסען". דערנאָך אַ פולען טעלער מיט רינד פלייש און אַ צולאָג פון אַ גאַנץ פערטעל עוף. דערנאָך אַ באַרען־צימעס און אַ פול גלאָז מיט זיסען אמת'דיגען „יאַנאָווער מעד". — און נאָר וואָס אָפּגעדאַווענט מנחה און מעריב, פיהרט

מיך דער בעל אכסניה אַריין אין אַ חדר מיוחד און ווייזט מיר אָן אַ בעט אויף צו שלאָפֿן.

„ער ווייסט אַז איך בין מיעה פֿון אַזאַ ווייטער נסיעה — פֿון פּיד־קאַמין ביז סאַדיגורא“.

ליעג איך אין בעט, שמייכעל איך, און מיין מח גערט מיר אויף שרויפֿען: „נאַ דיר, פֿון דער העלער הויט אַ אָנשיקעניש. בין איך גאָר משה־יחזקאל־הינדא־איצי־וואָלף׳ס. איז גאָר מיין קלסתר־פּנים גלייך צום קלסתר־פּנים פֿון הירשל זאַווארעכע. אַ זוהן און אַ טאַטע. יצחק און אברהם. און יעקיל שוחט גיט דעם „זוהן“ אויפֿ׳ן „טאַטענ׳ס“ חשבון אַ פֿרישע בולקע, לעבער מיט ציבעלעס, אַ יאַכעל פֿון געמישט רינדפֿלייש מיט בשר עוף, אַ באַרען־צימעס, יאַנאָווער מעד און דערצו אַ חדר מיוחד... פּע, ס׳איז גאָר נישט שעהן פֿון מיר, ר׳ יקותיאל פּידקאַמינער׳ס אַ בחור׳ל, אַ בעל הבת׳יש קינד. מיין חוב איז געווען דעם בעל־אכסניה באַלד צו זאָגען, אַז די יידען וואָס האָבען מיך אַהער געבראַכט האָבען אַ טעות, אַז הירש׳ל איז נישט מיין טאַטע און איך בין ניט זיין זוהן... סוף כל סוף וועט מען דאָך געוואָהר ווערען און איך וועל מוזען אַוועק פֿון סאַדיגורא מיט חרפּה און מיט בושה... עס איז פֿאַר מיר איצט נאָר פֿאַראַנען איין ברירה, אָדער אויפֿצושטעהן מאָרגען כעלות הבוקר און אַנטלויפֿען וואוהין די אויגען וועלען מיך טראָגען, אָדער פּשוט מגלה זיין פֿאַר יעקיל שוחט דעם סוד און בי איהם בעטען מחילה, פֿאַרוואָס איך האָב איהם דאָס נעכטען אין מיין מבולבל׳דיגקייט ניט געזאָגט... אַ ייד אַ בעל אַכסניה ביים רבי׳נס הויף, אַ אויסגעקאָכטער, וועט אפשר נאָר לאַכען איבער דער גאַנצער אויסטערלישער מעשה... אַ פּורים־שפּיל איז אויך עפּעס ווערט...

כאַפּ איך מיך אויף אין דער פֿריה, אַביסעל שפּעטער ווי איך האָב מיר פֿאָרגענומען. זעץ איך מיך אויף אויפֿ׳ן בעט, גיס אָפּ די נעגעל, און — איידער איך בין מספּיק מיר רעכט די אויגען אויסצווישען, עפֿענט זיך די טיר, און עס קומט אַריין יעקיל שוחט מיט אַ הויכען דאַרען יידען, און דער הויכער דאַרער ייד פֿאַלט מיר אַרויף אויפֿ׳ן האַלז און וויינט און כליפּעט: „מיין זוהן! מיין משה יחזקאל!“ און

ער קושט מיך, און ער בייסט ממש מיט די ליפּען מיינע באַקען ביים קושען.

בין איך שוין גאָר אַ דערפלעפטער. גיעה האָב דאָס אַ האַרץ און זאָג דעם דאָזיגען יידען אין דער דאָזיגער רגע פון זיין „אורה שמחה וששון", אַז דו ביזט נישט זיין זוהן, זיין משה יחזקאל. עס קען איהם חלילה, מיינע שונאים, נאָך עפּעס געשעהן.

בין איך דאָך דער „אַלטער קונדס", שמייכעל איך באַלד: „אָט האָסטו דיר הירש'ל זאווארעכע ווי ער לעבט און ווי ער לייבט!" און ביי מיר קלעהר איך: „ווי אַזוי השם יתברך וועט פיהרען אַזוי וועט זיין. אַוועק פון דאַנעט מוז איך שוין. ווען ניט היינט, איז מאָרגען; איך בין דאָך נישט קיין צוגעבונדענער..."

היט מיך אָבער מיין „טאַטע" ווי זיין איינציג אויג אין קאָפּ. אויף אַ רגע לאָזט ער מיך ניט אָפּ. מיט מיר געהט ער, מיט מיר עסט ער, און אַפילו שלאָפען שלאָפט ער מיט מיר אין איין בעט. דערצעהל איך איהם אַלע פּרטים פון מיין „זיידענס, באָבעס און מאַמעס" שטוב, דערצעהל איך איהם פון די מלמדים וואָס איך האָב ביי זיי געלערנט. פּאַק איך פאַר איהם אַביסעל אויס מיין „לומדות", און ער קוועלט גאָר אָן און איך זעה ממש ווי זיין האַרץ וואַקסט...

זיין גאַניץ, פון אַזוי פיעל יאָהרען אָנגעזאַמעלט, טאַטע'שאַפט, לעדיגט הירש'ל אויף מיר אויס. אָנגעטהון מיך פון קאָפּ ביז די פיס מיט שפּאָגעל נייע מלבושים, פיהרט ער מיך אַריין צום רבי'ן, אויף אָפּצוגעבען מיר זיין ברכה. און אַזוי פיהרט ער מיך אַרום צו אַלע זיינע באַקאַנטע אויף צו ווייזען מיט טאַטע'שער גאוה „זיין יינגעל, זיין משה יחזקאל".

צאַפּעלט אָבער ביי מיר כסדר מיין האַרץ: „אָט אָט קען גראָד אָנקומען מיינער אַ באַקאַנטער פון פּידקאַמין אָדער פון הוסיאַטין און אפשר גאָר פון טשאָרטקאָוו.

און איך צאַפּעל. אַנטלויפען איז כמעט ניט מעגליך. הויב איך אָן צו זוכען תחבולות, איך זאָג מיין „טאַטען" אַז פון דער מאַמע, פון דעם זיידען און פון דער באָבען, האָב איך נאָר רשות צו פאַר־בלייבען אין סאַדיגורא עטליכע געצעהלטע טעג. „זיי וועלען מורא'דיג בענקען נאָך מיר. זיי וועלען עס חלילה גאָר ניט אויסהאַלטען". איך

בין איהם מבטיח נאָך אַ קורצער צייט ווידער צו איהם צו קומען. אָבער ער האָט גרויס צער, ער שלעפּט מיך אָפּ פון טאָג צו טאָג, ביז סוף כל סוף קויפט ער מיר אַ ניי לעדערן-קעשענע-בייטעלע, לעגט אַהין אַריין צוויי קנאַקעדיגע צעהן גולדען נאָטען, דינגט פאַר מיר אַ וועגאַלע ביז זאַלישטשיק, — און ער וויינט און ער כליפּעט און ער קושט מיך און ער בייסט מיט די ליפּען מיינע באַקען ביים קושען.

אין זאַלישטשיק האָב איך מיט אַ באַזונדערער כונה, אויסגעהיט זיך גאָר צו ווייזען פאַר נאַטאַנסונ'ען און זיין משפחה. געקומען, אויפגעכאַפּט זיך באַלד אויף אַ וועגאַלע קיין טלוסטע, און פון דאָרט ווייטער, ביז איך בין צוריקגעקומען אַהיים.

.ו

געזעהן אין דער היים מיינע שפּאָגעלנייע מלבושים, מיין גלאַנצענדיג קאַסטאָרען קאַפּעלושעל און מיינע שטיוואַלעך, מיט די אין דער מיטען קונציג געקנייטשטע כאָליוועס, ווינקען זיך דער טאַטע מיט דער מאַמע שמייכעלנדיג איבער. און דער טאַטע ברומט כלומרשט אָנגע'ברוגז'ט: „די אַלטע שיינדעל. אויסגעפּוצט איהר יינגעל ווי אַ חתן-בחור". — דאָס האָט געדאַרפט זיין אַ „שטאָך-וואָרט" פאַר מיר. פונדעסטוועגען דערקען איך, אַז ער האָט דאָך הנאה. נישט געקענט זיך איינהאַלטען. מיט'ן דוימען און מיטעלסטען פינגער אַ טאַפּ געטהון דעם שטאָף פון מיין קאַפּאָטקאַלע. אַ מבין: „נישקשה, פון אַ שטאָף. גאָר נישט ביליג. ניט געזשאַלעוועט קיין געלד".

מיין עלטערער ברודער מעסט אויף ציקאַוועס אָן מיין קאַפּעלושעל אויף זיין קאָפּ. „דער קאַפּעלוש פּאַסט אויף איהם אויך. אָבער ער שטעהט איהם אַביסעל נאַ-שפּיץ, וואויל-יונגיש. פון הינטען זעהט מען צופיל אַרויס די יאַרמולקע".

די יינגערע שוועסטערלעך רינגלען מיך ממש ארום און גאַפען אויף מיר. זיי דערזעהן ביי מיר דאָס נייע לעדערנע קעשענע-בייטעלע. — אויפ'ן וועג, פאַר פידקאַמין, האָב איך דאָס בייטאַלע כמעט אויסגעלעדיגט. די מיר צוריקגעבליבענע צעהן-גולדען-נאָטע, און דערצו נאָך אַ גאַנצע פינף-גולדען-נאָטע, האָב איך קונציג איינגענעהט אין דער לינקער פאָלע פון מיין קאַפּטענדעל, און אין בייטעלע נאָר צוריק-

געלאָזט צוויי זילבערנע זעקסערלעך, אַ קופּערנעם פּירער און עטליכע געצעהלטע קרייצער. — זיי, די יינגערע שוועסטערלעך, קענען פון מיין בייטעלע קיין אויג ניט אַראָפּלאָזען. „חלילה, קיינע פון זיי פערלאַנגט עס נישט פאַר זיך. זי וויל עס נאָר אביסעל האַלטען אין איהר האַנד, אויפעפענען, אַריינקוקען, ווידער צומאַכען, און עס באַלד צוריקגעבען".

בין איך אָבער ביי מיר אַליין עפּעס גאָר נישט פויגעלדיג. צו הינדא איצי וואָלף'ס אין שטוב האָב איך מיך געמוזט אבענדס אריינכאַפּען. וויינינגסטענס „אויף יוצא צו זיין". דאָך אַ נאָהנטע שכנ'טע. דאָך משה יחזקאל'ס אַ חבר. פרעהט זיך מיט מיר משה יחזקאל, פרעהט זיך מיט מיר זיין מאַמע. און עס פרעהען זיך מיט מיר זיין זיידע און זיין באָבע. זיי קענען זיך גאָר ניט גענוג פאַר'חדוש'ען ווי גוט איך זעה אויס אין מיינע נייע מלבושים. „קליידער מאַכען לייט. דאָס פּנים איז ביי מיר גאָר אַנדערש. עס דאַכט זיך אַז איך בין אין דער קורצער צייט אויסגעוואַקסען, געוואָרען אַ גאַנצער בחור". אָבער — איך פרעה מיך ווען איך בין שוין פון יענער זייט טיר.

געה איך אין קלויז אַריין, לערן איך מיט אַזאַ התמדה, ווי ביז אַהער קיינמאָל ניט. אפילו מיט די נאָהענטסטע באַקענטע רעד איך ווייניג-וואָס. איך קום כמעט אויף דער גאַס ניט אַרויס. פון דער היים אין קלויז אַריין און פון דער קלויז אַהיים. אָפטמאָל בין איך גאָר ביים לערנען ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין. טאַטע-מאַמע טאָפּען זיך אין נחת. זיי קוועלען פון מיר גאָר אָן. דערביי פיהלען זיי אַ שטילען צער. דער מאַמען דאַכט זיך, אַז פון מיין גרויס התמדה ווערד מיין פּנים יעדען טאָג בלאַסער און בלאַסער, אַפילו דער טאַטע וואַרפט אויף מיר אַלע מאָל אַ ליבליכען רחמנות'דיגען בליק. עס ליגט איהם אויפ'ן האַרצען מיר עפּעס צו זאָגען, אָבער עס לעגט זיך איהם ניט די צונג דערצו. ביטול תורה איז אַ האַרבע עבירה. היינט געה זאָג אַ קינד מוסר פאַרוואָס ער איז אַזאַ גרויסער מתמיד...

איז די סבה פון מיין בלאַסקייט גאָר אַ אַנדערע. ביי מיר אין מוח ענגבערט עס כסדר. אין מיטען פון אַ פאַרפלאָנטערטען שווערען „תוספות" באַווייזט זיך פאַר מיר פּלוצלינג הירשעל'ס צורה, ווען ער פאַלט אַרום מיין האַלז, וויינט און כליפּעט: „מיין זוהן!

מײן משה יחזקאל!" אַפּילו ליגענדיג אין בעט דאַכט זיך מיר אָפּט־מאָל, אַז אַט ליעגט ער נעבען מיר און אַט גלעט ער מיך מיט זײַנע דאַרע פינגער איבער מײַן נאַקעטען רוקען און ער טוליעט מיך מיט טאַטעשע׳ער ליבשאַפט צו זיך צו.

„נײן! דאָ אין פּידקאַמין דאַרף איך נישט און קען איך נישט אויף לאַנג פאַרבלײַבען. עס קלאַפּט מיר דאָס האַרץ ווען איך באַגעגען משה יחזקאל׳ן... אין אַ רביש הויף וויל איך ניט מעהר צוריקקעהרען. עס איז פאַר מיר קײן תכלית ניט. חוץ דעם קען אַהין פאַרבלאָנ־דזשעט ווערען אַ סאַדיגורער „יושב" וואָס זאָל מיך דערקענען... גאָט׳ס וועלט איז אַ גרויסע. מען ווערד אין ערגעץ נישט פאַרפאַלען. דער בחור וואָס איז מיט מיר געפאָהרען פון טלוסטע קײן יאַגאָל־ניצע האָט מיר געזאָגט, אַז ער לאָזט זיך אַוועק איבער די דײַטשע מדינות קײן אַמעריקא. ער איז נישט קײן גרעסערער גבור און נישט קײן גרעסערער גביר און נישט קײן גרעסערער חכם פון מיר..."

טרעפט זיך, נאָך עטליכע וואָכען, אַז אַ ייד וואָס פאָהרט „גראד" פון באָיאַן קײן בראָדי טרעט „אומישנע" אָפּ אין פּידקאַמין כדי אָפּצוגעבען אַ גרוס פון הירשלען פאַר זײַן ווײַב און פאַר זײַן שווער און שוויגער. און כדי צו דערמאָהנען משה־יחזקאל׳ן אָן זײַן הבטחה באַלד ווידער צו קומען צו זײַן טאַטען קײן סאַדיגורא. בטל׳ט הינדא און עס בטל׳ען איצי וואָלף און זײַן ווײַב צו דעם יידען אוים אַלע בײזע חלומות: „זײער משה יחזקאל איז זײט ער לעבט ניט געװען אין סאַדיגורא!... און הינדע איז נאָך מוסיף מיט כעס: „ער איז ביז היינטיגען טאָג ניט געווען און אַזוי לאַנג זײַן ליבער נאָמען וועט מיר שענקען דאָס לעבען וועט מײַן גוטער זוהן פאָלגען זײַן טרײַער מאַמע און וועט נישט פאָהרען קײן סאַדיגורא!... איך זינדיג אפשר מיט די רייד. אָבער זײַן ליבער נאָמען איז אַ גוטער און ער וועט מיר אודאי מוחל זײַן. ער איז אַ פּרופער פון הארץ און נירען"... בלײַבט דער ייד זיצען נבהל ומשתומם. — אָ פּנים ער איז געווען אָנגענרייט צו פאַרפיהרען אַ שמועס מכח דער אויפגעבונדענקייט פון הירשעל׳ס נדר. — דערצעהלט דער דאָזיגער ייד די גאַנצע מעשה אות באות ווי הערשעל האָט זי איהם איבערגעגעבען. און ער פערלאָזט באַלד פּידקאַמין. אַפּילו נישט איבערגענעכטיגט.

איז בײ איצי װאָלף'ן אין שטוב אַ איבערקערעניש. הינדא װיל גאָר נישט הערען און װיל פון גאָר נישט װיסען. אָבער איצו װאָלף! ער װײסט אױף קלאָהר, אַז אין דער גאַנצער צײט פון זײן נע־ונד'קײט האָט הירש'ל זיך ניט פאַרגונען אַ איבריגען ביסען. צונויפגעלעגט אַ פּרוטה צו אַ פּרוטה. אָנגעזאַמעלט פאַר זײן משה, יחזקאל אַ גרױסען סכום אױף נדן און חתונה קלײדער „כאחד הגבירים". ער, איצי װאָלף, האָט מורא, אַז דער קונדס, װאָס איז בײ איהם געװען, האָט בײ איהם די גאַנצע „אַפּותיקי" אױסגענאַרט...

שושקעט מען זיך אין קלױז. מען דערמאָהנט זיך אָן נאַטאַנסון'ס בריף צו זײנע עלטערן, אין װעלכען ער איז מודיע אַז איך האָב מיך מזדמן געװען צו זײן בײ איהם אין זאַלישטשיק. מען קען מײנע קונדס'ישע שטושקאַלעך. דער גאַנצער חשד פאַלט אױף מיר. — איך לײקען אָפּ שטײן און בײן. אָבער חסידים האָבען אַ שאַרפע נאָז צום דערשמעקען. מען גלױבט מיר יא און מען גלױבט מיר נישט. מען האָט מורא נישט צו זײן חלילה אַ חושד בכשרים. אָבער גאַנץ כשר בין איך דאָך נישט. זײ װאָלטען אפשר גאָר געלאַכט איבער דער גאַנצער מעשה. אָבער זײ קענען בשום אופן נישט מוחל זײן דעם עזות־מחוצף־פּנים'ניק װאָס האָט נאָך געהאַט די העזה זיך צו לאָזען אַרײנפיהרען צום רבי'ן... מאַכט זיך בײ מיר אַזאַ מעשה: דעמולט האָב איך גראָד געלערנט מסכת ביצה. זײנען פאַרהאַנען אין קלױז פון דער דאָזיגער מסכת צװײ גמרות, אײנע אַ אַלטע מיט אָפּגע־ריסענע טאָװלען און פאַרקנײטשטע בלעטער און די צװײטע אַ נײע, ניט לאַנג פון אײנבינדער געבראַכט. האָב איך שױן כמעט אַ חזקה אױף דער נײער גמרא. קומט אָבער אַ אַנדערער בחור, װאָס לערנט גראָד אױך מסכת ביצה, און נעהמט פאַר זיך דווקא די נײע גמרא. אַזױ װי מיר אױף להכעיס... אַ אַנדערסמאָל װאָלט ער שױן געכאַפּט פון מיר זײן פּסק. איך קען מײן שטעטעל אַלײן באַשטעדן, אָבער הײנט! געה איך צו צום גבאי איהם פאַרקלאָגען. בװערט מיך דער גבאי מיט זײנע בליקען און שמײכעלט ביטערליך: „ניש־קשה, פאַר אַזאַ בחור'ל װי דו דאַרף גענוג זײן די אַלטע גמרא..."

„אַזאַ בחור'ל װי איך?!" דערמאָהן איך מיך אָן דעם מטמון געלד װאָס איז אײנגענעהט אין דער לינקער פאָלע פון מײן קאַפּ־

טענדעל, און אין דעמזועלבען טאָג מאַך איך אַ „ויברח" אַנטקעגען דער נאָהנטער גרעניץ פון אַ דייטשער מדינה.

*

אַנדערטהאַלבען יאָהר האָב איך, וועגען פאַרשידענע סבות, גאַר ניט מודיע געווען אַהיים וואו איך געפין זיך. ממש ווי אין ים אַריין. געה איך איינמאָל אין ניו־יאָרק אויף איסט בראָדוויי. דערזעה איך פלוצים פאַר מיר אַ אַלטען פידקאַמינער ייד, אונזערער אַ שכן. אויף דער עלטער געקומען קיין אמעריקא צו זיין טאָכטער. זיין איידעם איז אַ בעקער און מאַכט אַ לעבען — אויף אַלע ידישע קינדער גע־זאָגט געוואָרען. ווער איך צו דעם ייד אַ צוגעקלעפּטער. איך לאָז איהם ממש ניט אָפּ, און ער דערצעהלט מיר בפרוטרוט פון אַלע פּאַרקו־מענישען אין מיין היים. — דער דאָזיגער ייד האָט ביים דערצעהלען אַליין הנאה. ער רעד אין אַמעריקא מיט אַ פידקאַמינער איבער פידקאַמין. דערצעהלט ער מיר אויך אַז הינדא איצי וואָלפ׳ס איז אַ אַלמנה געוואָרען. רוף איך סתם אַזוי, אָהן אַ באַזונדערער כונה, אויס:

— געשטאָרבען הירשעל זאַווערעכע?!... וואו? אין סאַדיגורא?

— און ווי אַזוי געשטאָרבען! — שאָקעלט ער מיט׳ן קאָפּ — ניט אין סאַדיגורא, נאָר אין באַיאַן.

— וואָס מיינט איהר עס „ווי אַזוי געשטאָרבען"?

— דו האָסט דאָך מסתמא נאָך געהערט אין פידקאַמין די מעשה מיט דעם יינגעל וואָס איז ביי איהם געווען אין סאַדיגורא און ער האָט געמיינט אַז דאָס איז זיין זוהן, זיין משה יחזקאל. דעמולט האָט זיך ביי איהם דערוועקט אַ מורא׳דיגע בענקעניש אַהיים. גע־בענקט ביי׳טאָג און ביי נאַכט. עס האָט זיך צו איהם קיין שלאָף ניט גענומען. געשיקט אַ שליח מיוחד קיין פידקאַמין אויף צו מאַכען שלום צווישען איהם און זיין ווייב און זיין שווער און שוויגער. אָבער אין דעם טאָג וואָס דער שליח מיוחד איז צוריק געקומען און איהם מודיע געווען, אַז דאָס יינגעל איז געווען אַ פרעמדס, ניט זיינס, איז הירשעל פלוצים געוואָרען אַ איבערגעביטענער. אויס „זאַ־וואַרעכע", אויס לויפער, אויס יאָגער, אויס פליהער, אויס שטורעם ווינד. אַוועק פון סאַדיגורא קיין באַיאַן, געזעסען אין באַיאַנער קלויז אין אַ ווינקעל און כסדר געדומעט. נישט רעכט געדאַוונט און נישט

רעכט געלערנט. אפילו צום רבי׳נס „טיש“ ניט אַרייַנגעגאַנגען. מען זאָגט יאַקבי אַז ער איז רחמנא לצלן, גאָר מיאוס נלקה געוואָרען. גראָד אין דער נאַכט פון יום כפור האָט זיך איהם אין חלום באַוויזען זיין ווייב הינדא אין דער צורה פון דער גראָבער באַיאַנער קלויז־שמש׳טע און ער איז געווען אַ רואה קרי. ער האָט געוואוסט, אַז ער וועט לא עלינו ניט „מוציא שנתו“ זיין. תיכף נאָך ימים טובים האָט ער אָנגעהויבען פאַסטען הפסקות. שפּעטער גאָר משבת לשבת, און געשלאָפען דוקא אויף אַ האַרטער באַנק. אַפילו קיין בינטעל שטרוי זיך ניט אונטערגעלעגט. סיגופים ביז אפיסת הכחות. און אין אַ אָנהויב זומערדיגען פרימאָרגען שלעפּט ער זיך אַראָפּ פון זיין געלעגער, געהט צום „כיור“, וואַשט זיך די הענד און דאָס פנים, מורמעלט צוריקלעגענדיג זיך אויף זיין באַנק: „אלהי נשמה שנתת בי טהורה היא“ (מיין גאָט, די נשמה וואָס דו האָסט מיר געגעבען איז ריין.) און ביי „ואתה עתיד ליטלה ממני ולהחזירה בי לעתיד לבא“ (און דו ביזט גרייט זי ביי מיר אַוועקצונעהמען און מיר זי צוריקגעבען אין אַ שפּעטער צייט) דרימעלט ער איין — זיין לעצטען דרימעל.

II.

דעם חזנ'ס טאָכטער

א.

אַ מאָדנע מיידעל דעם מיקאָלאַיעווער חזנ'ס טעכטערל. אסתר'ל רופט מען זי. ניט הויך געוואַקסען. אַ הויכער שטערן, אַ ברייטלעך פּנים, בולט'ע באַקען-קנאָכען. אָבער צוויי גרויסע ברוינע אויגען האָט זי און אַ קאָפּ מיט געדיכטע שוואַרצע האָר האָט זי — אויף אַלע יידישע טעכטער געזאָגט געוואָרען.

די חזנ'טע, אסתר'לס מאַמע, אַליין אַ שוואַך ווייבעל מיט אַ פּנימ'ל ווי אַ ליאַלקע, כח'ט זיך גאָר אין איהר טעכטער'לס האָר. זי שפּיגעלט זיך כסדר אין דעם גלאַנץ פון זייער שוואַרצקייט. זי באַווייזט איהר גאַנצע בריה'שאַפט אין די קונציגע צאַצקאַלעך וואָס זי מאַכט פון זיי. קינדווייז מאַכט זי איהר טעכטערל אַ לאָקען-קאָפּ אויפ'ס חדוש אָנצוקוקען. שפּעטער, ווען אסתר'ל ווערט גרעסער און איהרע האָר לענגער און געדיכטער, פלעכט זי איהר אויס צוויי דיקע צעפּלעך, און ביי זייערע עקען בינדט זי זיי צו קונציג מיט זיידענע בלאָהע סטענגאַלעך. נאָך שפּעטער, ווען אסתר'לס האָר פלעכטען זיך שוין אויס צו צוויי לאַנגע, גראָבע צעפּ, וויקעלט די מאַמע די דאָזיגע לאַנגע גראָבע צעפּ אַרום איהר טאָכטערס קאָפּ ווי אַ קראַנץ. און פון די עקען מאַכט זי איהר קונציג, אין דער מיטען פונ'ם קאָפּ, אַ גאַנצען קויש.

נישט גאַנצע דרייצעהן יאָהר אַלט און די צורה פונ'ם מיקאָלאַיעווער חזנ'ס טאָכטער, מיט דעם הויכען שטערן, גרויסע אויגען, בולט'ע באַקען-קנאָכען און מיט'ן גראָבען קויש אויפ'ן קאָפּ, זעהט שוין אויס ווי דאָס פּנים פון אַ אויסגעוואַקסענער מויד.

איז אָבער אסתּר׳ל דעם חזן׳ס פֿון איר קינדהייט אָן מער נוטה צו בחור׳שאַפֿט ווי צו מיידעל׳שאַפֿט.

בײַם דרדקי־מלמד, וואו געמישטע קינדער לערנען אינאיינעם, זוכט אסתּר׳ל אָפּטמאָל פֿאַר זיך אַרויס אַ תּירוץ, וויעגט זי צו דער רבי׳נ׳צעס קינד אָדער העלפֿט זי. דער רבי׳צין שעלען די קאַרטאָפֿעל, כּדי צו פֿאַרבלײַבן אין חדר, דעמולט ווען מען לאָזט שוין די מיידלעך אַהיים, און צוצוהערן זיך צום חומש וואָס דער רבי לערנט מיט די ייִנגלעך.

צו שפּילן מיט חבֿר׳טעס איז פֿאַר אסתּר׳ל גאָר קיין עסק ניט. אָנגערירט אַ חבֿר׳טע מיט די שפּיץ פֿינגער, אויף אַוועקצושטופּן זי פֿון זיך, מאַכט די חבֿר׳טע אַ יללה אַזוי ווי מ׳זאָל זי האָבן דערהרג׳עט. לויפֿט די חבֿר׳טע אַהיים וויינענדיק, ווערט אַ גאַנצע בהלה, דער חבֿר׳טעס מאַמע לויפֿט העגדום־פֿעגדום צו דער חזנ׳טע זי אויסזידלען, און ס׳איז צרות יגון ואנחה. אָבער צווישן בחורים׳לעך שפּילט זיך עס גאָר אַנדערש. כאַפּט זי אַמאָל אַרײַן אַ פּאַטש, דערלאַנגט זי באַלד יענעם צוריק אַ פּליאַסק איבער׳ן פּנים אויף צו פֿאַרזאָגן קינדער און קינד׳ס קינדער מיט איר צו זאַטשעפּען, און — שאַ־שטיל. אָפּגעווישט דאָס פּנים און מען שפּילט זיך ווידער.

בײַם שפּילן מיט די חבֿר׳מ׳עס ווערט אסתּר׳לען באַלד נודנע. נאַרישע געגנזאַלעך. שפּרינג און שפּרינג איבער אַ שטריקעל. דרייט זיך אַרום אַזוי לאַנג אין אַ ראָד ביז ס׳זאָל דיר שווינדלען פֿאַר די אויגן. צווישן בחורים׳לעך שפּילט זיך עס גאָר אַנדערש: בײַם אַלטן בײַכיגן פֿלוימען־בוים, בײַ דעם פֿאַר׳יתומ׳טן הפֿקר־בוים, וואָס שטעהט פֿאַר מענדעל חוה׳ס הויז, אײַנער אַליין, זייט דור־דורות, און ייִדן עלטער־עלטער־זיידעס און ייִדן אור־אור־אייניקלעך האָבן מורא פֿאַר דער מורא איהם אויסצוהאַקן; דאָרט, פֿאַר דעם דאָזיגן בוים, בויגט זיך אָן אַ הויך דאַר בחור׳ל ביז צו דער ערד און אסתּר׳ל דעם חזנ׳ס שטעלט זיך אַרויף מיט איהרע פֿיס אויף זײַנע אַקסעל. אָנהאַלטענדיק זיך מיט בײדע הענד בײַם בוים שטרעקט זיך ווידער דאָס דאַרע בחור׳ל אויס אין דער הויך. דערגרייכט אסתּר׳ל מיט איהרע הענד דעם האַלז פֿון אַ צווייג. דראַפּעט זי זיך אַרויף ביז צום שפּיץ פֿונ׳ם בוים. בינדט זי אויף די זײַדענע בלאָהע סטענגאַלעך פֿון

איהרע דינע צעפּלעך. צופלעכט זי זיי. שפּרייט זי אויס איהרע צולאָזענע האָר ביז אויף איינצודעקען דאָס פּנים. קוקען פון די צולאָזענע האָר אַרויס איהרע צוויי גרויסע, ברוינע אויגען לאַכענדיג. מאַכט זי קונציג נאָך דאָס קול פון איהר טאַטען ביים באַזינגען אַ חתן, ווען מ׳רופט איהם אויף אין דעם שבת פאַר דער חתונה, צו דער תורה. רייסט זי אָפּ פונ׳ם אַלטען בייכיגען בוים בלאָהע פלוימען. באַווארפט זי מיט זיי דאָס הויכע דאַרע בחור׳ל. שטרעקען זיך אויס אויף דער ערד, אין זייער גאַנצער לענג, די אַלע אָנגעזאַמעלטע בחורים׳לעך, אויף צו כאַפּען די דאָזיגע בלאָהע פלוימען, לאַכט אסתר׳ל אויף אַ קול, און — ס׳לאַכען אַלע בחורים׳לעך מיט איהר מיט.

*

אויף דער גאַס אַ שטיפערקע איז אסתר׳ל אין דער היים אַ שטילע טויב. נישט אויס מורא פאַר טאַטע־מאַמע. טאַטע־מאַמע האָבען אויף איהר קיינמאָל אַ האַנד ניט אויפגעהויבען. זי אפילו נישט רעכט אָנגעשריגען. אָבער אויס דרך ארץ׳דיגער אָנהענגליכקייט צום זינגענדיגען טאַטען און אויס רחמנות׳דיגער ליבשאַפט צו דער שוואַכער מאַמען.

שוין עלף יאָהר אַלט לאַשטשעט זיך נאָך אסתר׳ל אַרום דער מאַמע ווי אַ קליין קינד. כמעט איינציהענדיג דעם אָטעם גראָבט זי אָפטמאָל איין איהר קעפּעל אין דער מאַמעס שויס, ווען דער טאַטע לערנט איין מיט די משוררים די נייע קאָמפּאָזיציעס. מיט איהרע ווייכע הענד גלעט די מאַמע דעם טעכטער׳לס האָר און דאָס טעכטערל ליגט שטיל מיט׳ן פּנים אַראָפּ. די אויערען געשפּיצט. „עס באַוועגען זיך ביי איהר די ליפּען און איהר קול ווערד ניט געהערט“. אָבער ווען די מאַמע בלייבט מיט איהר דערנאָך אַליין אין שטוב, זינגט אסתר׳ל איהר נאָך אַלע קאָמפּאָזיציעס מיט די ווערטער פון די תפלות אות באות און וואָרט ביי וואָרט.

*

אסתר׳ל האָט נישט ליב צו זינגען ווען מעהרערע מענשען זיינען אָנגעזאַמעלט אין שטוב. ס׳בעט זי דער טאַטע, ס׳בעט זי

דאָס „סאָפּראַנדעל“, דאָס צוועלף־יעהריגע יינגאַלע מיט די פולע בעקאַלעך און מיט דעם געלאָקטען קאָפּ. ס׳בעט זי דער „טענאָר“, דער יונגערמאַן מיט די געקרייזעלטע פּאה׳לעך און מיט דעם שפּיציגען בערדעל. עס בעט זי דער „באַריטאָן“, דער הויכער בחור מיט דער האָבּאַטער נאָז און מיט דער געגאָלטער מאָרדע, און ס׳העלפט ניט. אסתר׳ל קוועקעלט זיך. זי פאַרקרימט דאָס פּנים. דאַכט זיך אַז אָט־אָט וועט זי גאָר אויסשיסען מיט אַ געוויין. אָבער — ווען קלמן דער „באָס“, דער מה־יעשה׳ניק צווישען דער חברה משוררים, דער קליינינקער פערציג־יעהריגער בחור מיט דעם לאַנגען אויסגעצאָמטען פּנים, פאַר׳גנב׳עט זיך הינטער איהר, בינדט מיט זיינע שפּיץ פינגער אויף די זיידענע בלאָהע סטענגאַלעך פון איהרע צעפּלעך, צופלעכט זיי, און גלעט מיט זיין דאַרער רעכטער האַנד איבער איהרע צולאָזענע האָר, ווערען פלוצים ביי איהר די צוויי גרויסע ברוינע אויגען גלאַנ־צענדיג, לאַכט איהר גאַנץ פּנים, און זי זינגט ווי אַ קאַנאַריק.

*

דרייצעהן יאָהר אַלט, ווען די מאַמע האָט איהר פון די גראָבע לאַנגע צעפּ שוין געמאַכט אַ קויש אויפ׳ן קאָפּ, באַשטעקט מיט האָר־נאָדלען, איז אסתר׳ל דעם חזן׳ס שוין גאָר אַ פאַרשלאָסענע, אַ עקשנות׳דיג־שווייגענדיגע.

גראָד דעמולט האָט זיך ביי איהר געטראָפען אַ איבערבייטעניש, וואָס איבער איהר האָט זיך דער טאַטע און די משוררים גאָר ניט גע־קענט גענוג פאַר׳חדוש׳ן: איהר סאָפּראַן־קול, וואָס האָט זיך שוין מיט אַ יאָהר צוויי צוריק געפאַרבט צו׳ן אַ טיפען „אַלט“, האָט פלוצים אָנגענומען אַ שטאַרקע, טונקעלע פאַרבונג פון אַ ברייטען בחור׳שען טענאָר.

איהר טאַטע, דער מיקאָלאַיעווער חזן, איז אַ געבוירענער אַ רוסישער. אין זיין היים איז ער געווען אַ משורר ביי „ירוחם הקטן“ און „ניסן בעלזער“ און האָט געקענט אַלע זייערע קאָמפּאָזיציעס. ווען ער איז דורך אַ סבה מגולגל געוואָרען קיין לעמבערג און איז געוואָרען אַ משורר ביי „ברוך שור“, האָט ער זיך אַפילו געמוזט אויסלערנען דעם נייעם חזן׳ס נגונים. אָבער ביי זיך אין האַרץ האָט

ער זיי מבטל געווען. „אַקעגען ירוחם הקטנ'ס און ניסן בעלזערס זיינען זיי ציבעלע־שאָלעכץ". דערנאָך, ווען ער איז אַליין געוואָרען אַ חזן אין מיקאָלאַיעוו, אַ קליין שטעטעל צווישען לעמבערג און סטרי, האָט ער אין דער התחלה גאָר ניט געוואָלט וויזען אַז ער האָט געלערנט אויך ביי ברוך שור. „צו וואָס? — מיט ירוחם הקטן און ניסן בעלזער קען מען איינגעהמען אַ וועלט"... ערשט שפּעטער, צוליב עטליכע נייע משוררים, וואָס האָבען געקענט אויסווייניג אַלע שור'ישע קאָמפּאָזיציעס, און צוליב עטליכע מיקאָלאַיעווער בעלי בתים, וואָס זיינען געווען „פאַרקאָכט" אין ברוך שור'ס „דריידאַלעך", האָט ער בעל כרחו געמוזט זאָגען אמן און זיך איבערבעטען מיט דעם „גאַליצישען פאַרטאַטש"... איז געווען דעם מיקאָלאַיעווער חזנ'ס בעסטער תענוג אין אַ שבת אָדער אין אַ יום טוב, ווען זיין אסתר'ל האָט, ביים טיש, מיט איהר ליבליך קול, איבערגעזונגען ירוחם הקטנ'ס „קדושה", ירוחם הקטנ'ס „מן המצר" און ניסן בעלזערס „אב הרחמים". אָבער — אַ אויסטערלישע זאַך! — זייט עס האָט זיך פאַראַנדערשט איהר קול צו אַ בחור'ישען טענאָר ווערד זי גאָר נתפעל פון ברוך שור'ס ברייטער און זיך אַרויפדראַפּענדיגער נגינה. און דוקא דער יסוד פון ירוחם הקטנ'ס און ניסן בעלזער'ס נגינה איז פאַר איהר צו שמאָל און צו ענג.

*

אסתר דעם חזנ'ס איז זיבצעהן יאָהר אַלט. אַ גאַנצע מויד. אַ קיילעכדיגע. איז איהר בעסטע פאַרוויילונג און איהר ליבסטע באַשעפטיגונג אין דער קיך. חוץ דעם וואָס זי וויל און מוז פאַרשוינען איהר יעדעס מאָל שוואַכער־ווערענדע מאַמע, לאָזען זי פּשוט איהרע אברים ניט איינרוהען. זיי דאַרפען און פאָדערען אַרבייט. און זי קנעט און זי וועלגערט, און זי קאָכט און זי באַקט, און זי וואַשט און זי פּרעסט. די אַרבייט איז ביי איהר ממש אַ שפּילעכעל. זי רייבט אָפּ מיט פייכטען זאַמד די בלעכענע בעקאַלעך, די קופּערנע פענדלעך, דאָס מעשענע שטייסעל, דעם ניקעלדיגען סאַמאָוואַר; זי רייבט אַזוי לאַנג ביז אַלצדינג בלישטשעט. און ווען זי שפּיגעלט זיך אין די בלישטשענדיגע כלים, ביים אויפהענגען זיי אויף דער וואַנד, זינגט זי

זיך צו שטילערהייט מיט דעם פרעהליכען נגון פון „היום תאמצנו"
אָדער מיט דעם יחדשהו־נגון פון ראש־חודש־בענשען.

*

צווישען די משוררים, וואָס פאַרוואָלגערען זיך צו אַ קליינ־שטעטעלדיגען חזן, איז כמעט ניטאָ איינער אַ רעכטער. שאַנדער באַנדער אַלע מיטאייִנאַנדער. נע־ונד׳ניקעס, פוסטע־פּאַסניקעס, טעלער־לעקער. זייער גרעסטע חכמה איז צו ריידען גבול־פה. דערצו נאָך זייער חוצפה. אָנגעפרעסען און אָנגעטרונקען שטעלען זיי אַרויס דעם חזן, הינטער זיין רוקען, אַ לאַנגע צונג, אָדער ווייזען איהם אַ פייג. — פע, מזוהם׳דיגע נפשות. אסתר׳ל דעם חזן׳ס קען גאָר אין זייער שטח ניט זיין.

*

טאַטע־מאַמעס ליבשאַפט צו זייער טאָכטער איז כמעט חוץ לדרך הטבע. זי איז זייער אָטעם. פונדעסטוועגען געזעצטע, בעלי־הבית׳ישע מענשען. ס׳איז געקומען די צייט צו קלערען פאַר איהר וועגען אַ תכלית.

איז די מאַמע, די חזן׳טע, אַ גאָר נאָהנטע קרובה צו אַ לעמבערגער גביר׳נטע, צו מיראַלע ברדת. האָט מיראַלע אין לעמבערג, אינ׳ם רינג, אַ גרויס געוועלב מיט כלי׳ערליי קונציגע „שפיצען", געשטיקטע וועש און געהעקעלטע לייבלעך, און מיט כלי׳ערליי סאַמעט און זיידענצייג. זיינען ביי מיראַלע׳ן אין געוועלב באַשעפטיגט אַ גאַנצע מחנה פון משרת־מיידלעך. פוצט די חזן׳טע אויס איהר טאָכטער ווי אַ ליאַלקע און פיהרט זי אָפּ קיין לעמבערג צו דער דאָזיגער קרובה.

— זאָל זי זיך אַ ביסעל אויסצווישען אין דער גרויסער שטאָט און ווערען לייטען גלייך. זי איז אַ בריה, אַ אָפענער קאָפּ. זי וועט זיך באַלד אויסלערנען די גאַנצע געוועלב־תורה מיט אַלע פּיטשעווקעס.

געפעלט אַפילו אסתר׳לען אין דער התחלה דער דאָזיגער עסק גאָר ניש־קשה׳דיג. אַ גאַנצען טאָג אַ רעש, אַ געטומעל. ווייבער קומען. ווייבער געהען. ווייבער אויסגעסטראָיעטע, ווייבער געפודערטע און

וייבער געשמינקטע. יעדע קונה׳טע מאַכט איהרע אייגענע הנ׳דלעך אויף אַפּצוהאַנדלען פּונים מקח, און די משרת־מיידלעך באַשיטען זיי מיט אַ מבול פון רייד אויף צו באַווייזען וואָס פאַר אַ „מציאות" זיי קויפען. ס׳פּעהלט אַמאָל אויך נישט אוים אַ היבש ביסעל קאָמיזם. אָט רוקט זיך אַריין אין געוועלב אַ גאַנצע חברה־קאַפּונדיע פון קליינשטעטעלדיגע יידענעס, אַ באָבע, אַ מאַמע, אַ עלטערע שוועסטער, עטליכע ווייטערע קרובה׳טעס און צוויי נאָהנטע שכנ׳טעס — אויף צו קויפען פאַר דער זיך־זיי־נאָכשלעפּענדיגער גראָבער, שוואַרצער מויד גאַנצע פיער מעטער ברייטען סאַמעט אויף אַ קלייד צו איהר חתונה.

*

אסתר׳ל — דאָ אין געוועלב רופט מען זי שוין פריילין טיני — איז אַ פיל־באַשעפטיגטע. אָפטמאָל שטעהט זי שעה׳ן־לאַנג אויף אַ לייטער, דערלאַנגט אַראָפּ פון די שאַפעס שטיקער סחורה פאַר די קונה׳טעס, און וויקעלט צונויף די איהר צוריקדערלאַנגטע, איבערגעבליבענע, צעוואָרפענע שטיקער, כדי זיי צוריק צו לעגען אויף זייער אָרט.

פריילין טיני באַרט זיך אין זייד און אין סאַמעט. ביים אַראָפּ־נעהמען און צוריק־אַרויפלייגען גלעט זי, נישט־ווילענדיג, מיט איהר רעכטער האַנד כמעט יעדעס שטיק זייד און יעדעס שטיק סאַמעט. — זי פאַרשפּירט אַמאָל דערביי אַ משונה׳דיגע הנאה.

ווערד אָבער פריילין טיני באַלד דערהויבען צו אַ העכערער מדרגה. זי מעג שוין שטעהן ביים לאַנגען טיש, גלייך מיט אַלע משרת־מיידלעך אויף צו „באַדינען" די קונים. איז דוקא איהר די „דערהויבענקייט" כלל וכלל נישט ניחא. אַ גאַנצען ליבען טאָג זיך דרעהען אויף די קנעפּאַלעך, מאַכען די אויגען לאַכעדיג און צושפּיצען דאָס פּיסקעל אויף צו ריידען זיסע ריידאַלעך, איז פאַר איהר ממש אַ גיהנום.

טרעפט זיך גראָד נאָך פּסח אַז די קעכין פון מיראַלע ברדה איז אַוועק.

מיראַלע איז אויסער זיך:

— „זי און כמעט איהר גאַנצע משפּחה זיינען די גאַנצע וואָך „פאַרקויפט" צום געוועלב. אין איהר דירה בלייבט אָפטמאָל די קעכין איינע אַליין. זי שאַלטעט און וואַלטעט איבער׳ן גאַנצען באַלעבאַ־

טישקייט ... אַ קעכין מוז בײַ איהר האָבען נאמנות ... ביז װען, ביז װאָס, ביז זי װעט זיך װידער צוקלױבען אַזאַ קעכין קען זי זיך גאָר קײן עצה ניט געבען".

הערט דאָס פרײלײן טיני און עס דערװעקט זיך בײַ איהר אַ רחמנות. פאַרט אַ נאָהנטע קרובה פון מאַמע׳ס צד. דערצו אַ גביר׳נטע, װאָס די מאַמע איז זיך כסדר מיט איהר מייחס. זאָגט פרײלײן טיני אַ ביסעל פאַרשעהמט, מיט אַ אַראָפּגעלאָזטען קאָפּ:

— „װען איהר װעט מסכים זײַן בין איך גרייט אײַך דערװײל פאַר׳ן מיטאָג, אױסצוהעלפען אין דער קיך. ניש־קשה. באַלעבאַטיש קאָכען און באַקען קאָן איך אויך. דאָס האָב איך געלערנט בײַ מײַן מאַמע" ...

דויערט דער „דערװײל" אַ גאָר לאַנגע צײַט און דער „פאַר׳ן מיטאָג" װערד באַלד אַ גאַנצער טאָג. מיראַלע קװעלט פון פרײלײן טיני גאָר אָן. זײַט מיראַלע איז באַלאַבאָסטע און פרעגעלט אײַנגע־מאַכטס האָט זי נאָך אַזאַ אײַנגעמאַכטס נישט געפרעגעלט. בײַ פרײ־לײן טיני „ברענט ממש אַלצדינג אונטער די הענד". דאָס געקעכטס און דאָס געבעקס האָט אַלע טעמים. דערצו דאָס זױבערקײט, די רײַנ־ליכקײט אין דער קיך. מ׳קען זיך אין אַלעמען אָפּשפּיגלען.

מאַכט זיך מיראַלע, די גביר׳נטע, ניט װיסענדיג. זי האָט צײַט צו קלױבען. און — טיני דעם חוז׳ס האָט דוקא דערפון הנאה. אין דער קיך איז גאָר עפּעס אַנדערש װי אין געװעלב. די אברים אַרבײַטען. און דער קויש אויפ׳ן קאָפּ מיט די באַשטיקטע האָר־נאָדלען איז לאו־דוקא. װען קײַנער געפינט זיך ניט אין דער װאוינונג קען זי צולאָזען די האָר און צולאָזען איהר קול, איהר בחור׳שען טענאָר, אויף צו זינגען װי אַ פרײַער פויגעל.

*

נאָך ל"ג בעומר לאָזט מיראַלע אױסמאָלען די חדרים פון איהר דירה לכבוד שבועות. קומען צװײ צימער־מאָלער, אײַנער אַ יונגער בחור און דער צװײטער אַ עלטערער ייד. בײדע אָנגעטהון אין אַלטע, אָפּגעריסענע, פון קאַלך באַשפּריצטע מלבושים און מיט פאַרשמירטע היטלען אויפ׳ן קאָפּ. מוז פרײלײן טיני כסדר זײַן אַ פאַרשלאָסענע אין דער קיך. װען עס קומט איהר אַמאָל אױס נױטיג דורכצוגעהן די

שטוב, וואו זיי מאָלען, איז פאַר איהר ממש אַ אָפּקומעניש. דער יונגער בחור בלייבט שטעהן מיט דער באַרשט אין דער האַנד און בווערט איין זיין שאַרפען בליק אין איהר גאַנצען גוף. און דער אַלטיטשקער — האָט גאָר איינמאָל געהאַט די חוצפה איהר צו וועלען געבען אַ קניפּ אין דער באַק. פרייליין טיני האָט אפילו, אויס דער קיך, דערנאָך געהערט ווי דער יונגער בחור האָט דעם אַלטען מיט כעס אויסגעבעשטשעט: „אַוועק מיט די הענד! דרך־ארץ פאַר אַ בכבוד־יידיש מיידעל!“ אָבער דער אַלטער בעל־עבירה׳ניק קיהלט זיך ניט. אַזוי אָפט ווי איהר קומט אויס פאַרביי צו געהן, טשעפּעט ער זיך...

זיצט איינמאָל פרייליין טיני אין דער פאַרשלאָסענער קיך אַ שטילע, אַ שווייגענדיגע. הערט זי ווי די צוויי מאָלער, שטעהענדיג יעדער אויף דעם שפּיץ פון זיין לייטער, ביים מאָלען דעם סופיט, זינגען יעדער פאַר זיך יידישע לידער און חזנ׳ישע שטיקלעך; הערט זי פלוצים ווי דער יונגער בחור מיט זיין קול פון אַ טיפען באַס הויבט אָן צו זינגען ברוך שור׳ס

„וְעַל יְדֵי עֲבָדֶיךָ הַנְּבִיאִים כָּתוּב לֵאמֹר כֹּה אָמַר ה׳ זָכַרְתִּי לָךְ חֶסֶד נְעוּרַיִךְ אַהֲבַת כְּלוּלֹתָיִךְ...“

פאַרלירט פרייליין טיני איהר „גלייכגעוויכט“. אַרויס פון די כלים. און ווען ער האַלט ביים צווייטען „ונאמר“ פאַלט זי פלוצים אַריין מיט איהר בחור׳ישען טענאָר,

„הֲבֵן יַקִּיר לִי אֶפְרַיִם אִם יֶלֶד שַׁעֲשׁוּעִים... עַל כֵּן הָמוּ מֵעַי לוֹ רַחֵם אֲרַחֲמֶנּוּ...“

שפּרינגט דער יונגער בחור אַראָפּ פון זיין לייטער. לויפט ער צו צו דער טיר פון דער קיך. קוקט ער אַריין דורכ׳ן שליסעל־לאָך. זעהט ער דאָס פרייליין טיני שטעהן מיט צולאָזענע האָר און מיט אַ פאַרפלאַמט פנים ביים קיך־טיש, און זי וואָלגערט אַ בלאַט לאָקשען.

פרייליין טיני האָט געהערט דעם רעש ביים אַראָפּשפּרינגען פון דער לייטער, געהערט די טריט ביים דערנעהנטערן זיך צו דער קיך־טיר. געפיהלט אַז מ׳קוקט אַריין דורכ׳ן שליסעל־לאָך. זי ווייסט אפילו ווער. זי מאַכט זיך נישט זעהענדיג און נישט הערענדיג. אָבער זי דערשפירט אויך — דאָס ערשטע מאָל אין איהר לעבען — אַז ביים וואָלגערן די לאָקשען ציטערען ביי איהר די הענד.

אסתר׳ל דעם חזן׳ס אײַלט זיך דעם ערשטען טאָג שבועות צו געהן אין דעם „סטריער פּאַרק“. זי ווייסט אַלײַן ניט וואָס מיט איהר איז געשעהן. אין די לעצטע טעג איז פאַר איהר די קיך געוואָרען צו ענג, צו דושנע. ס׳ציהט זי צו פרײַער לופט, צו התבודדות אין דעם שאָטען פון בליהענדיגע בוימער.

קומט זי אין פּאַרק אַרײַן שוין צווי אַזייגער נאָכמיטאָג. אַרום און אַרום איז נאָך שטיל, רוהיג. די יום־טוב׳דיגע שפּאַציר־געהער כאַפּען נאָך דעמולט אין דער היים אַ דרימעל נאָכ׳ן עסען, נאָך דער שבועות׳דיגער מילכיגער סעודה. מ׳זעהט נאָר ערגעץ־וואו, אויף אַ באַנק, אונטער דעם שאָטען פון אַ בוים, אַ פּאָרעל זיצען און סוד׳ען זיך.

קלויבט אסתר׳ל פאַר זיך אויס אַ באַנק ווייט־ווייט, אין מיטען פּאַרק. זיצט זי פאַר׳מחשבה׳ט. און נישט אָפּצוגעבען זיך אַלײַן קײַן שום חשבון, זינגט זיך פון איהר אַרויס ברוך שור׳ס יום־כפור׳דיגע „עבודה“. זי הויבט אָן מיט אַ שטיל קול:

„חָל וּפָשַׁט בִּגְדֵי זָהָב וְיָרַד וְטָבַל... וְהֵבִיאוּ לוֹ בִּגְדֵי לָבָן...“

און דאָס קול צעגיסט זיך, ווערד ברייטער און ברייטער, טונקעלער און טונקעלער בײַ

„וְנִכְנַס לְמָקוֹם שֶׁנִּכְנַס וְעָמַד בִּמְקוֹם שֶׁעָמַד וְטוֹבֵל אֶצְבָּעוֹ עַל כָּל הַזָּיָה וְהַזָּיָה... וְהָזָה... אַחַת לְמַעְלָה וְשֶׁבַע לְמַטָּה...“

איז זי פּלוצים אַ פאַרציטערטע. פון הינטער זיך, פון הינטער אַ ווייטען בוים, דערהערט זי אַ קול פון אַ טיפען באַס:

„וְכָךְ הָיָה מוֹנֶה: אַחַת, אַחַת וְאַחַת, אַחַת וּשְׁתַּיִם, אַחַת וְשָׁלשׁ...“

און דאָס קול דערנעהנטערט און דערנעהנטערט זיך ביז דער זינגער שטעהט שוין בײַ „אחת ושבע“ פאַר איהר.

זי ווערט רויט ביז איבער די אויערען. דאָס איז דאָך דער יונגער צימער־מאָלער, כמעט ניט צו דערקענען. אַ בחור ווי אין פסוק שטעהט. ריין, זויבער, פאַרקעמט, אָנגעטהון יום־טוב׳דיג. און — ער שטעהט פאַר איהר מיט אַזאַ גרויס דרך־ארץ...

ג.

אזאַ גליקליך פּאָר פּאָלק ווי שלמה דער צימער־מאָלער און אסתר׳ל דעם חזן׳ס מעג מען אויספּאָהרען אַ האַלבע וועלט אויף צו געפינען. שוין באַלד צוויי יאָהר נאָך זייער חתונה, שוין ברוך השם פּאַרהאַנען אַ ייִנגאַלע פון אַ יאָהר — עס זאָל געזונד און שטאַרק זיין און מען זאָל עס מגדל זיין לתורה ולחופה ולמעשים טובים — און מען לעבט ווי נאָר וואָס אַפּיר געגאַנגען פון אונטער דער חופה.

נישט אַז זייער הימעל איז כסדר באַהאָנגען מיט פידאַלעך, נישט אַז זיי לעקען כסדר האָניג. דאָס לעבען פון אַ בעל־מלאכה איז שווער. אָפטמאָל גאָר ביטער. אָבער „ריינקייט ברענגט צו רוח הקודש״. די ריינע שטוב פון שלמה דעם צימער־מאָלער און אסתר׳ל דעם חזן׳ס איז אַ היכל פון נגינה, אָנגעפילט מיט שירה און זמרה, מיט לויבגעזאַנג און ליבגעזאַנג.

און דו זאָלסט ליב האָבען דיין משפחה
מיט דיין גאַנץ האַרץ, מיט דיין פולער נשמה
און מיט אַלע כחות וואָס דו פאַרמאָגסט.
און דו זאָלסט מיט איהר פרעהליך זיין
אויב דו זיצסט אין אַ גרויסען פּאַלאַץ און
אויב דו וואוינסט אין אַ קליין קעמערל.
ביי מעדני מלכים און ביי פאַרטריקענט ברויט מיט וואַסער״.

אין אַ פּשוט׳ען וואָכענדיגען טאָג קומט שלמה דער צימער־מאָלער אָוועגדס אַהיים פון דער אַרבייט. עסט ער אָפּ וועטשערע „וואָס גאָט האָט געגעבען״. זיצט אסתר׳ל, זיין ווייב, איהם אַקעגען מיט איהרע צולאָזענע לאַנגע שוואַרצע האָר. גלעט שלמה מיט זיין רעכטער האַנד איבער אסתר׳לס צולאָזענע האָר. און פון אסתר׳לס גרויסע ברוינע אויגען שפּריצען פונקען, און די קולות פון מאַן און ווייב צעגיסען זיך, ביז זיי גיסען זיך צונויף צו אַ אינבּרינסטיגער נגינה.

די שטיינער פון די ווענד און די כלים פון דער שטוב זאָגען שירה.

*

טרעפט זיך איינמאָל אַזאַ מעשה: ביי אַ פריץ אין דאָרף האָט שלמה זיך אָפּגעזאָמט אַריבער צוויי וואָכען. אויסגעמאָלען אַלע חדרים

פונ׳ם פריץ׳ס פאַלאַץ. ברוך השם שעהן פאַרדינט... קומט שלמה אַהיים אַ צופרידענער, אַ גליקליכער. זיצט ער ביים וויגאַלע פון זיין גראַד שלאָפענדיג בן יחיד׳ל און טאַפּעט זיך פאַר נחת אַריינקוקענדיג אין זיין ליכטיגער צורה. זיצט ביי זיין רעכטער זייט אסתר׳ל זיין ווייב מיט אירע צולאָזענע לאַנגע שוואַרצע האָר. גלעט ער און גלעט און גלעט מיט זיין רעכטער האַנד איבער די דאָזיגע צולאָזענע האָר. קערט אסתר׳ל אַוועק איהר קאָפּ. דרעהט ער באַלד אום מיט זיינע ביידע הענד איהר פנים צו זיך. קוקט ער איהר אַריין אין איהרע צוויי גרויסע ברוינע אויגען. איז ער אַ דערשראָקענער, דאָס פּייערל אין די דאָזיגע אויגען אַ גוסס׳דיגס. בלויז אַ ציטערנדיג-בלאַסער גלאַנץ... וואַרפט פלוצים אסתר׳ל איהר קאָפּ אויף זיין רעכטער אַקסעל. גראָבט זי דאָרט איין איהר פנים. ציטערן ביי איהר אַלע אברים און זי כליפּעט און זי וויינט... און זי גראָבעלט מיט ציטערנדיגע פינגער ביי די האָר פון איבער איהר שטערען. און — רייסט פלוצים אַראָפּ די גאַנצע פלאַכטע האָר און וואַרפט זי אַרויף אויף דעם קישען פונ׳ם קינד׳ס וויגאַלע.

אויף שלמה׳ס אַקסעל בלייבט ליגען אַ קורץ-אָפּגעשוירענער קאָפּ.

מיט שווערער מיה ברענגט שלמה פון איהר אַרויס די אויפקניפּונג פון דעם דאָזיגען פאַרפּלאָנטערניש:

דעם צווייטען טאָג נאָך שלמה׳ס אַוועקפאָהרען אין דאָרף אַריין, איז דאָס קינד, ניט היינט געדאַכט, איינגעפאַלען. קומט אַריין די שכנ׳טע, די אַלטע שיינדעל, באַטראַכט זי דאָס קינד און שאָקעלט רחמנות׳דיג מיט׳ן קאָפּ. וואַרפט זי באַלד אַ בליק אויף דער מאַמע פונ׳ם קינד און קרעכצט:

— „אַ שטראָף פון זיין ליבען נאָמען. די מאַמע אַזאַ כשר ווייבעל און טראָגט איינענע האָר“.

זיצט די מאַמע ביינאַכט ביים קינד׳ס וויגאַלע. דאָס גאַנצע גופ׳ל פונ׳ם קינד ברענט. אַ מורא׳דיגע היץ. איז די מאַמע אַ צו-בראָכענע. פאַרלוירען דעם גאַנצען כח פון איהר רצון.

זיצט ביי איהר די אַלטע שיינדעל, ברעכט זי די הענד און זיפצט ביטערליך:

— „נאָר זיין ליבער נאָמען קען העלפען. ער איז אַ רופא חולים".

בויגט די צובראָכענע מאַמע אָן איהר קאָפּ צו דער אַלטער שייַנדעל און וויינט:

— „איהר זייט אַ אַלטע פרומע יידענע, זייט'ס איהר מתפלל פאַר מיין אומשולדיג קינד. בעט'ס רחמים. זיין ליבער נאָמען וועט אָננעהמען אייַער תפלה".

נעהמט די אַלטע שייַנדעל אַרויס פון איהר בוזעם אַ גרויסע שער, און זי שערט און זי שערט די האָר פון דעם צו איהר אָנגעבויגענעם קאָפּ. און איהרע אַלטע אויגען בלישטשען, און איהר האַרץ טאַנצט פאַר גרויס חדוה. און זי רופט אויס האַפערדיג:

— „אַט זעהסטו, רבונו של עולם: דיין טרייַע טאָכטער, די יידישע מאַמע, איז מקריב די קרוין פון איהר קאָפּ אויף דיין מזבח. דו מוזט איהר קרבן אָננעהמען מיט וואוילגעפעלען און באַלד שיקען פאַר איהר קינד אַ רפואה שלימה!"

אסתר'ל דערצעהלט שלמה'ן כליפענדיג און וויינענדיג אַז נאָך דעם דאָזיגען געשעהניש האָט זי געלאָזט זיך מאַכען אַ גאַר קינצ־ליכען האָר־שייַטעל. כמעט נישט צו דערקענען. אָבער ווען ער האָט אָנגעהויבען צו גלעטען מיט זיין רעכטער האַנד דעם דאָזיגען האָר־שייַטעל האָט זיך איהר אויסגעדאַכט אַז אָט־אָט צושפּרינגט ביי איהר דאָס האַרץ. חוץ דעם וואָס זי פיהלט איצט נישט דאָס וואָס זי האָט פון תמיד אָן געפיהלט, איז עס עפּעס אַ משונה'דיגע זאַך. איהר מאַן גלעט די האָר פון ערגעץ אַ ווילד־פרעמדער שיקסע...

שלמה לאַכט. גלעטענדיג מיט בייַדע הענד איבער די קורצע האָר פון איהר אָפּגעשוירענעם קאָפּ, ווי איבער דעם קעפּעל פון אַ וויינענדיג קינד וואָס מ'וויל עס אייַננעהמען, הויבט ער אָן מיט זיין טיפען באַס: „כה אמר ה' זכרתי לך חסד נעוריך אהבת כלולותיך"... און אסתר'ל דעם חזן'ס הויבט אויף פאַמעלעך, פאַמעלעך, איהר קאָפּ פון זיין אַקסעל, און איהרע פאַרוויינטע אויגען פילען זיך אָן מיט גלאַנץ. און ווען ער האַלט ביים צווייטען „ונאמר" פאַלט זי אַריין מיט איהר ברייטען, טונקעלען, בחורישען טענאָר: „הבן יקיר לי אפרים אם ילד שעשועים... על כן המו מעי לו, רחם ארחמנו"...

III.

ווינער אויפצייכענישען.

א.

אני שלמה.

...די באַקאַנטע מעשה פון שלמה המלך מיט'ן אשמדאי איז אַ וודאי אַ חידושליכע:

זיצט אַ מלך אַ חכם יאָהרענלאַנג בכבוד אויף דער פון זיין טאַטע'ן גע'ירש'נטע, כסא־מלוכה. טהוט ער וואָס זיין האַרץ גלוסט און קיינער טשעפּעט איהם ניט. — פאַרגלוסט זיך איהם אָבער פּלוצים צו ווערען אַ אויבער־חכם. ס'לאָזט איהם ניט איינרוהען פאַרוואָס די תורה האָט פאַרבאָטען צו בויען דעם מזבח מיט אָפּגעטעסטעטע שטיינער. „וואָס איז? ס'טייטש שטיינער מוז מען דאָך אָפּטעסען מיט אַ שאַרפער האַק, און — „כי חרבך הנפת עליה ותחללה“, ווען דו הויבסט אויף אַ שטיין די שאַרפע האַק האָסט דו פאַר־שוועכט זיין קדושה! — וויל ער דוקא זיין אַ קלוגער שבקלוגער. דאַרויף קען ער דאָך אפילו פויגעל־לשון. איז איהם אַ ווילדער האָהן (אַזוי דערצעהלען אונזערע חכמים אין מסכת גיטין) מגלה דעם סוד אַז ס'געפינט זיך אַ „שמיר“, אַזאַ מין ווערימעל, וועלכעס טעסעט אָפּ מיט'ן פּיסקעל די האַרטעסטע שטיינער. נאָר וואָס דען? דער אַשמדאי, דער קעניג פון די שדים, טראָגט דעם דאָזיגען שמיר כסדר ביי זיך און היט איהם אָפּ ווי דאָס אויג אין קאָפּ. און אַצונד — איז דער ווילדער האָהן מוסיף — גיעה טשעפּע זיך מיט אַ פאַרשוין, וועלכער קיניגט איבער אַלע שדים און אַלע רוחות רעות... איין

פייף פון איהם און זיין גאנצע חבריא קומט אנצולויפען מיט זייערע היהנערישע פיסלעך און מאכען א תל פון די שטארקסטע חיילות.

ווערד שלמה המלך דורך די דיבורים פונ'ם ווילדען האהן נאך מעהר צורייצט. ער מוז גובר זיין דעם אשמדאי. און — געהט עס נישט מיט כלי זיין וועט ער איהם אריינגנארען אין זאק מיט זיין חכמה.

שיקט ער צו איהם זיינעם א שליח, א געקאוועט יונגעל מיט א מיניסטער-קעפיל. פארפיהרט דער דאזיגער שליח מיט'ן אשמדאי א קלוגען שמועס: „ער האט איהם מיטגעבראכט א טייערען רינג. א מתנה פון זיין מלך.“ גוידערט זיך דער אשמדאי. ער איז מלא גאוה וואס אזא גרויסער און קלוגער מלך שיקט איהם א מתנה. „דער מלך פון די מענשען בעט ביים מלך פון די שדים חבר'שאפט!“ לאזט ער זיך פון דעם שליח אנטהון דעם רינג. איז אבער דא אויף דעם רינג אויסגעקריצט דער „שם המפורש“ און דער אשמדאי פארלירט פלוצים זיין כח. ס'נעמט איהם אפ דאס לשון. ער קען אפילו ניט מעהר פייפען.

ברענגט דער שליח „מיט'ן מיניסטער-קעפיל“ דעם אשמדאי געשלאסען אין קייטען צו זיין מלך. — פרופט אפילו דער אשמדאי, אויפ'ן וועג, צו ריידען חכמות. ער וויל דעם דאזיגען שליח באווייזען אז ער איז ניט בלויז א חכם אבער גאר אויך א נביא. אבער דער שליח הערט איהם ווי א ים-קאטער און טהוט זיין שליחות בשלימות.

געבראכט דעם „פויגעל“ צום מלך, געהט דער שליח זיין וועג. בלייבט שלמה המלך מיט דעם אשמדאי אליין. ווערד ער מיט איהם „איין קנעפעל“. צוויי חכמים ריידען מיט אייגאנדער חכמות. איינער וויל דעם צווייטען באווייזען אז ער איז מעהר „פויגעלדיג“. באנא-רעשט זיך אבער איינמאל דער קלוגער שלמה המלך און לאזט זיך פונ'ם אשמדאי איבעררייידען ביי איהם אויף א רגע אראפצונעמען די קייטען. — באקומט דער אשמדאי ווידער זיין אמאליגען כח. כאפט ער אן שלמה המלך ביים קארג און גיבט מיט איהם א שליידער ווייט, וויט, אוועק „פיער הונדערט מייל אויף פיער הונדערט מייל“.

אין דער היים א מלך א חכם איז אין דער פרעמד א נאר. וועמען ער באגעגענט גיבט ער זיך פאר איהם א „שנעל אין קנעפעל“ און זאגט „אני שלמה!“ אבער — יעדער גלאצט אויף איהם אוים א

פֿאַר אויגען, טהוט אַ ציה מיט'ן אַקסעל, געהט ווייטער זיין וועג און לאָזט דעם „נאַרישען בעל־גאוה'ניק" שטעהן אָנגעבלאָזען.

אַפּילו צו זיינע אייגענע „סנהדרין", צו זיינע אייגענע מיניסטערס, שאַרט ער זיך איינמאָל צו און שרייט „אני שלמה!" אָבער — זיי דרעהען זיך אום מיט די אַקסעל און בטל'ן צו איהם אוים חלומות. זיי „דערקענען" איהם ניט מעהר:

— מיר האָבען געהאַט אַ מלך אַ קלוגען. אַ נאַר איז נישט אונזער קעניג... גאָט האָט געזאָגט „מזבח אדמה תעשה לי", מאַך מיר אַ מזבח פון פּראָסטע ערד. „ואם מזבח אבנים תעשה לי לא תבנה אתהן גזית", און ווען דו וועסט דוקא וועלען מיר מאַכען אַ מזבח פון שטיינער זאָלסט זיי ניט אָפּטעסען. פֿאַרשטעהט דאָך אַפּילו אַ קינד זיין רצון. ווייל אָבער איינער זיין אַ אויבער־חכם און צוליב אַ מלך'דיגען קאַפּריז לאָזט ער זיך אַריין אין אַ עסק מיט דעם קיניג פון די שדים, קען ער נישט אונזער מלך זיין.

*

אַ יאָ, די מעשה איז אַ חדוש'ליכע? איז אָבער נאָך פֿאַרהאַנען אַ גרעסערער חדוש:

אַ ערך פון טויזענד יאָהר שפּעטער זיצען צוויי חכמים, גרויסע אמוראים, איינער הייסט רב און דער צווייטער הייסט שמואל, און שמועסען איבער צווישען זיך דעם דאָזיגען עסק. זאָגט איינער „מלך והדיוט", דאָס מיינט אַז שלמה איז ביז אין זיין טויט געבליבען אַ פּראָסטאַק און דער צווייטער זאָגט „מלך והדיוט ומלך", דאָס מיינט אַז ער איז דערנאָך ווידער געוואָרען אַ מלך.

זיינען די ביידע אמוראים איבערהויפּט אַ אויסנאַהם צווישען אַלע זייערע חברים. זיינען, למשל, אַביי און רבא, איבער אַ ענין, אין אַ פֿאַרשידענער מיינונג, ווייסט מען אַז דאָס זאָגט אַביי און דאָס זאָגט רבא. ביי זיי אָבער, ביי רב און שמואל, ווייסט מען קיינמאָל נישט ווער ס'זאָגט דאָס און ווען ס'זאָגט אַנדערש. מיר ווייסען נאָר אַז „חד אמר", איינער זאָגט, „וחד אמר", און ווידער איינער זאָגט.

ס'איז אָבער ביי אונזער ענין קיינעם גאָר קיין נפקא מינה נישט. אָט זיצען צוויי קלוגע יידען און כאַפּען צווישען זיך אַ שמועס

איבער אַ אַמאָליגען געשעהעניש. זאָגט איינער אַז אַ מלך, וועלכער האָט זיך אַמאָל באַנאַרעשט און דורך זיין נאַרישקייט איז ער געוואָרען אַ הדיוט, אַ פּראָסטאַק, בלייבט אַ הדיוט ביז אין טויט אַריין. און דער צווייטער זאָגט אַז ס'איז לאו דוקא. ער קען ווידער ווערען אַ מלך. אַ מלך, וועלכער קען נאָך אַרומלויפען אין די גאַסען און שרייען „אני שלמה!“ געפונט נאָך גרעסערע הדיוטים פון זיך וואָס זאָלען איהם דוקא וועלען אָפּגעבען די פריהערע כסא.

*

און אויב מיר האַלטען שוין ביי חידושים איז נאָך פאַרהאַנען אַ גאָר גרויסער חידוש:

אפילו אַ אגדה, אַ אַזויגערופענע „לעגענדע“, חזר'ט זיך אָפּט־מאָל איבער אין דער היסטאָריע — יעדעסמאָל אויף אַ אַנדערן אופן.

אָט איז דער „אויבער־חכם“, דער לעצטער קיסר פון עסטרייך־אונגאַרן, באַגאַנגען אַ נאַרישקייט: אין דער בהלה, תיכף נאָך דער וועלט־מלחמה, האָט ער אַליין דעם אַלטען אשמדאי, די צונויפגע־בונדענע פריהערע מדינות, אויפגעבונדען די קייטען. אָפּגעלאָזט דעם אשמדאי פון די קייטען איז די בהלה נאָך שטאַרקער געוואָרען און — ס'האָט מיט איהם אַ וואָרף געטהון איבער אַלע גרעניצען ביז אַ קליינעם אָרט אין דער שווייץ.

האָט דער דאָזיגער, זיך אַליין באַנאַרעשענדיגער אויבער־חכם, ניט אויפגעהערט צו שרייען „אני שלמה“. איז ער צוויי יאָהר שפּעטער, פּסח־צייט, געקומען פלוצים צו לויפען ענדעם־פענדעם קיין שטיינע־מאַנגער און געלאָזט „מכריז ומודיע“ זיין דעם עולם אַז ער וויל צוריק די אַמאָליגע כסא. האָט אָבער דער עולם זיך ניט צוגעאיילט. אפילו געשוינט זיין כבוד, אפילו איהם „געגלעט הינטער'ן בערדיל“ אָבער דערביי געבעטען אַז — ער זאָל דערווייל „צוריק אין זיין רוה אַריין“ און „ווען מ'וועט איהם באַדאַרפען וועט מען איהם שוין רופען“...

קען ער אָבער נישט איינרוהען. קומט ער סוכות־צייט פלוצים צו פליהען מיט אַ לופט־באַלאָן קיין עדענבורג. האָט ער דאָסמאָל שוין מיט זיך מיטגענומען זיין פלונית'טע, די קייסערכע. — וואָס

איז? „אני שלמה!" „אָט האָט איהר מיך און אָט האָט איהר זי, מיין פּלונית'טע. מיר דאַרפֿען זיך נאָר אַרויפֿזעצען אויף דער כסא און מיר וועלען ווידער קיניגען!"

ווערד אָבער דער עולם שוין אַביסעל אין כעס. מ'זאָגט „לא מיט אַ ספּאָדיק!" „אַ עקשן איז ערגער פון אַ משומד!" — האָט מען איהם און זי, ביידע מיט אייננאַנדער, געננומען אין דער „שביה", אַרייגעזעצט אין אַ קלויסטער, און דערנאָך מיט זיי אַ שליידער געגעבען „פיער הונדערט מייל אויף פיער הונדערט מייל", ערגיץ ווייט, ווייט, אויף אַ אינזעל מיט'ן נאָמען מאַדיירא.

זיינען פאַרהאַנען מענשען, וועלכע זאָגען אַז נישט ביידע, דער געוועזענער מלך און די געוועזענע מלכה, זיינען גלייך אין זייער עקשנות. מ'זאָגט גאָר אַז צווישען זיי ביידע איז דיזעלבע פּלוגתא פון רב און שמואל. איינער זאָגט „מלך והדיוט" און איינער זאָגט „מלך והדיוט ומלך". מ'ווייסט נאָר נישט אויף קלאָהר ווער ס'זאָגט דאָס און ווער ס'זאָגט דאָס.

און — אפשר זיינען זיי דאָך געוועזען ביידע גלייכע נאַראָנים. נישט אַזוי מיר־ניט־דיר־ניט קען מען אַ געוועזענעם מלך און אַ געוועזענער מלכה אַרויסשלאָגען פון'ם קאָפּ דעם „אני שלמה"...

ב.

ווינער ראָטשילד'ס און — קאָלאָמייער טליתים אַרבייטער.

...אין קאָלאָמיי, אין דער באַקאַנטער גאַליציאַנער שטאָט, פון אַ ערך דרייסיג טויזענד נפשות, מיט אַ רוב יידען, פראָסטע יידען פון'ם אַלטען דור, ווערד אַ יידיש בחור'ל אין'ם יאָהר 1876 אַ באַוויבטער. עסט ער ביי אייגענע טאַטע־מאַמע און ביי שוועהר און שוויגער עטליכע יאָהר „קעסט". ווערד ער אַ מטופל מיט קינדער־לעך און ס'וואַקסט שוין ביי איהם אויס אַ געלע לאַנגע באָרד. זוכט ער פאַר זיך און פאַר זיין בני בית אַ אייגענע פרנסה. פאַלט ער אין דעם יאָהר 1883 אויף אַ המצאה. באַציהט ער פון דייטשלאַנד וועב־שטוהלען. ברענגט ער פון דאָרט אַ אויסגעלערנטען וועבער, אויף

אַ צייט פֿון עטליכע חדשים, ביז ער וועט האָבן אויסגעלערנט מחוסר־פּרנסה׳דיגע יידען די מלאכה פֿון וועבעריי, ביז — מ׳וועט דעם דייטש נישט מעהר באַדאַרפֿען.

וועבט מען טליתים. פֿאַרגרעסערט זיך פֿון יאָהר צו יאָהר די טליתים־וועבעריי. ווערד זי שוין אָנגערופֿען „טליתים־פֿאַבריק״. און דער בעל הבית פֿון דער וועבעריי ווערד שוין אָנגערופֿען „דער פֿאַבריקאַנט״.

איז דער פֿאַבריקאַנט מיט דער געלער באָרד אַ בכבוד׳ער תמימות׳דיגער ייד. אַ באָיאַנער חסיד מיט אַביסעל תורה און אַ סך יראת שמים. און זיינע אַרבייטער זיינען על פּי רוב חסידישע יידען. אַ טייל פֿון זיי גאָר עלטערע געוועזענע מלמדים, בני תורה.

לעבט זיך עס יאָהרען לאַנג אין דער טליתים־פֿאַבריק יידיש־בכבוד׳דיג. מאַכט מען אין אַ ווינטערדיגען פֿאַרנאַכט אַ הפסקה, אויף צו דאַווענען מנחה און מעריב, דאַווענט אָפטמאָל דער פֿאַבריקאַנט אַליין פֿאַר׳ן עמוד, און זיינע אַרבייטער שעפּען נחת פֿון זייער פֿאַבריקאַנט׳ס יראת שמים׳דיגע העוויות. — פֿאַרגלוסט זיך אַמאָל איינעם פֿון די אַרבייטער צו זאָגען אַ דבר תורה, אָדער צו דער־צעהלען אַ חסידישע מעשה איז דער פֿאַבריקאַנט ניט מקפּיד אויף אַביסעל ביטול פֿון דער מלאכה. אַדרבה. ער שטעלט אַליין אויף די אויערן און הערט זיך צו מיט גרויס כוונה. נאָך מעהר. אין אַ יומא דפּגרא, ווען ס׳איז דעם אַלטען רבי׳ס יאָהרצייט, לאָזט דער פֿאַבריקאַנט, אויף נאָך מעריב, ברענגען בראָנפֿען מיט לעקעך, טרינקט ער מיט דעם עולם־אַרבייטער ברידערלעך „לחיים״ און דער־צעהלט דאַבּיי אַליין אַ וואונדערליכע מעשה פֿונ׳ם אַלטען זכרונו לברכה.

פֿיהרט זיך אויף דער בעל־הבית מיט זיינע אַרבייטער, און זיי מיט איהם, אויך חוץ דער אַרבייטסצייט גאַנץ יידישלעך:

פּורים צו דער סעודה פֿאַרשטעלען זיך די אַרבייטער. זיי פֿאַר־בויגען זיך די פּאות הינטער די אויערן. זיי פֿאַרקאַטשען די פּאָלעס פֿון די קאַפּטאַנעס, צוגעבונדען פֿון הינטען מיט די גאַרטעל, ביז צו די קניע. און — אַזוי פֿאַרשטעלט פֿאַר „דייטשען״ קומט די גאַנצע חברה צום „פֿאַבריקאַנט״ אַהיים. — פֿאַרקרומען זיי די פּיסקעס

אויף צו ריידען מיט געשוואָלענע ליפּען „הויכדייטשמעריש". לאַכט דער פאַבריקאַנט, לאַכט דעם פאַבריקאַנטס ווייב, און דעם פאַבריקאַנטס קינדערלעך קאַטשען זיך ממש פאַר געלעכטער. ווערד אין שטוב פורים׳דיג־פרעהליך. עסט מען און טרונקט מען. זינגט מען „שושנת יעקב" און — מ׳כאַפּט טאַקע ליהודים׳דיג מיט׳ן בעל הבית אַ חסידיש טענצעל.

און שמיני עצרת אויף דערנאַכט געהט עס צו גאַר פרייליך. די טליתים־וועבער פאַרזאַמלען זיך ביי זייער פאַבריקאַנט. שלינגט מען, בלאָזענדיג מיט די ליפּען און אָפּבריענדיג זיך די צונג, הייסע האָלאָפּציעס. טרינקט מען משקה „אויף וואָס די וועלט שטעהט און אויף וואָס די וועלט שטעהט נישט". און — אַזוי בגלופין׳דיג פּיהרען זיי, די אַרבייטער, דעם בעל הבית, זייער פאַבריקאַנט, מיט פלאַקערדיגע שטורקאַצען אין די הענד, זינגענדיג און האָפּקענדיג איבער די גאַסען, אין זיין קלויז אַריין צו די הקפות.

*

שטעהט און שטעהט דער יידישער טליתים־אַרבייטער יאָהרען־לאַנג, טאָג־איין, טאָג־אויס, תמימות׳דיג ביי זיין וועב־שטוהל. וועבט ער מיט די הענד טליתים, טליתים־קטנים און טליתים־גדולים. און זיין מוח וועבט ביי איהם אַליין אייגענע מחשבות: מחשבות־קליינע און מחשבות־גרויסע: די פּרנסה איז בצמצום. אפילו זעהר בצמצום. אָבער געלויבט איז השם יתברך דערפאַר. פאַרט אַ איידעלע מלאכה. ער איז אַ טלית־וועבער — ניט קיין שוסטער און ניט קיין שניידער, ניט קיין סטאָליער און ניט קיין קאָוואַל...

בייטען זיך אָבער די צייטען. קומען אָנצופליהען פון וויט, וויט, נייע פעגעל, און — מיט זיי אַ ניי זינגעכטס.

גראָד ערשט ניט־לאַנג האָט די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אויך אין עסטרייך געקענט „אויפהויבען דעם קאָפּ". צופיהרט זיך די הענד. געזאַמעלט אַרום זיך איהרע, ביז־דעמולט אין פאַרשידענע פּאַרטיי־לאַגערן אַרומבלאָנדזענדיגע, חברים. און צוגערייט פאַר זיי דאָס פּראָגראַם פון אָרגאַניזאַציע, וואָס אין אַנדערע לענדער איז עס שוין לאַנג אויסגעאַרבייט געוואָרען.

אַרבײַט די דאָזיגע פּאַרטײַ „אויף קעסעל און אויף כלים“.

כאַפּט זיך אַרײַן דער סאָציאַליזם אויך אין דער קאָלאָמייער טליתים-וועבערײַ:

אַ יונגערמאַן, אַ האַלבער אינטעליגענט, אַ אָנגעברענטער, מיט פּליי אין דער נאָז, איז דער ממלא מקומו פון אַ עלטערען נפטר-געוואָרענעם חבר. ווערד דער יונגערמאַן באַלד דער גאַנצער כל-ולך צווישען זיינע חברים. מ׳שמונצעלט אפילו אין דער התחלה חוזק׳דיג. מ׳רופט איהם אָן דער „טליתים-פילאָזאָף“. פונדעסטוועגען הערט מען זיך צו צו זיינע רייד. ער דערצעהלט אַז אין וויען איז פאַרהאַנען אַ חברה פון אַרבייטער-פאַרזאָרגערס, און ווען מ׳שרייבט זיך צו איהר צו, פועל׳ן זיי אַלצדינג פאַר זייערע חברה-לייט.

זיי פועל׳ן: 1) אַ הוספה אויף דעם שכירות. 2) נישט מעהר פון 8 שעה אין טאָג אַרבייט. 3) צו באַקומען אויסגעצאָהלט דאָס גאַנצע שכירות אפילו אין דער צייט וואָס אַ אַרבייטער איז חלילה „איינגעפאַלען“ און קען נישט קומען צו דער אַרבייט. און 4) פאַר׳עקשנ׳ט זיך דער בעל הבית נישט אָנצונעמען דעם פאַרלאַנג פון זיינע אַרבייטער, אַזוי הערען אויף אַלע אַרבייטער אין איין שעה צו טהון זייער מלאכה. און — באַקומען פון דער חברה אין וויען אויסגעצאָהלט זייער שכירות אַזוי לאַנג ביז דער בעל הבית מוז זיי נאָכגעבען.

געפינט זיך אין דער טליתים-וועבעריי אַ הויכער, מאָגערער ייד, מיט אַ לאַנג פנים און מיט אַ געדיכטער שוואַרצער באָרד, אַ ייד וועלכער שטעהט כמעט דעם גאַנצען ליבען טאָג ביי זיין וועבשטוהל אַ פאַרכמאָרעטער, די געדיכטע שוואַרצע ברעמען אַראָפּגעלאָזט און די ליפּען ווי כסדר פאַרביסען. דערהערט דער דאָזיגער ייד די דאָזיגע דיבורים, ווערד ער פייער און פלאַם. בליצען ביי איהם זיינע צוויי גרויסע שוואַרצע אויגען. עפנען זיך ביי איהם די ליפּען. איז ער מסביר זיינע חברים דעם ענין אויף זיין אייגענעם קאָסאָווער-חסידישען נוסח. רופט ער זיי צונויף דעמזעלבען אָבענד צו אַ אסיפה אין דעם שאַראַגראַדער שוהל׳כעל. זעצט זיך אָן אויף זיין פּנים אַ געדיכטע שוואַרצע כמאַרע. עפענט ער מיט פאַרביסענע ליפּען

דעם „ארון־קודש“. איז ער דער ערשטער, און נאָך איהם אַלע זיינע חברים, צו שווערען ביי אַ ספר תורה, זיך צו האַלטען אַלע אינאײַנעם, „צו געהן אַלע פאַר אײַנעם און אײַנער פאַר אַלע“.

און — אין אַ הייסען זומער־טאָג פונ׳ם יאָהר 1892 ווישען זיך אָפּ פּלוצים אַלע טליתים־וועבער, מיט׳ן רעכטען אַרבעל, דעם שוויים פונ׳ם שטערען. כאַפּען זיי אויף זיך די קאַפּטאַנעס און די קאַפּעלושען. און — מיט די שטעקענס אין דער האַנד פאַרלאָזען אַלע אינאײַנעם די וועבערײַ.

*

כאַפּען אויף זיך אין קאָלאָמײַ די טליתים־וועבער זייערע קאַפּ־טאַנעס און קאַפּעלושען — געהט וויען אויף רעדער: „אויסגעבראָכען אַ שטרײַק אין דער קאָלאָמײַער טליתים־פאַבריק!“ „דער סאָציאַליס־טישער געדאַנק אַרײַנגעדרונגען אין דער יידישער גאַס פון דעם ווייטען מזרח!“

צולעגען די סאָציאַליסטען דעם דאָזיגען עסק אויף שיסעל און אויף טעלער. שפּרייטען זיי איהם אויס אין דער לענג און אין דער ברייט. פאָטאָגראַפירען זיי אָפּ די אַרבײַטער מיט די באָרד און פאות, מיט די איבער די הויזען אַראָפּהענגענדיגע טלית־קטן׳ס, אַזוי ווי זיי, די „נעבעכליך“, שטעהן פאַרמאַטערט ביי די וועבשטוהלען. פאַר־קרומען זיי דעם פּרצוף פון דעם ייד, דעם טליתים־פאַבריקאַנט מיט דער געלער באָרד, צו אַ געשטאַלט פון אַ פּיאָווקע. ווערען פון זיי די דאָזיגע בילדער אויסגעהאַנגען אין די ווינער גאַסען און פונ־אײַנאַנדערגעשיקט אין אַלע זײַערע חברות אין פאַרשידענע מדינות.

טהון זיי נאָך אָפּ אַ קונדס־שטופּשקאַלע:

אין וויען רייסען זיך דעמולט צוויי יונגע פּאַרטײַען, די חובבי־ציון־פּאַרטײַ און די נאַר־וואָס אין עסטרייך אויפגעריכטע סאָציאַליס־טישע פּאַרטײַ, ביי די נעז. יעדע פּאַרטײַ וויל פאַר זיך באַקומען די אײַנציגע שליטה אויף דער יידישער גאַס. שטעהן זיי אַקעגען אײַנ־אַנדער ווי די אָנגע׳ברוגז׳טע העהנער. געפונט איצט דער סאָציאַ־ליסטישער האָהן די בעסטע געלעגענהײַט צו געבען אַ פּיק מיט זיין פאַרהאַרטעוועט פּיסקעל דעם חובבי־ציון־האָהן אין דער סאַמע מיטען

פון זיין שטערן. מאָלט ער אויף אויף דעם פאַרקרומטען פּרצוף פון דעם קאָלאָמייער טליתים־פאַבריקאַנט אַ גרויסען „מגן דוד“. — דאָס האָט געדאַרפט הייסען: אָט דאָס איז אַ ציוניסט!

*

געטראָפען! דעם חובבי־ציון־האָהן „געהט בלוט פון דער נאָז...“

איז דאָקטאָר נתן בירנבוים אין וויען דער רעדאַקטאָר פון אַ דייטשער ציוניסטישער וואָכענשריפט מיט׳ן טיטעל „זעלבסטעמאַנציפּאַציע“ און איך בין אין קאָלאָמיי דער רעדאַקטאָר פון אַ העברעאישער צווייוואָכענשריפט מיט׳ן טיטעל „העם“. דרוקט בירנבוים אָפּ אין זיין ציישונג (נומ. 17 פונ׳ם יאָהר 1892) אַ אָפענעם בריף צו מיר... ג׳לעט ער מיך „אונטער דעם גוידערל“. לויבט ער מיך אין טאָג אַריין. און סוף כל סוף לאָזט ער אויס מיט אַ מורא׳דיגען „ויצעקו“:

— ס׳טייטש! פאַרוואָס איך האָב צוגעלאָזט אַז די טליתים־אַרבייטער זאָלען אַריינפאַלען אין סאָציאַליסטישע הענד און זיי ניט פריהער פאַרכאַפּט צום ציוניזם!!!

פאַרשטעהט זיך ממילא אַז ווען דער רעדאַקטאָר אין וויען פרעגט ביי מיר אין זיין ציישונג מוז איך, דער רעדאַקטאָר אין קאָלאָמיי, איהם געבען אַ תשובה אין מיין ציישונג. בין איך, דעם אמת געזאָגט, אין אַ נישט־קליינער פאַרלעגענהייט. ווען איך זאָל זיין מיט טויזענד קעפּ וואָלט איך פאַר אַ ווינער נישט געקענט מסביר זיין וואָס דאָס באַטייט אַ קאָלאָמייער „פאַבריקאַנט“ און וואָס דאָס באַטייט „חסידישע סאָציאַליסטען“. ענפער איך בקיצור:

— אונזערע סאָציאַליסטען האָבען ניט אויפגעהערט צו זאָגען דריי מאָל אין טאָג אין דער שמונה עשרה „ותחזינה עינינו בשובך לציון“ און ביי ברכת המזון „ובנה ירושלים“. ס׳זענען פאַרהאַנען צווישען זיי אפילו אַזעלכע, וועלכע ריכטען אָפּ „חצות“. דער סאָציאַליזם האָט נישט אָנגערירט זייער יידישקייט אפילו אויף אַ האָר. אָבער פאַר זייער אַרבייט ווילען זיי פאַר זיך און פאַר זייערע ווייב און קינדער ניט בלויז אַ טרוקען שטיקעל ברויט, נייערט אויך אַביסעל פוטער דערצו... בלויז פון זייער ליבשאַפט צו ציון און

ירושלים קענען זיי דערוויל ניט מאַכען אפילו אַ פּאָר שיכלעך פאַר זייערס אַ קינד... אויב מיר ווילען פאַר זיי עפּעס ממשות'דיגס טהון, איז פאַרהאַנען נאָר איין עצה: מיר זאַמלען פאַר זיי אָן אַ סכום געלד אויף צו מאַכען אַ טליתים־פאַבריק, וואו זיי זאָלען אַלע בשותּפות'דיג אַרבייטען און זיך טיילען „חלק כחלק" מיט דעם געווינס פון זייער אַרבייט.

ביים אָנשרייבען די לעצטע עטליכע שורות האָב איך ניט געדאַכט אָן פערדינאַנד לאַסאַל און ניט אָן קאַרל מאַרקס. איך האָב מיך בלויז דערמאָהנט אָן אַ העברעאישען שיר פון שמואל דוד לוצאטו מיט'ן טיטעל „חלק כחלק יאכלו". חוץ דעם מוז איך זאָגען דעם אמת אַז דאָס אָנשרייבעכטס פון די לעצטע עטליכע שורות איז געווען סתם אַזוי. אַ קלוגער ייד דאַרף תמיד זיין אָנגעגרייט מיט אַ קלוגער עצה. דאַכט זיך אַז איך האָב אויף אַ רגע ניט געקענט גלויבען אַז די ווינער חובבי ציון וועלען זיך גאָר מיין עצה נעהמען אין זינען. חוץ דעם וואָס דאָס איז גאָר ניט שייך צו זייער פּראָגראַם זענען זיי, במחילה, אַליין אָרימע לייט און זייער השפּעה איז נאָך אַסך ווייניגער פון ווינציג.

אָבער, הערט אַ חידוש! געוואָרפען ביז וויען אַ אין־לשון־הקודש־אָנגעשריבענע „באַמבע" און — געפּלאַצט, דאָס מיינט אויסגעשאָסען, האָט זי גאָר אין קאָלאָמיי.

אין קאָלאָמיי איז קיין שום ספק נישט אַז די ווינער יידען זענען גרויסע „בעלנים" אויף אַזעלכע זאַכען... אין וויען זענען דאָך פאַרהאַנען ראָטשילד'ס. מ'דאַרף זיי נאָר געבען אַ קלוגע עצה און — זיי פאָלגען באַלד.

איז געווען דער ערשטער דער „פאַבריקאַנט" מיט דער לאַנגער געלער באָרד, וועלכער איז געקומען צו מיר מיט אַ טענה, פאַרוואָס איך וויל איהם מקפּח פּרנסה זיין":

— מילא די ווינער „גוים" ווייסען נישט. אָבער איהר, אַ היימישער ייד, ווייסט דאָך אַז איך האָב פון מיין ווערבעריי קיין גרויס עשירות ניט געמאַכט. אייך מעג איך מוסר זיין אַ סוד: מיט מיין עלטער מיידעל האָב איך נאָך פאַר אַ יאָהרען אַ שידוך געטהון.

נישט צוגעזאָגט קיין גרויסען נדן. דער זמן החתונה איז געווען אַריינ־געשריבען אין די „תנאים" אויף שבת נאָך שבועות. אָבער איך האָב געמוזט אַרויסזוכען תירוצים אויף צו פאַרלעגען דעם זמן החתונה אויף שפּעטער. איך זאָג אייך אָבער אַז דער אמת'ער טעם איז פּשוט, ווייל ס'איז מיר שווער דעם נדן מסלק צו זיין. און איך ווייס אַז מיין מחותן איז אַ „האַרטער" ייד. ער וועט ניט נאָכלאָזען אַ פּרוטה.

אויסהערענדיג די דאָזיגע דיבורים האָלט איך זיך איין מיט אַלע כחות אפילו ניט אַ שמייכעל צו טהון. אַדרבה. איך בין שטאַרק צופרידען פון דעם וואָס ער מיינט אַז אָט אָט מאַכען די וויענער פאַר די קאָלאָמייער אַרבייטער אַ אייגענע טליתים־וועבעריי. מאַך איך גאָר אַ ערנסט פּנים און זאָג:

—איך גלויב אייך אַז ס'איז דערוויל פאַר אייך צו שווער אייער מיידעל חתונה צו מאַכען. אָבער מיר דאַכט זיך אַז די מצוה פון הכנסת כלה זענען אייערע אַרבייטער דערוויל ניט מחויב מקיים צו זיין. ביי זיי איז די ערשטע מצוה מפרנס צו זיין זייערע ווייבער און קינדער... איהר וועט דאָך מודה זיין אַז פון דער טליתים־וועבעריי עסען איהר און אייער בני בית אַ גוטען אָנבייסען און אַ גוטע וועטשערע. און דאָס ווילען אייערע אַרבייטער אויך פאַר זיך און פאַר זייער בני בית... איהר דאַרפט אויך אַ רגע ניט פאַרגעסען אַז איהר אָן די אַרבייטער קענט אייער טליתים־וועבעריי נישט פיהרען. נישט איין טלית קען ביי אייך אָהן זיי פאַרטיג ווערען. אָבער זיי אָהן אייך, ווען מ'וועט זיי נור געבען דעם נויטיגען סכום געלד, קע־נען און קענען...

ביי מיינע רייד איז דער פאַבריקאַנט ווייך געוואָרען ווי אַ טייג: „מיר גיבט ער איבער אַ כח הרשאה אויף משווה צו זיין איהם מיט זיינע אַרבייטער".

אָבער — גראָד ביי זיי, ביי די אַרבייטער, איז עס מיר נישט אַזוי גרינג אָנגעקומען. זיי, די אַרבייטער, איז מיין „אָנגעשריבענע עצה" אַריין אין דער נאָז אַריין. זיי האָבען תמימות'דיג גע־גלויבט דאָסזעלבע וואָס זייער פאַבריקאַנט.

איך האָב מיט שווערער מיה געפועל'ט אַז זיי זאָלען דערוייל געהן צו דער אַרבייט. ביז... יאָ.. ביז — די וויענער ראָטשילד'ס וועלען פאַר זיי מאַכען אַ אייגענע טליתים=וועבעריי.

ג.

אויסגעניכטערט.

(אַ פורים־בלעטעל.)

...אַ גאַנץ יאָהר איז אונזער פאַרשווין אויך ניט קיין נזיר. אַ אַלט=געזעסענער ווינער ייד, נאָך פון היבשע עטליכע יאָהר פאַר דער וועלט=מלחמה, אַ ייד אַ קאַי=סוחר, אַ פאַרפונדעוועטער נגיד — כאַפּט ער אויף זיך אַמאָל, נאָך אַ מיטאָג=סעודה, אין אַ פשוט'ן וואָכענדיגען טאָג, אַ גלעזעל ווייַן. און אַמאָל נאָך איינס. און דרימעלט איין ביים טיש זיצענדיג. — ס'טרעפט זיך אפילו אַמאָל ביי איהם אַז ער כאַפּט זיך אַריין, אין אַ פאַרנאַכט, אין דעם ווינער ראָטהויז=קעלער. זיצט ער אָפּ שווייגענדיג גאַנצע שעה'ן. זופּט ער ביסלעכווייז מיט גרויס כונה פונ'ם גלעזעל. בלייבט דאָס גלעזעל לעריג נעמט עס דער קעלנער, ניט פרעגענדיג, ביי איהם אַוועק און ברענגט עס באַלד צוריק אָנ־פילט. און אַזוי איז דאָס „חוזר חלילה", וואָס מיינט ס'חוזר'ט זיך איבער, ביז ער קעהרט ניט איבער דאָס גלעזעל מיט'ן דנאָ אַרויף — פונ־דעסטוועגען האַלט זיך אונזער פאַרשווין אויף די פיס. ער ווערד אַפילו אַביסעל „געהויבען". ער שלאָפט ביינאַכט געשמאַקער. אָבער שכור — חס וחלילה!

זיינען שוין ביי אונזער פאַרשווין, אין די יאָהרען פאַר דער וועלט=מלחמה, אַלע יידישע ימים טובים כמעט בטל געוואָרען. — אין דער התחלה האָט ער זיך „געשעהמט" פאַר די גוי'אישע שכנים. שפּעטער האָט ער זיך שוין „געשעהמט" פאַר די א י י ג ע נ ע ק י נ־ד ע ר. — נאָר צו פורים האָט ער תמיד געהאַט אַ מורא'דיג בענ־קעניש. אין דעם טאָג פון פורים האָבען זיך ביי איהם דערוועקט אַלע קינדערישע זכרונות פון זיין היים...

באַגעגענט ער זיך אין דער מלחמה־צייט, גראָד עטליכע טעג פאַר פורים, מיט זיינעם אַ לאַנדסמאַן, מיט אַ חבר וואָס האָט מיט איהם געלערנט אין איין חדר. בעט ער זיך, ווילענדיג ניט־ווילענדיג, ביי איהם אַליין אַז ער זאָל איהם רופען צו דער פורים־סעודה.

איז עס אַ חדוש'ליכע זאַך. דאַכט זיך אַז אפילו ביים טרינקען איז אויך אַ גרויסער חלוק צווישען טרינקען ביחידות און טרונקען בצבור: זיצענדיג ביים טיש אין דער סביבה פון זיינע לאַנדסלייט, צווישען אַ עדה פון בכבוד'ע יידען, ווערד אונזער פאַרשוין באַלד נאָכ'ן צווייטען גלעזעל אפילו ניט שכור אָבער אַ גאַנץ היבש ביסעל מבוסם. די אויגען גלאַנצען ביי איהם... און ער דרימעלט ניט. אדרבה. ער ווערד גאָר לעבעדיג. חי וקים...

זיצט ביים טיש אַ עלטערער ייד — אויך איינער פון די לאַנדסלייט — אַ ייד אַ למדן, אַ ייד וואָס אונזער פאַרשוין האָט אין זיין יוגענד פאַר איהם גרויס דרך ארץ געהאַט. ווערד דער דאָזיגער ייד אַביסעל „ליהודים'דיג". זינגט ער „שושנת יעקב צהלה ושמחה". פאַרגלעזט ער נאָך יעדען פסוק די אויגען. שנעלט ער דערביי צו מיט'ן גראָבען און מיטעלסטען פינגער, און קנאַקט מיט דער צונג: „מי כעמך ישראל!!!"

דערמאָהנט זיך אונזער פאַרשוין אַז דער דאָזיגער פסוק „מי כעמך ישראל" איז די אָנגעשריבענע פרשה אין קודשא־בריך־הוא'ס תפלין; אַז כביכול זאָגט צו זיין פאָלק ישראל: „אתם עשיתוני חטיבה אחת בעולם ואני אעשה אתכם חטיבה אחת בעולם" וואָס מיינט „איהר האָט מיך געמאַכט פאַר אַ איין־איינציג צאַצקאַלע אין דער וועלט און איך וועל אייך מאַכען פאַר אַ איין־איינציג צאַצקאַלע אין דער וועלט".

קוועלט דער אַלטער ייד גאָר אָן פון אונזער פאַרשוין. און ער זאָגט:

— אָט זעהט איהר! ווען מ'זאָל געוועז זאָגען צו איינער פון די אַנדערע אומות העולם „אין דעם און אין דעם טאָג פונ'ם יאָהר זענט איהר מחויב זיך אַזוי אָנצוי'שכור'ן ביז איהר זאָלט פלאָנטערן מיט דער צונג: „ווער מיר המן און וואָס מיר מרדכי, וואָס מיר אָרור און ווער מיר ברוך" וואָלט מען דעם צווייטען טאָג געפונען הרוגים

אין יעדער גאַס און אין יעדען ווינקאַלע. מ'וואָלט געפונען טעכטער דער'הרג'ט פון די מאַמעס, און טאַטעס גע'ממית'ט פון די זוהן. אָבער מיר יידען — געהן פורים ביינאַכט אָנגע'שכור'טערהייט קלאַפּען מיט די פינגער אין די פענסטער פון אונזערע שכנים כדי זיי צו דערמאָהנען אויב זיי האָבען ניט פאַרגעסען צו דאַוועגען מעריב.

אונזער פּאַרשוין פיהלט זיך גאַר בגלופין'דיג וואָס דער אַלטער קוועלט פון איהם אַזוי אָן. וויל ער ביי איהם נאָך מעהר נושא חן זיין. דערמאָהנט ער אַז „אפילו אונזערע „אויסגעלעדיגטע" זיינען פול מיט מצוות ווי אַ מילגרוים, אַזוי ווי אין פסוק שטעהט: כפלח הרמון רקתך".

הער איך מיך צו צו די גלאַטע ריידאַלעך פון אונזער פאַרשוין, און — ס'בייסט מיך שוין דער האָבער. ס'דערוועקט זיך ביי מיר אַ געלוסטיגקייט אָפּצושאַצען די יידישע קישקע פון אונזער פאַרשוינס חברים, פון די ווינער אויסגעלעדיגטע, אָפּצו־וועגען וויפיל קאַראַט זייערע „מילגרוים־מצוות" האָבען. דערצייל איך מיט אַ תמימות־פּנים צוויי אמת'ע מעשיות פון ווינער אַלטגעזעסענע יידישע אויסגעלע־דיגטע:

א) אַ ייד, געבוירען און אויפגעצויגען אין דער יידיש־מעהרישער קהלה וואָס רופט זיך לייפּניק, געלערנט בחור־וויז אין דער ישיבה פונ'ם דאָרטיגען גאון רבי שלמה קוועטש, ווערד אין די אַלטע צייטען מגולגל קיין ווין. איז ער אין ווין שטאַרק מצליח ביי דעם מסחר מיט קויהלען. ער ווערד שוין אָנגערופען דער „קויהלען־קעניג". באַקומט ער באַלד דעם טיטעל „ריטער־פאָן." איז ער שוין אַ גאַנצער פריץ, שעהמט ער זיך שוין פאַר זיינע חברים, די גוי'אישע פריצים, צו פיהרען אַ יידיש הויז. איז שוין זיין עלטעסטער זוהן אַ אויס־געלעדיגטער. האָט ער חתונה, נאָך זיין טאַטענס פּטירה, מיט דעם שווישפילער האַרטמאַן'ס אַ טאָכטער, אַ גויה. האָט ער מיט איהר חתונה „ציוויל". דאָס מיינט נאָר אין מאַגיסטראַט, ניט אין קלויסטער און ניט אין אַ טעמפּעל. בלייבט ער ביי זיין אמונה און זיין פלונית'טע ביי איהר אמונה. איז דער דין ביי אַזאַ חתונה אַז די געבוירענע מיידלעך קעהרען צו דער מאַמעס אמונה און די געבוירענע יונגלעך צו

דעם ט'אטעס אמונה. ווערד ביי דעם דאזיגען פאר־פאלק גראד דאס ערשטע קינד געבוירען א מיידעל. דערמאהנט זיך דער אויסגעלעדיגטע זוהן פונ'ם לייפניקער געוועזענעם ישיבה־בחור אז דער ווינער רב, דאקטאר משה גידעמאן, איז פון תמיד אן געווען זיין טאטעס א גוטער פריינד. וויל ער אז זיין טאטען זאל ניחא זיין אין קבר. איז ער מודיע טעלעגראפיש דעם דאקטאר גידעמאן פון דעם „גרויסען גליק" וואס האט איהם געטראפען. ברענגט ער זיין טאטעס בעסטען פריינד אין א גרויסער מבוכה. ער, דער ווינער רב, דארף — אפ־ווינשעווען א מזל טוב צו דעם ניי־געבוירענעם קריסטליכען מיידעל ביי א יידישען טאטע.

ב) דער טאטע אליין שוין א „אויסגעלעדיגטער". שמד'ט ער אפ זיין יונגאלע נאך ווען ער איז דריי יאהר אלט. ווערד דאס יונגאלע גרויס, שטודירט ער אויס אויף אדוואקאט. איז דער, אין זיינע קינדער־יאהרען געשמד'טער, אדוואקאט, א גאנץ בראווער תמימות'־דיגער מענש. ער היט אפ אלע מצוות פון זיין נייער אמונה. אבער פארליבט פארליבט ער זיך דוקא אין א יידיש מיידעל, אין דעם רעדאקטאר קלעעבינדער'ס א טאכטער. האט ער מיט איהר אויך חתונה „ציוויל". ווערד ביי זיי גראד געבוירען א צווילינג, א מיידעל און א יונגעל. איז ממילא דאס מיידעל א יידישע טאכטער, א „בת ציון". אבער דאס יונגאלע? ערשט עטליכע וואכען נאך זיין געבוירען־ווערען, ווען די יולדת איז שוין גאנץ געזונד, דארף ער געבראכט ווערען „אונטער די פליגעל פון דער גוי'אישער אמונה". נעהנטערט זיך די צייט. רופט דער גוי'אישער מאן, אין א פרייטאג פארנאכט, צו זיך צו זיין יידיש ווייב און זאגט איהר תמימות'דיג:

— רעגינא! געה היינט אבענדס אין טעמפעל אריין דאווענען. צו אונזער זוהן קומט זונטאג פריה דער גלח...

הערט זיך אונזער פארשוין צו צו מיינע דערציילטע מעשיות און אין זיין פנים שפילען זיך אפ אלע פארבען. דאס גלעזעל ווייז אין זיין האנד ציטערט ביי איהם ווי ביי אונזערן א רבי'ס קידוש־מאכען. דאכט זיך אז פורה, דעת ושר פון שכחה, האט איהם א שנעל געטהון אויף דעם שטערן און ער האט פארגעסען דאס גאנצע ביסעל תורה וואס ער האט אמאל בחור־ווייז געלערנט אין חדר.

דערפאַר דערמאָהנט ער זיך אָבער אַז — אין דער צייט ווען ער זיצט דאָ צווישען זיינע לאַנדסלייט ביי דער פורים-סעודה זיצט ביי איהם אין דער היים דער גוי'אישער שייגעץ, וועלכער שדכנ'ט זיך צו זיין טאָכטער.

און אַזוי ווי דורך אַ וואונדער — ווערד ער א ו י ס ג ע נ י כ ט ע ר ט.

ד.

קיילעכדיגע סידור'ל אותיות

...ס'איז אַ ענין פאַר פאַרשוינען, וואָס פאַרקען זיך אין געל-געוואָרענע, פאַרשטויבטע פאַפּיר-בלעטער. אין אַ וויענער אַרכיוו וועלען זיי געפינען תקנות פון אַ חברה מיט'ן נאָמען „אהבת ציון“, אָנ-געשריבען אינ'ם יאָהר 1881. זיי וועלען זיך פרעהען איבער דער מציאה. זיי האָבען אַרויסגעפונען די ערשטע ציוניסטישע שפּראָצ-לינגע, וואָס האָבען זיך באַוויזען אין עסטרייכישען לאַנד, ווי אין פּסוק שטעהט: „הנצנים נראו בארץ“.

מ'זאָגט זיך עס אַזוי פשוט אָב: אַ חברה מיט גלעקלעך און פליטערלעך. אַ קויטשוק-חתימה מיט אַרום און אַרום בול'טע אותיות און מיט אַ „מגן דוד“ אין דער מיטען. אַ פּרעזידענט מיט אַ היבש בערדיל און מיט אַ אָבגעבליאַקעוועטען צילינדער. אַ פּרעזידענט-שטעל-פאַרטרעטער מיט אַ גוליע אויף דעם ליסע קאָפּ. און אַ קאָמיטעט פון גאָלע קנאַקער שבקנאַקער, פון מאַכערס און אויבערמאַכערס.

פונדעסטוועגען דאַכט זיך מיר, אַז די חברה איז ווייניג-וואָס באַקאַנט געוועזען ביים לעבען און — נאָך ווייניגער מענשען האָבען געוואוסט פון איהר פּטירה.

כמעט גאָר-נישט מיט גאָר-נישט. אַ וואוילער ייד, אַ האַרציגער און בכבוד'ער ייד, אַ דאָקטאָר פון מעדיצין, איז גראָד אָנגעקומען פון לעמבערג, האָט זיך גראָד געדאַרפט פאַרווילען אין ווין עטליכע חדשים, און — האָט אויף זיך דערוויל געכאַפּט אַ גרינדונג פון אַ שפּאָגעל-נייער חברה און אַ שפּאָגעל-נייע פּרעזידענטשאַפט.

די דײַטשען האָבען פֿאַר אַזאַ פֿאַרשוין אַ אײגענעם צו־נאָמען. זיי רופֿען איהם „פֿעראײנסמײער“. דאָס מיינט אויף אונזער יידיש לשון אַ חברה־מאַכער. אַ מענש, דאַכט זיך, ווי אַלע מענשען, אַ מענש מיט אַלע חושים, מיט רמ״ח אברים און שס״ה גידים. אָבער ער האָט אַ משונה׳דיגע מאַניע אַלע מאָל צו מאַכען אַ נײע חברה. וואָס פֿאַר אַ חברה איז ביי איהם קיין גרויסער חלוק נישט. ס׳מעג אפילו זײַן אַ חברה קנעפּיל־שפּילער, אַבי ס׳חברה׳ט זיך. נישט אַמאָל אײגענעם כבוד זוכט ער. אדרבה, ער ברענגט אַ גרויסען קרבן ווען חברה־לייט ווילען דוקא אַז ער זאָל זיין דער פּרעזידענט.

דאָקטאָר ר. ב. איז כל ימיו אַ תכשיט׳דיגער מענש געוועזען, אָבער אַ חברה־מאַכער. אין אײן קעשענע טראָגט ער ביי זיך כסדר אַרום זיינע מעדיצינישע כלים, טאָמער וועט מען איהם גראָד רופֿען צו׳ן אַ חולה. און זיין צווייטע קעשענע איז תמיד אָנגעפּילט מיט די בעסטע חברה־תקנות, און אויף זיין קאָפּ טראָגט ער כסדר זיין צילינדער — ווער קען וויסען? אפשר איז גראָד הײנט אַ אסיפה פֿון אַ נײער חברה, און ער דאַרף רײדען אַ רעדע און ער מוז ווערען פּרעזידענט.

קומט דאָקטאָר ר. ב. קיין ווין גראָד אין דער צייט פֿון נאָך די רוסישע פּאָגראָמען. רעש׳ט זיך עס אין דער יידישער וועלט. מ׳הערט אַז יידישע סטודענטען, געוועזענע פֿײערדיגע רוסישע פּאַטריאָטען, האָבען איבערגעלאָזט די אוניווערזיטעטען און זענען אָבגעפֿאָהרען קיין ארץ־ישראל אויף צו גרינדען אײגענע קאָלאָניעס און ווערען פּשוט׳ע ערד־אַרבײטער. מ׳הערט, אַז זיי רופֿען זיך ביל״ו׳צעס. דאָס מיינט אין ראשי תיבות „בית־יעקב־לכו־ונלכה׳ניקעס“. באַקענט זיך דאָקטאָר ר. ב. אין ווין גראָד מיט אַ יידישען אַלטען בחור, אַ קנאַקער ביי דער ווינער בערזע, אַ בחור אַ ווילדער קמצן מיט אַ פֿאַרשלאָסענער קעשענע און מיט אַ ברייט־געעפֿענטען מויל, וואָס ס׳שיטען זיך פֿון איהם טאָג און נאַכט עצות פֿאַר יידען. רופֿען זיי בײדע צו אַ אסיפה אין אַ אַלקער אויפ׳ן דריטען שטאָק פֿונ׳ם הויז־נומער צוועלף אין דער הערמינענגאַס. מאַכט מען אַ חברה „אהבת ציון“ מיט אַלע פּישטשעווקעס. — פֿון איצט אָן מעגען שוין די ביל״ו׳צעס רוהיג מיט פֿאַרבלוטיגטע פֿינגער

אויפגראָבען די שפּיציגע שטיינער פון דער ארץ-ישראל-ערד. זיי מעגען באַרוהיגט אויף דער אויסגעשטיינערטער ערד אַקערן און זייען. אין וויען איז דאָ אַ חברה, „אהבת ציון", וואָס זאָרגט שוין פאַר זיי. חברה-קאָמיטעט'ניקעס וועלען זיך אַ לאָז געבען איבער אַלע גאַסען פון וויען זאַמלען חברים. יעדער חבר וועט זיך מתחייב זיין צו געבען פופציג קרייצער אַ חודש. מ'וועט באַשטעלען אַ אייגענעם קאַסיר אויף צו זאַמלען דאָס חודש-געלד. און דער סכום וואָס וועט איבריג בלייבען, נאָך אַלע הוצאות, וועט געשיקט ווערען צו די ביל"ו'צעס קיין ארץ-ישראל.

און אַצונד, וואָס איך ווייס נישט און וואָס איך ווייס יאָ. איך ווייס נישט, אויב די ביל"ו'צעס האָבען אין זייער לעבען געזעהן אַ מזומנ'ע פּרוטה פון דער וויענער חברה „אהבת ציון". איך ווייס נישט אויב דער קמצנ'ישער בערזען-בחור, דער עצה-געבער, האָט איינגע-צאָהלט די ערשטע פופציג קרייצער פאַר'ן ערשטען חודש. אָבער איך ווייס, אַז נאָך געצעהלטע פאָר חדשים, ווען דאָקטאָר ר. ב. האָט געמוזט פאַרלאָזען וויען און צוריקפאָהרען קיין לעמבערג, איז די גאַנצע חברה זיך צוגאַנגען ווי זאַלץ אין וואַסער. און איך ווייס אַז דער איינציגער זכר פון איהר איז נאָר פאַרבליבען די קויטשוק-חתימה — אין די הענד פונ'ם אייגענעם באַשטעלטען קאַסיר.

אינ'ם יאָהר 1898, זיבּעצעהן יאָהר שפּעטער, שוין נאָכ'ן ערשטען קאָנגרעס אין באַזעל, געה איך מיט מיינעם אַ באַקאַנטען אין דער אָטאַקרינגער שטראָס. באַגעגען איך אַ אַלטען איינגעבויגענעם, האַלב-בלינד-געוואָרענעם ייד, וואָס ווערד געפיהרט פון אַ פופצעניעהריג מיידעל. דערקען איך איהם. ס'איז דער אייגענס-באַשטעלטער קאַסיר פון דער זכרונה-לברכה'דיגער חברה „אהבת ציון". ער געהט אַריין אין אַ געוועלב, זוימט זיך אָב עטליכע מינוט און קומט צוריק אַרויס. געה איך באַלד מיט מיין באַקאַנטען אויך אַריין אין דעם דאָזיגען געוועלב, כלומר'שט עפּיס צו קויפען. זעה איך אויף דעם געוועלב-מיש ליעגען אַ קוויט פון דער חברה „אהבת ציון", גע'חתמ'עט מיט דער קויטשוק חתימה וואָס אַרום איהר זענען דאָ די בולטע אותיות און אין דער מיטען אַ מגן דוד, אַ קוויט פאַר דעם איינגעצאָהלטען

חודש־געלד פונ'ם חודש יאַנואַר 1898. פאַרפיהר איך מיט דעם יידישען געוועלבער, אַ עלטערער תמ'עוואַטער מאָראַוווטשיק, אַזאַ שמועס:

— איהר זענט שוין לאַנג אַ מיטגליד פון דער דאָזיגער חברה?

— האַ ,שוין אַ סך יאָהרען... וויפיעל ס'איז דאָ אין דעם געדענק איך נישט אַקוראַט.

— וואָס איז דער צוועק פון דער דאָזיגער חברה?

— דער צוועק?! צו־וואָס דאַרף איך דאָס וויסען? פאַר אַזוי פיעל און אַזוי פיעל יאָהר זענען צו מיר אַריינגעקומען צוויי בכבודי'ע מענשען און מיר פאָרגעלעגט, אַז איך זאָל ווערען אַ חבר. מהיכי תיתי, אַ ייד דאַרף זיין אַ חבר מיט אַלע יידען. ס'איז מן־הסתם אַ יידישע זאַך. והא־ראיה אַ חתימה מיט קיילעכיגע סידור'ל אותיות און אַ מגן דוד ווי אויף אַ פרוכת... זייט דעמולט קומט דער קאַסיר יעדען חודש און איך באַצאָהל מיין חודש־געלד.

ביים אַרויסגעהן פונ'ם געוועלב חידוש'ט זיך מיין באַקאַנטער אויף מיר, פאַרוואָס איך האָב פאַרפיהרט מיט אַ פרעמדען מענש אַ שמועס וועגען זיינע פריוואַטע ענינים. און ווען איך דערצעהל איהם אַלצדינג וואָס איך וויים, חדוש'ט ער זיך נאָך מעהר. ער חדוש'ט זיך גאָר פאַרוואָס איך האָב דעם געוועלבער נישט מודיע געווען אַז מ'נאַרט איהם אָפּ.

איך האָב געלאַכט. בטבע בין איך קיינמאָל נישט קיין קאַליע־מאַכער. און ווען איך זאָל דאָס טהון וואָלט איך ביידע צדדים גורם־היזק געווען. ביי דעם אָרימען, אַלטען, צובראָכענעם, האַלב־בלינד־געוואָרענעם ייד, וועלכער שלעפט זיך אַרום יעדען חודש, געפיהרט פון זיין אייניקעל, איבער די אָטאַקרינגער און הערנאַלזער גאַסען צונויפנעמען דאָס ביסעל חודש־געלד, מיט וועלכען ער לעבט אפשר אָב אין דחקות דעם גאַנצען חודש, וואָלט איך צוגענומען זיין לעצטע פרנסה. און ביי דעם תמ'עוואַטע מאָראַוווטשיק וואָלט איך אַוועקגענומען דאָס לעצטע וואָס ער פאַרמאָגט נאָך פון זיין געירשנ'טער יידישקייט: דאָס ביסעל דרך ארץ פאַר די קיילעכיגע סידור'ל אותיות און פאַר דעם פרוכת־מגן דוד... איבריגענס איז דאָס שוין אַ ענין פאַר די פאַרשווינען וואָס פאָרפלען זיך אין די די נשמות פון די מענשען און שפיעלען פיאַנא אויף זייערע נערווען,

אַרויסצובּרענגען פֿאַרבּאָרגענע קולות... אָפֿטמאָל טרעפֿט זיך אַז נאָך מעהר וויפֿיעל אײַנער וויל דעם צווייטען אויסנאַרען, וויל דער צווייטער — נישט נאָר ער וויל אָבּער, ממש ער בּעט זיך אויסגענאַרט צו ווערען: „כ'האָבּ אַ נאַז נעהם מיך אָן בּײַ איהר און פֿיהר מיך!“.

ה.

דער זולל וסובא'ניק.

...אין חודש אלול תרנ"ד האָבּ איך מיך, בּיי ראובני אין שטוב, מיט איהם בּאַקענט.

אַ רוסיש־יידישער יונגערמאַן. אַ ערך פֿון צוואַנציג יאָהר אַלט. אַ ניט־הויך געוואַקסענער מיט ניש־קשה'דיגע רמ"ח אברים. אָבּער דאָס פּנים אַ אויסגעבּלײַכטס, און אין די אויגען כמעט כסדר אַ צושטאַרקער גלאַנץ. אַזוי ווי ס'זאָל אין זיי פֿלאַקערן אַ „פֿרעמד“ פֿײַערעל.

אין וויען איז ער אַ תלמיד אין דער שול פֿאַר אַלערלײַ קינסטלער. דאָרט לערנט ער די קונסט אויסצוקנײַטען פֿון ליים אַ גולם, די בּריה'שאַפֿט אַרײַנצוקריצען אין דער צורה פֿונ'ם גולם דעם „שם המפורש“ מיט אַזעלכע שאַרפֿע אָפּגעטאָקטע אותיות, אַז יעדען וועלכער פֿאַרגאַפֿט זיך אין איהם זאָל זיך אויסדאַכטען אָט אָט גיט ער איהם איבּער אויף זיין שטום־לשון אַלצדינג וואָס דער קינסטלער וויל דורך איהם אויסדריקען.

די דאָזיגע קונסט איז גאָר ניט קיין גרינגע. זי איז אי אַ חכמה אי אַ מלאכה. זי קאָסט כח און מח. אפילו אַ תלמיד מיט פֿון־גאָט־געבּענשטער גאונ'שאַפֿט מוז בּיי איהר זיין אַ שטאַרקער מתמיד. חוץ־דעם וואָס ער טאָר ניט אויף אַ רגע פֿון איהר מסיח־דעת זיין, מוז ער דורך פֿלייסיגער אַרבּײַט מסוגל מאַכען די האַנד צו זיין אַ געטרײַער שליח בּיים איבּערגעבּען פֿון זיין פֿאַרבּאָרגענסטער מחשבה. און — אַ יונגערמאַן, וועלכער בּאַקומט פֿון זיינע אָרימע טאַטע מאַמע צוגעשיקט קיין ווין עטליכע געצעהלטע רובּעל אַ חודש אויף צו

צאָהלען דירה־געלד, אויף צו לעבען און אויף צו קויפען די נויט־ווענדיגסטע מכשירים פאַר זיין מלאכה, מוז זיך באַלד אויך אויס־לערנען נאָך אַ צווייטע קונסט, אויך גאָר ניט קיין לייכטע: די קונסט צו ליידען הונגער.

איז דער יונגערמאַן שוין אַפילו אין דער צווייטער קונסט אַ געניטער. אָבער דאַכט זיך נאָך ניט קיין גאַנץ־אויסגעלערנטער. ביי זיך אין שטוב קאָן ער אָפּלעבען לאַנגע טעג מיט אַ גלעזעל טעע און מיט טרוקען ברויט. ער פיהלט זיך ווי אַזוי ס'איז זאַט, אָנגעשטאָפּט די קישקע און אַרבייט רוהיג ביי זיין מלאכה. אָבער ווען ער ווערד אַמאָל גראָד מגולגל אין אַ פרעמדער שטוב, וואו ער זעהט מענשען זיצען און עסען גוטע מאכלים, פיהלט ער ביי זיך, אַז אַלע זיינע אברים ציטערן, אַז ער ווערד פּלוצים גרין און געל. ניט פאַר קנאה, חלילה, ניט וואָס ער פאַרגינט יענעם ניט. אָבער ס'פּאַקט איהם אַ מורא'דיגער הונגער און טרייסעלט מיט איהם.

אַרויסגעהענדיג איינמאָל פון אַזאַ שטוב איז ער אויף זיך אַליין געוואָרען אין כעס, איבערגעשיט זיך אַליין מיט זלזולים:

— אויפגעריסענער האַלז, זולל־וסובא'ניק!

*

ראובני'ס שטוב איז די איינציגע אין ווין, אין וועלכער דער יונגערמאַן פיהלט זיך היימיש. אַ עלטערער חבר, אַ העברעאישער שרייבער. מ'הערט אַמאָל ביי איהם אַ גוט וואָרט איבער ליטעראַטור און קונסט.

פיהרט זיך ראובני'ס שטוב ברייטלעך. אויף אַ פאַרנאַכטיגען טעע־טיש שטעהט תמיד אַ גרויסער זידענדיגער סאַמאָוואַר, זיינען כמעט תמיד אָנגעגרייט ברויט און זעמעל און נאָך אַנדערע מאַכלים אויף צובייסעכטס, און ווער ס'קומט גראָד קאָן טרינקען־מיט און עסען־מיט.

איז דאָס פאַר דעם „זולל־וסובא'ניק" אַ קאַלאַמוטנע זאַך. אַזוי אָפט ס'קומט איהם אויס אין אַ פאַרנאַכט נויטיג צו געהן צו ראובני איז ער זיך מתכוון אָנצוקומען אַביסעל שפּעטער, נאָך דעם טעע־טרינקען. „ער וויל ניט קומען אויף צו עסען און צו טרינקען ביי

איהם. ס'איז קיין יושר ניט ביי יענעם אפצועסען דעם קאפ. ראובני אליין איז אסך ווייניגער פון א גביר. ער האט בצמצום פרנסה פאר זיך און זיין בני בית..." פונדעסטוועגן, אזוי ווי אויף להכעיס, קומט ער כמעט תמיד גראד אן צו דער רעכטער צייט. אויפ'ן טיש, אין א גרויסער שיסעל, שטעהען אנגעגרייט די איהם פון דער היים אזוי ליב געווארענע מאכלים. אמאל הייסע בולבעס מיט געשניטענע שטיקלעך הערינג, אמאל סמעטענע מיט אריינגעבראקטען רעטעך, און אמאל גאר לאטקעס פון וועלכע ס'רינט זיך ממש דאס שמאלץ. דער עולם ארום דעם טיש איז רידרעוודיג. אויס דער גרויסער שיסעל נעמט זיך יעדער אין זיין טעלערל וויפיל זיין הארץ גלוסט. מ'בייסט און מ'זופט, מ'זופט און מ'בייסט „אויף וואס די וועלט שטעהט". מ'בא־נחת'ט זיך. מ'קנאקט מיט דער צונג. מ'באלעקט זיך די ליפען. ווערד דער יונגערמאן גאר מבולבל:

— ס'איז קיין דרך־ארץ ניט צו זיצען איינער אליין ווי א שע־מעוודיגע כלה, זיך פיעשטשען און זאגען: „כ'וויל ניט!"

און ער קנאקט באלד מיט אלע קנאקענדיגע און באלעקט זיך מיט אלע באלעקענדיגע.

*

אין אייגענע ענינים איז דער יונגערמאן פון תמיד אן א פאר־שלאפענער, א אראפשלינגער. טרעפט זיך ביי איהם אבער אמאל א מעשה פון „כי באו מים עד נפש": ס'איז שוין אוועק מעהר ווי א האלבער חודש און דאס געלד פון דער היים איז איהם אנגעקומען... אזוינס האט נאך ניט פאסירט... די באלעבאסטע פון זיין דירה האט אפילו אויף איהם רחמנות, זי דערקוטשעט איהם ניט, זי שווייגט, האט ער אבער צער גראד פון איהר רחמנות־האבען, פון איהר ליידענדיג שווייגען... „אויף איהר איז א גרעסער רחמנות. זי איז א בלוטיג־ארימע אלמנה. מיט דעם אייניקעל, וועלכעס איז איהר פאר־בליבען נאך איהר פארשטארבענער טאכטער, לעבט זי אין מורא'דיג דחקות. דאס דירה־געלד, וואס ער צאהלט איהר, מאכט אויס א גרויס חלק פון איהר פרנסה..." חוץ־דעם דארף ביי איהם באלד פאר־טיג ווערען א ארבייט, איבער וועלכער ער האט זיך שוין אפגעפלאגט

היבשע עטליכע חדשים. ס׳פעהלט איהם דאָס נויטיגע ביסעל מזומן אויף צו קויפען דעם בראָנז וואָס ער דאַרף צום דערקאָנטשען... וועגען זיינע אייגענע באַדערפענישען דענקט ער גאָרניט. אָבער די באַלעבאָסטע און די פאַרטיג-צו-ווערענדע אַרבייט!...

מאַכט ער זיך האַרץ און איז מגלה זיין סוד פאַר זיין חבר ראובני. בעט איהם ראובני און ס׳בעט איהם ראובני׳ס ווייב, אַז ער זאָל ביי זיי אָננעמען אַ הלואה ביז ס׳וועט איהם אָנקומען דאָס חודש-געלד. וויל ער בשום אופן ניט. „ער טאָר פון זיי ניט אָננעמען אַזאַ קרבן. אפשר האָט זיך חלילה עפעס געטראָפען אין דער היים וואָס דורכדעם קאָן מען איהם ניט מעהר שיקען דאָס חודש-געלד און ער וועט ניט קאָנען באַלד באַצאָהלען.

פאַלט ראובני אויף אַ המצאה: ס׳איז פאַרהאַנען אין וויען אַ ייד, אַ קאָכלעפעל. אפילו אַליין ניט קיין גרויסער גביר, אָבער אויף עטליכע ווינער יידישע גבירים האָט ער אַ השפעה, און ווען ער הייסט — געבען זיי געלד פאַר נויטבאַדערפטיגע יידישע קינסטלער. שרייבט ראובני צו איהם אַ בריף.

איז דער יונגערמאַן מדקדק מ׳זאָל בפירוש אַרויסשרייבען, אַז ער פאַרלאַנגט חלילה ניט קיין נדבה, נאָר אַ ה ל ו א ה ביז די אַרבייט וועט פאַרטיג ווערען און ער וועט זי פאַרקויפען.

געהט דער יונגערמאַן דעם צווייטען טאָג אַליין איבערגעבען דעם בריף. וואוינט דער בעל-טובה׳ניק אויפ׳ן פערטען שטאָק, חוץ הויכפאַרטער און מעצאַנין. האָט דער יונגערמאַן גראָד היינט אין דער פריה אפילו קיין גלעזעל טעע ניט געטרונקען, קריכט ער אַרויף, צעהלענדיג די טרעפ, עט עט ביז אויבען. קומט ער גראָד אָן אויבען אין דער צייט, ווען דער בעל-טובה׳ניק דאַרף זיך זעצען צום מיטאָג-עסען. הייסט מען איהם אויסוואַרטען אין פאָדערשטען חדר ביז דער בעל-טובה׳ניק וועט פאַרטיג ווערען מיט דער סעודה.

זיצט דער יונגערמאַן אין דעם פאָדערשטען חדר ממש „אין געהאַקטע וואונדען“. אַ באַלייבטע דינסט-מויד מיט פאַרקאַטשעטע אַרבעל געהט ביי איהם אַלע מאָל פאַרביי, טראָגענדיג פון דער קיך אין דעם עס-חדר אַריין יעדעסמאָל אַ אַנדער מאכל: „איינגעמאַכטע הינער-לעבערלעך, זופ מיט פליישיגע קרעפלעך, געבראָטענע אָנגע-

פולטע קאַטשקאַלעך, פאַרשידענע אײַנגעמאַכטסען און מעהל־שפּײַזען. און פון׳ם עס־חדר הערט ער כסדר דאָס פרעהליכע קנאַקען „אויף אַלע פּיסקעס״. איז דער יונגערמאַן אַ דערציטערטער. פאַרמישען זיך בײַ איהם אַלע חושים. אָט אָט שווינדעלט איהם פאַר די אויגען. קומט באַלד אַרויס דער בעל־טובה׳ניק מיט אַ פאַרפלאַמט פּנים פון דער שטאַרקער עבודה, בײַ דער גרויסער אכילה. נעמט ער באַלד דעם יונגענמאַן אויפ׳ן פאַרהער. ער וויל פון איהם הערען זײַן גאַנצע לעבענס־געשיכטע. אַלצדינג, וואָס אונטער דעם נאָגעל. איז אָבער אַ צרה. גראָד איצט ליגט בײַ דעם יונגענמאַן די צונג אין קימפּעט. ער האָט כמעט פאַרגעסען וועגען וואָס ער איז געקומען. פּלאָנטערט דער יונגערמאַן נעבעך מיט דער צונג עפּעס אָפּגעהאַקטע דיבורים. ניט אַרײַן ניט אַרויס. מאַכט דער בעל־טובה׳ניק מיט איהם אַ קורצען פּראָצעס. מיט דער סערוועט, וועלכע הענגט נאָך אַראָפּ פון׳ם האַלז אַרײַנגעשטעקט דעם שפּיץ אונטער דעם קראַגען, ווישט ער זיך אָפּ דאָס פעטקייט, וועלכעס קלעבט נאָך אויף די ליפּען, און זאָגט:

— איהר וועט מיר מוחל זײַן, מײַן ליבער יונגערמאַן. איך באַדויער זעהר. אָבער איך קאָן פאַר אײַך גאָרניט טהון.

לויפט דער זולל־וסובא׳ניק אַראָפּ פון די טרעפּ ווי אַ געיאָגטער, ווי אַ אָפּגעגאָסענער .

ווען ער איז שוין גאַנץ אונטען הערט ער אָבער פּלוצים אַ קול פון אויבען, אַז מ׳רופט איהם צוריק.

ער ווערד אַביסעל באַהאַרצטער:

— פאָרט אַ וואוילער ייד. מסתמא האָט ער חרטה פאַרוואָס ער האָט מיר אָפּגעזאָגט.

דראַפּעט ער זיך ווידער אַרויף ביז עט עט אויבען, אויפ׳ן פערטען שטאָק, הויך הויכפאַרטער און מעצאַנין. שטעהט דער בעל־טובה׳ניק אַ אָנגעבלאָזענער, אַ געקריוודעטער, און זאָגט קורץ און שאַרף:

— איהר וועט מיר מוחל זײַן, ליבער יונגערמאַן, וואָס איך האָב אײַך מטריח געווען. איך האָב צו אײַך אַ בקשה. זאָגט׳ס אײַער חבר ראובני, אַז ער זאָל אויף מיר ניט מעהר אויפשיקען

זיין כאַליאַסטרע. איך האָב עס שוין זאַט. ס׳קריכט מיר שוין פונ׳ם האַלז, פון דער דאָזיגער חברה ארחי־פרחי׳ניקעס.

און איידער דער יונגערמאַן קוקט זיך רעכט אום איז דער בעל־טובה׳ניק שוין אין זיין חדר און פאַרשליסט הינטער זיך מיט כעס די טיר.

בלייבט דער יונגערמאַן אַ ווײַלע שטעהן „אַ אויסגעפאַטשטער״. אָבער באַלד לויפט ער ענדעם פענדעס, אין איין אָטעם, צו ראובני און נאָך איידער ער איז מספיק עפּעס צו דערצעהלען פאַלט ער חלשות.

חלש׳ט מען אָבער אין ראובני׳ס שטוב ניט לאַנג. איין היים גלעזעל טעע נאָכ׳ן אַנדערען, אַ היבש ביסעל צובייסעכטס, דערצו אַ פּאָרציע חוזק־מאַכען פון ווינער בעל־טובה׳ניקעס, וואָס די קלוגע און גוטע מאַשאַ, ראובני׳ס ווייב, באַזאָרגט, און מ׳ווערט ווידער אַ מענש ווי אַלע מענשען.

דערפאַר, אַ עונש פאַר דעם „זיך־נאַריש־מאַכען״, לאָזט מען איהם ניט אַהיים ביז ער וועט ניט אָננעמען די הלואה.

נאָך עטליכע טעג, אין אַ פאַרמיטאָג, איז דער יונגערמאַן איילענדיג געקומען צו ראובני אין שטוב. אָפּגעצאָלט דעם חוב. און — אויף אַ לאַנגע צייט איז ער אַזוי ווי פאַרשוואונדען. ניט געקומען און אפילו ניט געלאָזט הערען פון זיך.

*

עטליכע חדשים שפּעטער, אינ׳ם ווינטער פונ׳ם יאָהר תרנ״ה, איז צו לייענען אין אַ ווינער יידישער צייטונג, אַז אין דער כשר׳ער רעסטויראַציע פון קוהנער וועט דער ראַבינער פון פּראָסניץ, דער דאָקטאָר גאָלדשמיד, מוצאי שבת, האַלטען אַ פאָרטראַג איבער יידישע קונסט און יידישע קינסטלער.

געה איך אַהין אַביסעל פריהער פאַר דער באַשטימטער שעה. טרעף איך שוין דאָרט ביי אַ טישעל זיצען מיין זולל־וסובא׳ניק. שטעהט פאַר איהם אַ גלעזעל ביער, נאָר וואָס אַ קליין ביסעל דערפון אָפּגעטרונקען. וויים איך וואָס דאָס באַטייט. צו ביר האָט ער קיינמאָל קיין גרויסען חשק ניט. ער האָט זיך עס נאָר געהייסען גע־

בען אויף יוצא צו זיין פאַר'ן באַלעבאָס און פאַר'ן קעלנער. דער־פאַר שטעהט אָבער אויך אין דער מיטען פון'ם טישעל אַ קויבערל־פול מיט ברוינע פרישע „קיסר־זעמאַלעך". אויף זיי וואַרפט ער אַלע מאָל אַ אויג. אָבער אָנריהרען רירט ער זיי ניט אָן. — גוט וואָס דו ביזט געקומען — זאָגט ער האַלב ערנסט און האַלב שמייכ־לענדיג — איך האָב ביי דיר צו פרעגען אַ שאלת־חכם: אָט זעהסטו: דאָרט אויף דער וואַנד, אַקעגען אונז, הענגט אַ טעוואַלע און אויף איהם זיינען אויסגעקריצט מיט גרויסע אותיות, ווי ביי אַ „משנכנס אדר מרבין בשמחה", די בפירוש'ע ווערטער „ברויט ווערד ניט באַ־רעכענט!" דאָס הייסט, אַז ברויט און זעמעל מעג מען דאָ עסען וויפיל מ'וויל און מ'דאַרף דערפאַר ניט באַצאָהלען. איצט איז אָבער די שאלה, אויב דער „בחנם "מיינט נאָר צום עסען פון מאכלים אָדער אויך צום טרינקען פון אַ קליין גלעזעל ביער. דאַכט זיך, אַז ס'איז ניט קיין גרויסער יושר און ניט קיין גרויס דרך ארץ צו שלינגען דעם באַלע־באָס'ס זעמאַלעך וויפיל דאָס האַרץ גלוסט און דערנאָך רופען דעם קעלנער איהם צו באַצאָהלען גאַנצע צעהן קרייצער פאַר אַ גלע־זעל ביר.

כדי אָפּצוגעבען אַ תשובה־מספקת אויף דער דאָזיגער שאלת־חכם האָב איך פשוט צוגערופען דעם קעלנער און געהייסען ברענגען צוויי פּאָרציעס גולאַש, איינע פאַר דעם שואל און איינע פאַר דעם משיב.

אין דער התחלה האָט זיך מיין זולל־וסובא'ניק אפילו אַביסעל געקווינקעלט: „ס'טייטש! ער האָט ביי זיך גראָד ניט קיין געלד... און ער וויל זיך פון מיר ניט לאָזען באַצאָהלען..." אָבער איך האָב מיך געמאַכט ניט־הערענדיג. און אַזוי ווי ער האָט דערזעהן מיך אויפשניידען אַ זעמעל, אַרויפשטעקען אַ שטיקעל אויף אַ גאָפּעל, איינטונקען עס אין דער ברוינער גולאַש־יויך און אַריינשטעקען אין מויל־אַריין, האָט ער באַלד פאַרגעסען ווער ס'איז געוועזען דער שואל און ווער דער משיב, אויפגעבראָכען איין זעמעל נאָכ'ן אַנדערען, געטונקען און געגעסען, אַז „ס'איז געגאַנגען אַ רויך".

דערווייל איז דער עולם זיך צונויפגעקומען. דאָקטאָר גאָלדשמיד האָט אָנגעהויבען זיין דרשה. זיך ברייט געמאַכט איבער יידישער מאָ־

לערן: און יידישע מאָלער און איבער כל־ערליי פאָרמען פון יידישער קונסט. דערמאָנט דעם „משה“ פון מיכל אַנגעלאָ, די עכט יידישע פיגור פון אַ ניט יידישען קינסטלער, און דעם „ירמיהו“ פון אונזער מרדכי אַנטאָקאָלסקי. און צום סוף האָט ער אָנגעגרייט אַ איבערראַשונג פאַר דעם עולם:

נעכטען האָט ער באַזוכט די ווינער שול פאַר קונסט. האָט אידם דער פראָפעסאָר אָנגעוויזען אויף אַ פיגור וואָס אַ רוסיש־יידישער יונגערמאַן, ניט גאַנצע צוויי און צוואָנציג יאָהר אַלט, האָט נאָר־וואָס פאַרטיג געמאַכט. (ער האָט אָנגערופען דעם נאָמען פונ׳ם יונגענמאַן) אַ פאַנטאַזיע־פיגור פון לעסינג׳ס „נתן החכם“. דער פראָפעסאָר איז שטאָלץ אויף אַזאַ תלמיד. און ער, דאָקטאָר גאָלדשמיד, אַלס קונסט־ליבהאָבער און אַלס ייד איז טאָפעלט שטאָלץ אויף דעם „נייעם שטערן“, וועלכער האָט זיך אַנטפּלעקט. ער האָט די פיגור אַליין באַטראַכט און האָט אין איהר געפונען די סמנים פון אמת׳ער יידישער קונסט, וואָס נאָר אַ יידישער מוח און אַ יידישע האַנד איז בכח זיי אַרויסצוברענגען. אַצינד פאַרשטעהט ער ערשט דעם סוד פון „רבא ברא גברא“, א. אַ. וו., א. אַ. וו.

ביים אָנרופען פון זיין נאָמען איז מיין זולל־וסובא׳ניק רויט געוואָרען ביז איבער די אויערען. דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבען האָט ער איצט געפיהלט דעם טעם פון אַזעלכע תהלות ותשבחות.

נאָך דער דרשה האָב איך דוקא געוואָלט אידם פאָרשטעלען פאַר דעם דאָקטאָר גאָלדשמיד. אָבער ער, מיין זולל־וסובא׳ניק, האָט מיך מיט זיין גאַנצען כח דערפון אָפּגעהאַלטען.

ביים באַצאָהלען דעם קעלנער האָב איך אויך באַצאָהלט פאַר דעם גלעזעל ביר וואָס ער האָט זיך געהייסען געבען איידער איך בין געקומען. ער האָט געפּרופּט אַקעגען דעם „פּראָטעסטירען“. אָבער איך האָב צו אידם אַזוי געזאָגט:

— איך בין אַ ייד, ביי וועלכען דער כבוד פון זיין אומה איז טייער. און ס׳איז אַ חלול השם פאַר דער גויה, פאַר דיין הויזבאַזאָרגעריןן, אַז אַ ניי־אַנטפּלעקטער שטערן, אַ רבא־ברא־גברא׳ניק, זאָל אידר מוזען שולדיג בלייבען דאָס „שפּער־ועקסערל“.

IV.

אַמעריקאַנישע אויפצייכענישען.

א.

דער אַלטער פעטער.

. . . פון מרחקים, פון ווייט, גאָר ווייט, קומט אַ אַלטער פעטער קיין מדינת הים. ער קומט צו־גאַסט צו אַ יונג פאָרפאָלק, צו זיין שוועסטערס אַ טאָכטער.

דאָס ווייבעל, זיין שוועסטערס טאָכטער, האָט איהר פעטער ביזהער ניט געקענט פנים אל פנים. אָבער פון איהר קינדהייט אָן האָט זי זיך איבער איהם אָנגעהערט וואונדערליכע זאַכען. דאָס שפּיגאַלע פון דער משפחה. אַ ייד אַ למדן און אַ וואוילקענעוודיגער. ניט נאָר זיינע אייגענע שטאָט־לייט האָבען פאַר איהם גרויס דרך ארץ. זיין גוטסקייט און זיין חכמה האָבען אַ שם „אויף דער גאַנצער וועלט“.

דעם ווייבעל'ס מאַמע האָט זיך מיט איהר עלטערען ברודער אפילו פאַר'ן טאַטע, עליו השלום, כסדר געצאַצקעט:

— אונזערע קינדערלעך האָבען ברוך השם נאָך ווען צו געראָטען. דער הייליגער תנא, זיין זכות זאָל אונז ביישטעהן, זאָגט אַז דאָס רוב קינדער געהן אין די דרכים פון דער מאַמעס ברודער.

— ביי אַ שידוך מיט אַ קינד שאָדט קיינמאָל ניט צו האָבען אַזאַ ברודער אין דער משפחה. מען מוז אָבער ביי אַ שידוך גוט אַכטונג געבען אַז ס'זאָל חלילה פאַר איהם ניט זיין קיין אום־כבוד, מ'זאָל חלילה פאַר איהם ניט פאַרשעהמט ווערען.

איז דאָס ווייבעל מלא גדולה. זוכה געווען צו זעהן איהר מאַמעס

ברודער ביי זיך אין שטוב. ווייל זי איהם אָנטהון דעם גרעסטען נחת רוח. ברענגט זי אַריין איהם ווייזען דעם טייערסטען אוצר וואָס זי פאַרמאָגט: איהר יינגאַלע מיט די פולע בעקאַלעך און מיט דעם שוואַרץ-געלאָקטען קעפּיל.

שווימט אַרום דער יינגער מאַמעס אויגען אין אַ ים פון גליקזעליגקייט. בלאָנדזען איהרע גלאַנצענדיגע בליקען פון׳ם פעטער׳ס פנים צו איהר יינגאַלעס פנים און פון איהר יינגאַלעס פנים צו איהר פעטער׳ס.

און — ניט אין פשוט׳ע, וואָכענדיגע ווערטער, אָבער אין דעם יום-טוב׳דיג לייכטענדען גלאַנץ פון איהרע אויגען און אין דעם גליקליכען שמייכעל אַרום איהרע ליפּען, וועלכער פאַרשפּרייט זיך איבער איהר גאַנץ פנים, באַווייזען זיך אין דער לופט פליהענדיגע אותיות, האַלב-פרעגענדיג און האַלב-ענטפערנדיג:

— נו, ווי געפעלט אייך מיין יינגאַלע?!

*

חברה-לאַנדסלייט, פאַר פילע יאָהרען איינציג-ווייז אויס דעם אייגענעם שטעטעל אַהער-געקומענע, מאַכען פאַר דעם חשוב׳ן גאַסט אַ קבלת פנים. איהם לכבוד זאַמלען זיי זיך אָן כמעט אַלע, מאַנסבילדען און ווייבער, יינגערע און עלטערע, גאָר היימישע-נאָהנטע און אַפילו אַביסעל ווייטערע.

זיי, זיינע לאַנדסלייט, דערקענען איהם כמעט אַלע. אָבער ער דערקענט אַ סך פון זיי שוין אַביסעל שווערליך. — דאָס רוב פון זיי איבערגעאַנדערשטע און אַזוי ווי איבערגעביטענע:

אָט איז ר׳ יוזפּ׳ל, דער געוועזענער דיין אין זיין שטעטעל.

אין דער היים אַ הויכער אויסגעצאָמטער ייד. ממש אַ גרוגרת דרבי צדוק. הויט און ביין. ניט קיין טראָפּען בלוט אין פנים. אַ ייד מיט אַ שיטער-שפּיציג געלער באָרד. און — דאָ אין מדינת הים, אין אַמעריקאַ, איז ער, אין די עטליכע יאָהר, געוואָרען אַ ייד, אָהן עין הרע, אַ ניש-קשה׳דיג באַלייבטער. די באַקען אויסגעפולטע. אין דער מיטען אַ פלאַמענדיגע רויטקייט, אַזוי ווי ס׳זאָל איהם שפּריצען דאָס בלוט פון׳ם פנים. אַפילו די שיטערע געלע באָרד זעהט דאָ אויס אַ סך געדיכטער. דאַכט זיך גאָר ניט מעהר שפּיציג. אפשר גאָר, פון הדרת פנים וועגען, אַביסעל צוגעפוצט...

ר׳ יוזפ׳ל דער געוועזענער דיין אין זיין שטעטעל:

אין דער היים אפגערוקט זיך אן א זייט ווען לומדים מופלגים האבן צווישען זיך געכאפט א „הויכען" שמועס איבער א פויגעל־דיגען „לשיטתיה" — בעסער ניט צו זיין דערביי, ניט אריינשטופען דעם שוואכען קאפ צווישען גרויסע בערג... — אין דער היים ביים פסק׳נען די גרינגסטע שאלה, כמעט ווי מ׳רופט עס „ביעא בכותחא", געקוועטשט שעה׳ן־לאנג דעם „פרי מגדים" און גאר ניט ארויסגע־קוועטשט ביז ער האט ניט בגנבה געכאפט א קוק אין „חכמת אדם". אבער דא — אין מדינת הים, אין אמעריקא, „קלינגט מיט איהם די וועלט". אין דעם הינטערשטען חלק פון די צייטונגען איז אפגעדרוקט מיט גרויסע אותיות אז ר׳ יוזפ׳ל איז ניט נאר א קנאקער אבער גאר א קנאקער שבקנאקער, ניט נאר א רב אבער גאר א רבן של כל בני הגולה. ניט נאר א גאון אבער גאר א גאון הגאונים. דאס מיינט א גאון וועלכער פליהט־איבער אלע גאונים פון דער גאנצער וועלט, פון מזרח און פון מערב, פון צפון און פון דרום — א גאון וועלכער רייסט אויס בערג און צומאהלט זיי איינעם אן דעם צווייטען.

און —

אט איז דעם אלטען פעטער׳ס נאהנטע קרובה, זיין געשוועסטער־קינד, דוואסיע דער מוהמע סאסיע׳ס — דאס אמאליגע שווארצע שע־מעוודיגע מיידעל מיט׳ן ברייטען מויל און מיט דעם שפיציגען נעזעל.

יינגעל־וויז האט ער געזאלט ווערען פאר איהר א חתן. די גאנצע משפחה האט שוין דערפון גאר געשמאק געשמועסט. אבער זיין מאמע, עליה השלום, האט עס בשום אופן ניט צוגעלאזט.

זי, זיין מאמע, זי זאל א גוטע מליצה זיין, האט ליב געהאט א פעט געגנזעל מיט ווייסע פעדערן, און דוואסיע דער מוהמע סאסיע׳ס איז א שווארצע און א מורא׳דיג מאגערע.

וועגען דעם איז צווישען זיין מאמע און דער מוהמע סאסיע — זיי זיינען שוין ביידע אויפ׳ן עולם האמת און זאלען האבען דאס ליכטיגע גן עדן — יאהרען־לאנג געווען א שרעקליכע רוגזה. געריסען זיך ממש ביי די נעז.

היינט, דא אין מדינת הים, אין אמעריקא, איז דוואסיע דער מוהמע סאסיע׳ס א קליינע קיילעכדיגע און אביסעל בייכיגע יידענע.

אָבער אַ יידענע מיט לאַק־שיכלעך, מיט דינע, ויידענע, פלייש־פאַרביגע זאָקען, מיט אַ קליידעל קורץ ביז צו די קניע און אָהן אַרבעל און פון־פאָרענט אויך ניש־קשה׳דיג אויסגעשניטען. אַ יידענע מיט אַ גראָהען בובי־קאָפּ. דאָס שוואַרצע פנים און די שפּיציגע נאָז באַשיט מיט ווייסען פודער. די גראָבע ליפּען פונ׳ם ברייטען מויל געפאַרבט רויט. און זי מאַכט חן׳דאַלעך ניט נאָר צו איהר געשוועסטערקינד, צום אַלטען פעטער, אָבער אפילו צו דעם גאון איבער אַלע גאונים, וועלכער רייסט אויס בערג און צומאָהלט זיי אָן אייַנאַנדער, צו ר׳ יוזפ׳ל שליט״א.

און אָט און אָט . . .

*

דעם אַלטען פעטער האָבען קינד און קייט נאָך אין דער היים גערופען מיט דער „ריש". ר׳ זרח איז געווען דער חשוב׳סטער בעל הבית אין שטעטעל. קייַנמאָל ניט געווען קיין גביר און ניט קיין תקיף. אַ געלערנטער, אַ קלוגער און ניט קיין בעל־גאוה׳ניק. ביי איהם איז כדאי געווען אַמאָל צו פרעגען אַ עצה. פון איהם האָט מען געקענט אַמאָל האָבען אַ טובה. פאַר יעדען פאַל מעהר ווי פון די פוסטע אויפגעבלאָזענע גבירים.

אָן דעם חשוב׳ן גאַסט, אָן זייַער ר׳ זרח, הענגען איצט די בליק פון זיינע לאַנדסלייַט מיט גאָר אַ באַזונדערער ליבשאַפט. זיי קענען זיך ניט גענוג זאַט אָנקוקען אָן זייַער הייַמישער אַלטער צורה. — דערזעלבער היימישער ר׳ זרח פון זייַער היימישן שטעטעל.

יעדער פון זיינע לאַנדסלייַט גאַרט ביי דעם אַלטען פעטער נושא חן צו זיין. איטליכער באַזונדער וואָלט געוואָלט איהם אָנטהון דעם גרעסטען נחת רוח.

אין דעם אייַנציגען גלאַנצענדיגען בליק פון אַלע זייַערע אויגען און אין דעם גליקליכען שמייַכעל אַרום זייערע ליפּען, וועלכער פאַר־שפרייט זיך איבער אַלע פנים׳ער, איז אָבער נאָך באַהאַלטען אַ אַנדערער הייסער פאַרלאַנג — אַ פאַרלאַנג וועלכער דרוקט זיך אויס האַלב־פרעגענדיג און האַלב־ענפערנדיג:

— נו, ווי געפעלט אייַך אונזער אַמעריקא?!

*

שוועבט אויף ר׳ זרח׳ס ליפּען אַ שמייכעל פון אַ קלוגען און גוטינקען אַלטיטשקען, ווען ער זאָגט:

— כאָטש איך בין נאָך גאָר אַ „גרינער" וויל איך דאָסמאָל ריידען אויף אייער אַמעריקאַניש־יידיש לשון: מיין שוועסטער׳ס טאָכ־טער וויל וויסען ווי איך „גלייך" א י ה ר י י נ ג אַ ל ע און איהר ווילט וויסען ווי איך „גלייך" א י י ע ר אַמעריקאַ... אויף מיין גאַליציש לשון ג ל י י ך איך שוין ביידע. „פאַר זיי ביידע בין איך נאָך גאָר פרעמד און זיי ביידע זיינען מיר נאָך גאָר פרעמד"... אָבער — דער יונגער מאַמעס גליקליכער בליק און אייער ליבליכער קוק באַווייזט מיר ווי אַזוי זי העננט מיט מאַמע׳שער ליבשאַפט אָן איהר ייִנגאַלע און ווי אַזוי איהר העננט מיט אמת׳ער קינדישער ליבשאַפט אָן אייער אַמעריקאַ. און וועגען דעם האַלט איך עס שוין פאַר כדאי זיך מיט זיי ביידע נעהנטער צו באַקענען. און וועגען דעם „ג ל י י ך" איך ש ו י ן איצט א י ה ר י י נ ג אַ ל ע און א י י ע ר אַ מ ע ר י ק אַ.

ב.

ווען דו וועסט אַריינקוקען אין שפּיגעל...

...ברוך׳ל, דאָס זוהנ׳דעל פון מיין שוועסטערס טאָכטער — דערצעהלט ר׳ זרח — איז גאָר אַ וואויל ייִנגאַלע. מען קאָן זאָגען אַ חדוש׳לעך ייִנגאַלע. נאָך ניט גאַנצע זעקס יאָהר אַלט און ער איז שוין אַ גאַנצער קנאַקער אין דעם נייעם פריש־צאַפּעלדיגען „עברית־בעברית". נישט נאָר וואָס ער ווייסט, אַז אַ קליין הינטעל ווערד אָנגערופען „כלבלב" און אַ קליין קעצעל „חתולתול", אָבער ער דערצעהלט שוין גאָר אויסענווענינ אַ גאַנצע מעשה פון אַ כלבלב און אַ חתולתול. און — ער דערצעהלט די דאָזיגע מעשה מיט אַ קול׳כעל, וואָס איז ממש מחיה־נפשות, מיט אַ קינדיש מתיקות, וואָס צוגעהט זיך אין אַלע אברים.

טאַפען זיך טאַטע־מאַמע אין נחת. קוועלען שכנים און שכנ׳טעס נאָר אָן. געפעלט דאָס מיר אויך ניש־קשה׳דיג. דעם אמת געזאָגט לעגט זיך מיר, דעם אַלטען למדן, נאָך ביז היינט נישט די צונג

אָפּצוקנאַקן אַזאַ קנאַקעכטס אין לשון־הקודש. פונדעסטוועגן ווילט זיך מיר עפּעס נישט שטאַרק נתפּעל ווערן. יאָ און ניין און די וואָגשאָל וואַקלט אין מיין האַנט. מיין אביי־ורבא־קעפּל קלו־געלט אויס אַ מאָדנע נאָכקלערעכטס:

— די ערשטע משנה, וואָס מיין ערשטער גמרא־מלמד האָט מיט מיר געלערנט, איז געווען די משנה „אבדת אביו ואבדת רבו“, וועלכע געפינט זיך אין מסכת בבא מציעא, פּרק אלו מציאות. שטעהט דאָרט אויך אַזוי געשריבן: „ווען זיין טאַטע איז געגומען אין געפאַנגענשאַפט און זיין רבי איז געגומען אין געפאַנגענשאַפט, איז ער מחויב קודם אויסצולייזן זיין רבי'ן“. איז אויך אָנגעגעבן דער טעם דערפון: „שאביו מביאו לחיי העולם הזה ורבו מביאו לחיי העולם הבא“. מיינט דאָס, לויט דעם לשון פון אַ אַנדערער משנה: „וויל זיין טאַטע האָט איהם נאָר אַריינגעבראַכט אין פּרוזדור, אינ'ם פאָדערשטען חדר פון'ם פּאַלאַץ, אָבער זיין רבי פיהרט איהם אַריין אין טרקלין, אינ'ם סאַלאָן אַריין“. — קלער איך און איך קלער אויב דער רבי פון דער כלבלב־און־חתולתל־תורה איז באמת אויף אַזוי פיעל מעהר מיוחס פון זיין אייגענעם געפאַנגענעם טאַטען אויסגעלייזט צו ווערן פאַר איהם; קלער איך און איך קלער אויב עס איז גאָר שייך צו זאָגען, אַז ער פיהרט אַריין זיין תלמיד מיט אַ כלבלב און חתולתול אינ'ם סאַלאָן אַריין.

האָט אַ מאַמע אַ שאַרף אויג. דערקענט באַלד מיין שוועסטער'ס טאָכטער, אַז ביי מיר איז איהר ברוך'לס תורה עפּעס נישט כשר וישר, עפּעס נישט גאַנץ גלאַטיג. דרעהט זי זיך אַרום מיר מיט גרויס דרך־ארץ און שנאַפּט. סמיעט זי נישט מיך איבערצופרעגען. אָבער ווייסען ווייסט זי, אַז אויב איך האָב איהר עפּעס צו זאָגען וועל איך באַלד אַרויס מיט'ן לשון.

זאָג איך צו איהר אַזוי צו זאָגען: „ברוך'ל איז אַ טייער קינד, אַ תכשיט, אַ בריליאַנט. עס איז איבער איהם ממש אַ ברכה צו מאַכען. אַ געשליפען קעפּאַלע און אַ געשליפען פּיסקאַלע. אפילו גאָר וואָכענדיגע מעשה'לעך קומען ביי איהם אַרויס יום־טוב'דיג. אָבער — מיר, דעם אַלטען פעטער, וואָלט זעהר ניחא געווען, ווען ער זאָל „אָנ־הויבען חומש“, ווען מ'זאָל מאַכען אַ סעודה פאַר געלאָדענע געסט

און ער זאָל פאַר זיי האַלטען זיין דרשה, אַזוי ווי מ'איז זיך נוהג ביי ייִדען פון דור דורות."

העֶר איך ממש דאָס וואַקסען פון דער מאַמע'ס האַרץ: „אַ סעודה מיט געלאַדענע געסט און א. י. ה. ר ברוך'ל וועט פאַר זיי האַלטען אַ חרשה!"

איז דאָך ברוך'ל נישט מעהר קיין מלאפּום-קינד. פאַרט שוין אַ ייִנגאַלע פון „עברית-בעברית". לערנט מען איהם אויס — לויט מיין אָנזאָגעכטס — אויפזאָגען פאַר דעם עולם אויסענווייניג די גאַנצע ערשטע פרשה פון ספר בראשית. און זיין דרשה איז — דער ערשטער מאמר פון רש"י אויף דעם ערשטען פסוק, אין וועלכעם רבי יצחק זוכט און געפינט אַ טעם פאַרוואָס די תורה הויבט זיך אָן פון בראשית, מיט דער דערצעהלונג פון דער וועלט-באַשאַפונג, און נישט פון „החדש הזה לכם", מיט דער דערצעהלונג פונ'ם געבען די תורה אויפ'ן באַרג סיני.

איז דער גאַנצער עולם נאָר בגילופין'דיג. דאָס אויפזאָגעכטס רופט ביי איהם אַרויס אַ געוואַלדיגען רושם. יונגע ווייבלעך און גרייז-גראָהע ייִדען קושען דאָס ייִנגאַלע אויפ'ן שטערען. אָבער איך האָב מיר דערוויל אַליין „איינגעקויפט מפטיר". ווען צוליב דעם אַלטען פע-טער הויבט זיין שוועסטער'ס אייניקעל אָן חומש און ווען צוליב איהם מאַכט זיין שוועסטער'ס טאָכטער אַ סעודה מיט געלאַדענע געסט, מוז דער אַלטער פעטער צו זיך צורופען דאָס בעל-דרש'רעל און איהם זאָגען עטליכע ווערטער, וואָס זאָלען בלייבען ביי איהם אין זכרון פאַר זיין גאַנץ לעבען, און וועלכע זאָלען איינאיינוועגס זיין אַ אָנצוהערעניש פאַר די געלאַדענע געסט.

— ברוך'ל! — זאָג איך צו איהם — אַט האָסט דו היינט אָנגעהויבען צו לערנען ניש-קשה'דיגע מעשה'לעך, אָנגעשריבען אין אַ ניש-קשה'דיגען לשון-הקדש, מעשה'לעך, וועלכע געפינען זיך פאַר-שריבען אויס אַ גאָר, גאָר אַלטער צייט אין אַ גאָר, גאָר אַלט ייִדיש ספר'ל. איז אין די דאָזיגע מעשה'לעך באַהאַלטען דער סוד פון איי-ביגקייט. האָבען זיי אין זיך אַ אייגענע באַזונדערע סגולה. קליינע ייִדי-שע ייִנגאַלעך ווינען זיי תופס אין זייער גאַנצער שעהגקייט. אָבער מיט

דעם אויסוואַקסען פון די דאָזיגע ייִנגאַלעך, וואַקסען די מעשה׳לעך אויך מיט. זיי וואַקסען בײַ זיי אויס גרעסער און גרעסער ביז צו די וואונדערליכסטע מעשיות פון דער וועלט. אָט, למשל, די ערשטע מעשה וואָס דו האָסט איצט געלערנט, די מעשה ווי אַזוי גאָט האָט די וועלט באַשאַפען. פאַר דער קינדערישער השגה אַ פלאַטערנדיג בילד אין פאַרשידענע בלישטשענדיגע פאַרבען:

אַרום און אַרום פוסט און לעדיג. גאָר=נישט, מיט גאָר=נישט. טיפע פינסטערניש אויף אַ טיפען אָפגרונד. באַווייזט זיך פלוצים אַ גייסט אַרומשוועבענדיג. זאָגט ער עס זאָל ווערען ליכטיגקייט און עס ווערד ליכטיגקייט. רופט ער אָן די ליכטיגקייט טאָג און די פינסטערניש נאַכט. „און ס׳איז געוואָרען אָבענדס און ס׳איז געוואָרען מאָרגענס דעם ערשטען טאָג“. און אַזוי זאָגט ער און זאָגט זעקס טעג נאָכאַנאַנד. און ס׳באַווייזט זיך אין דער הויך אַ בלאָהע דעק, אין וועלכער עס זיינען קונציג אַרייַנגעוועבט אַ זון, און אַ לבנה, און פינקעלדיגע שטערען. און ס׳באַווייזען זיך פון אונטען ווייטע, ווייטע, טיפע, טיפע וואַסער=בעקען. און אויף דער טריקעניש, צווישען די וואַסער=בעקען, באַווייזען זיך טעפיכער מיט גרינעם גראָז און מיט פאַרצווייגטע בוימאַלעך, וועלכע זיינען פאַרציערט מיט בלעטער=קרוינען, און אין די טיפע וואסער=בעקען פלאָדזען זיך און אויף די גרינע טעפיכער קריכען אַרום לעבעדיגע באַשעפענישען... אַ יאָ, ברוך׳ל, אַ ליבליך=שעהן בילד? אָבער וואָס גרעסער דו וועסט ווערען און וואָס מעהר דו וועסט וועלען און קענען אַרייַנדרינגען אין דעם סוד פון דער יצירה, וועט דאָס בילד פאַר דייַנע אויגען בייטען די פאַרבען און זיך פאַראַנאַנדערוויקלען אין שענסטער פראַכט. דו, אַלס מענש, וועסט דיך זעהן נישט נאָר פאַר דעם מיטעלפונקט פון דער אַרום דיר געשאַפענער וועלט אָבער אויך פאַר אייַנעם, וואָס אין זיין האַנד איז געגעבען געוואָרען דער כח דאָס געשאַפענע אויסצוקנעטען און אויף איהם אַרויפדרוקען זיין אייַגענעם חותם. נאָך מעהר. ווען דו וועסט, אַלס מענש, אָפהיטען דעם „צלם אלקים“ אין זיין גאַנצער ריינקייַט, ווען דו וועסט זיין אַ „דן דין אמת לאמתו“,[1] דאָס מיינט, ווען דו וועסט וועלען און קענען דיינע מיט=מענשען באַהאַנדלען און משפט׳ען לויט דעם „אמת׳ען אמת“, וועסט דו דערגרייַכען די העכסטע

מדרגה: „דו וועסט ווערן אַ שותּף צום באַשעפער אין מעשה בראשית"....

דאָס וואָרט, ברודי'ל, האָב איך דיר געזאָגט אַלס מענש, און אַצינד נאָך אַ וואָרט אַלס ייד:

אין אַ גרויסער שטאָט פון אַ קליינער מדינה, וועלכע געפינט זיך פון יענער זייט ים, איז נישט לאַנג נפטר געוואָרן אַ „גרויסער" ייד. מיינט דאָס, אַ מענש וואָס יידען האָבען זיך מיט איהם „געגרויסט.: דער „קיניג פון די וועלט־קריטיקער", זייערער אַ אייגענער. אַ שאַרפער בעל־מח. אַריינגעדרונגען מיט זיין גאונ'ישען בליק אין די פאַרבאָר־גענסטע ווינקאַלעך פון דער מענשליכער נשמה און אַנטפּלעקט באַהאַלטענע סודות פון דור דורות.

גרויסען זיך יידען מיט איהם. און ער? —

ער דערצעהלט אַליין אַ מעשה פון זיין קינדער־צייט:

אין דער היים, ביי טאַטע־מאַמע, קיינמאָל נישט געזעהן קיין סימן פון יידישקייט. געהט ער אַמאָל מיט זיין באַגלייטערין, מיט זיין שטוב־מיידעל, שפּאַצירען. לויפען איהם נאָך גוי'אישע גאַסען־ייִנגלעך און שרייען: „ייד! ייד!" ווייסט ער נישט קיין פּתרון פון קיין חלום. פרעגט ער איבער דאָס שטוב־מיידעל. פאַרקאַכט זי איהם עפּעס אַ קאַשע. פּאַסירט דאָס איהם נאָך אַמאָל און ווידער אַמאָל. פרעגט ער ווידער איבער דאָס שטוב־מיידעל. פאַרקווענקעלט זי איהם יעדעס מאָל מיט אַנדערע באָבקעס. פאַרשטעהט ער, אַז דאָס איז עפּעס אַזוינס, וואָס זי האָט מורא איהם אַרויסצוזאָגען. קומט ער איינמאָל אַהיים און זעצט זיך אָן אויף זיין מאַמען. „זי מוז איהם זאָגען וואָס דאָס איז אַזוינס אַ ייד". שמייכעלט זיין מאַמע און זאָגט „פע, אַ מיאוס'ע בריה". שפּאַרט ער זיך אָבער איין, אַז ער וויל דוקא זעהן אַ ייד, וואָס פאַר אַ פּנים ער האָט. הויבט איהם זיין מאַמע שמייכלענדיג אויף אין דער הויך אַקעגען דעם שפּיגעל און זאָגט: „אָט קוק אָן אַ ייד!" — האָט ער זיך שטאַרק דערשראָקען.

איז איהם דאָס דערשרעקעניש פאַר זיך אַליין אויס זיין קינדער־צייט פאַרבליבען זיין גאַנץ לעבען אין אַלע אברים. האָט ער גרויסערהייט אַריינגעקוקט אין דעם וועלט־שפּיגעל פון פילע פעלקער. זיך פאַרטיפט מיט זיין שאַרף אויג אַרויסצוגעפונען דאָס פּינטאַלע, אַרום

װעלכען אַלע זײערע געשעהענישען באַװעגען זיך. אָבער דער שפּיגעל פון זײן אײגען פאָלק איז בײ איהם פאַרדעקט געװען מיט אַ געדיכטען שװאַרצען פאָרהאַנג. אַזױ װי ער זאָל האָבען מורא געהאַט אין איהם אַרײנצוקוקען. און װען ס'האָט זיך אַמאָל, שױן אין זײנע עלטערע יאָהרען, אײנער אָדער אַ צװײטער פון אונזערע שנאָפּערס צו איהם צוגעשאַרט אויף צו פרעגען בײ איהם װעגען זײן באַציהונג צו יידישקײט, איז ער געװען ממש אַ דערשראָקענער. ער האָט זיך געקװענקעלט און פאַרקאָכט אַ קאַשע ממש װי זײן שטוב-מײדעל אין זײן קינדערצײט.

קײנער קאָן איהם ניט און דאַרף איהם ניט דערפאַר באַשולדיגען. אַ ייד, װעלכער האָט אין זײן קינדהײט נישט דורכגעלעבט די יידישע אַלטע מנהגים, אין װעלכע ס'זײנען באַהאַלטען דער טויזענדער-יעהריגער צער און די טויזענדער-יעהריגע שמחה פון זײן פאָלק, זיך ניט באַקענט געמאַכט מיט די אַלטע יידישע קולטור-אוצרות און האָט אויך נישט קײן שום באַציהונג צום לעבענדיגען יידישקײט; אַזאַ ייד, װען ער קוקט אַרײן אין דעם שפּיגעל, זעהט ער פאַר זיך אַ טויטען-מאַסקע, אַ שאָטען פון אַ אײנגעקװאַרטען סקעלעט. ער דערשרעקט זיך פאַר זיך אַלײן. און אפילו, װען ער „בײט נישט אויס דאָס רענדעל“. װײל ער האָט נישט װאָס און אויף װאָס אויסצובײטען, בלײבט ער זײן לעבען לאַנג אַ „ייד-פון-שרעקעניש“.

אַזעלכע „יידען-פון-שרעקעניש“ זײנען בײ אונז פאַרהאַנען נישט-װײניגע, מיט װעלכע מיר „גרויסען“ זיך און זײ שרעקען זיך פאַר זיך אַלײן און-שרעקען זיך אויך פאַר אונז.

דו, ברודע'ל, זאָלסט אויסװאַקסען אַ גרויסער ייד מיט װעלכעס דײן פאָלק זאָל זיך גרויסען און דו זאָלסט דיך גרויסען מיט דײן פאָלק. און װען דו װעסט אַרײנקוקען אין שפּיגעל זאָלסט דו נישט נאָר זעהן דיך אַלײן, דײן אײגען באַשעפעניש, אָבער דו זאָלסט אויך זעהן הינטער דיר די גאַנצע שורה פון אונזערע הײליגע אבות און אמהות, פון אונזערע גאוני קדמאי און גאוני בתראי אויף יעדעם געביט פון קונסט, ליטעראַטור און װיסענשאַפט. און דו זאָלסט דיך באַטראַכטען פאַר אַ רינגעל, װעלכעס דאַרף זײן װערט זיך אָנצושליסען אָן דער דאָזיגער גילדענער קײט.

ג.

איישישאָק און ניו־יאָרק

... בײַ מיר, בײַ דעם ייִד דעם גרינהאָרן, וועלכער קומט ערשט ניט לאַנג פון יענער זײַט ים — זאָגט ר׳ זרח — ווילט איהר זיך דערוויסען ווי אַזוי איך זעה דאָס יידישע לעבען אין אַמעריקא?

גוט. איך בין גרייט אייך אין קורצע בילדער איבערצוגעבען דאָס וואָס איך האָב געזעהן נעכטען אָבענדס און דאָס וואָס איך האָב ערשט הײַנט בײַטאָג געזעהן:

— בראָדוויי סענטראַל האָטעל, צווייטער פלאָר.

אַ פּריצישער אַרײַנגאַנג. ניט מיט לײַבען און לעמפּערטען ווי אין „תרגום שני" אָבער מיט פאַרגילדעטע בלומענמאָהלערײַען אויף די ווענד און מיט אויסגעשפּרייטע פּליוש־טעפּיכער אויף דער בריק — ווי אין „תרגום שלשי", תרגום אַמעריקאַ.

דער גרויסער „סאַלאָן" גאָר מעשה מלכות. עלעקטרישע הענג־לײַכטער. ס׳גיסט זיך פון זיי זילבערנע ליכטיגקייט.

אַ גאַנצע מחנה משרתים פון משרתים־לאַנד. די האָר אויפ׳ן קאָפּ גלאַנצען פון אָנגעשמירטער פּאָמאַדע־פעטיגקייט. די קינבאַקען און די וואָנסעס גלאַט אָפּגעגאָלט. שוואַרצע פראַקס, פון פאָרענט אויסגעשני־טענע. שוואַרצע וועסטלאַך. ס׳זעהט זיך אַרויס בולט דער שנעע־ווייסער ברוסט־לאַץ פונ׳ם העמד.

דיזעלבע ענגלײַכטער און דיזעלבע משרתים האָבען אַ אָבענד פריהער באַשײַנט און געטענצעלט אַרום ניט זעהר שטאַרק צניעות׳־דיג האָפּקענדיגע פּאָרלעך, זכרים און נקבות. הײַנט האָבען זיי די זכיה צו באַשײַנען און צו טענצלען אַרום אַ חדוש׳לעך פרומע עדה פון יידען, מאַנסבילען און ווײַבער. הײַנט איז דאָ אַ אמת־כשר׳ע סעודה. דער משגיח אויף כשרות איז אַ בכבוד׳ער אַמעריקאַנישער רב, אַ ייד וועלכער איז מדקדק אַרומצושערען זיין גראָה בערדיל אַקוראַט לויט דעם דין אין שלחן ערוך.

די סעודה איז צוגעגרייט אויפ׳ן עכט אַמעריקאַנישען נוסח. וואָס דאָס האַרץ גלוסט. כל מיני מעדנים און כל׳ערליי מטעמים. אַרום די

באַדעקטע קיילעכיגע מאַרמאָר־טישלעך זיצען די געלאָדענע בעלי בתים מיט זייערע ווייבער, זוהן און טעכטער. און אויף אַ באַלעמער, אין דער גאַנצער לענג פון דער מזרח־וואַנד, זיצען, פאַר זייערע טיש־לעך אויסגעזעצט, די „פני", די „גרויסע טעפ באַרבאָלעס" — אין דער לינקער זייט און אין דער רעכטער זייט פון דעם „אויבערשטען שטי־סעל", פון דעם פאַרשוין וואָס פון זיין כבוד וועגען איז דער גאַנצער טאַראַראַם.

אַמאָליגע מיר׳ער ישיבה־בחורים גיבען היינט אַ „צאתך לשלום באַנקעט" לכבוד דעם ראש ישיבה פון „מיר" און זיינעם אַ חבר. און די געלאָדענע זיינען אַמאָליגע בעלי בתים פון׳ם שטעטעל מיר און פון די אַרומיגע שטעטלעך.

אויף די פרעמדע צוויי יידען, אויף די איינציגע יידען מיט ניט־באַריהרטע בערד, וועלכע זיינען פון תמיד אָן נזהר יעדע אַרויסגעפאַ־לענע האָר אַריינצולעגען אין אַ ספר, איז ממש אַ גאָטס־רחמנות. דאָס זילבערנע ליכטיגקייט פון די עלעקטרישע הענגלייכטער שווינ־דעלט זיי פאַר די אויגען. ווען אַ יידישער משרת מיט אַ געגאָלטער מאָרדע נעהנטער זיך צו זיי בויגען זיי אַראָפּ דעם קאָפּ.

דער איצטיגער מיר׳ער ראש ישיבה, דער „חתן דנן", איז פיעל יינגער פון די אַמאָליגע מיר׳ער ישיבה בחורים, וועלכע גיבען איהם היינט אָב כבוד. ער איז שוין דער צווייטער ממלא מקומו פון זייער אַמאָליגען רבי. פאַר די אויגען פון דער גאַנצער „פני־שורה" אין דער מזרח־וואַנד שוועבט די ליכטיגע צורה פון׳ם אַלטען רבי זכרונו לברכה. אַרום דער דאָזיגער צורה שטייגען אויף שאָטענס פון גע־שטאַלטען און געשעהענישען, טיעף־ערנסטע און יינגליש שטיפערישע, אויס דעם אַמאָליגען, אַזוי ווייטען און דאָך אַזוי נאָהנטען, אַזוי קליינער און דאָך אַזוי גרויסער יוגענד־צייט.

דאָס פיהלט זיך אַרויס כמעט אויס אַלע רעדען פון די „פני". די צוויי פרעמדע יידען, דער ראש ישיבה און זיין חבר, זיינען די איינ־ציגע פון זייער גרויסען זיידע. די באַשיצער פון זייערע זכרונות־רע־ליקוויען. די טרייע וועכטער פון דעם וויינגאָרטען אין וועלכען זיי זיינען געווען פאַרפלאַנצט און זיך פונאַנאַנדער־געוואַקסען.

אַנדערש איז עס בײַ די געלאַדענע עלטערע בעלי בתים און זייערע ווײַבער. אין זייער זכרון לעבט נאָך ביז הײַנט די אַלטע ישיבה מיט די הונדערטער בחורים וואָס לערנען יומם ולילה גאָט'ס תורה און אין זייער זכות האָט די וועלט אַ קיום. סתם בחורים און סתם ראש ישיבה. אַ גילדענע קייט וועלכע ציהט זיך פון דור־דורות ביז אין אייביגקייט. דער ייד מיט דער לאַנגער באָרד און מיט דעם אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ, וועלכער זיצט אין דער מיטען פון דער „פּני־שורה" אין דער מזרח־וואַנד, אין ז י י ע ר ראש ישיבה און די בחורים פאַר וועלכע ער בעט אַ געלד־אָפּלעזונג פאַר די אַמאָליגע „טעג" זיינען ז י י ע ר ע בחורים, וועלכע „לערנען יומם ולילה גאָט'ס תורה און אין זייער זכות האָט די וועלט אַ קיום".

ווען דער „טשערמאַן" פון'ם „באַנקעט", מיסטער גדליה בובליק, האַלט זיין גרויסע דרשה זיצט בײַ אַ טישעל אַקעגען איהם אַ עלטערע יידענע מיט אַ טיכעל אויפ'ן קאָפּ — שפּעטער האָט מען מיר גע־זאָגט אַז דאָס איז אַ אלמנה נאָך אַ מיר'ער שוסטער, וועלכער האָט צווישען מנחה און מעריב אין דעם שנײַדערישען שוהל'כעל געלערנט מיט יידען „עין יעקב" — און לאָזט פון איהם קיין אויג ניט אַראָפּ. זי קוקט איהם אין מויל אַרײַן. כאַפּט בײַ איהם אויף יעדעס וואָרט און קײַעט עס איבער שטילערהייט מיט איהרע ליפּען. ווי אַזוי ס'זיינען בײַ איהר אַרויסגעקומען די פון איהר אויפגעכאַפּטע און מיט איהרע ליפּען איבערגעקײַעטע ווערטער „קאַפּיטאַל אין רוים", „פּאַנ־טיום" און „פּילאַטוס" — וויים איך ניט. אָבער ווען ער האָט גערעדט וועגען די הונגערנד'גע מיר'ער ישיבה־בחורים האָבען זיך באַוויזען צוויי גרויסע טרעהרען אין איהרע האַלב־אויסגעלאָשענע אויגען. און ווען ער האָט געזאָגט אַז יעדער ייד און יעדע יידענע קען פאַר בלויז הונדערט און פיער און פיערציג דאָלאַר אַ יאָהר, דאָס מיינט פאַר צוועלף דאָלאַר אַ חודש, זיך „דינגען" אַ ישיבה־בחור אויף צו לערנען פאַר איהם תורה, איז די דאָזיגע יידענע געווען די ערשטע, וועלכע האָט, איבערקײַענדיג די צאָהל פון די דאָלאַר, אַרײַנגעשטעקט איהר האַנד אין איהר בוזעם, אַרויסגעשלעפּט אַ לעדערנעם־בייטעלע, וועלכעס האָט געהאָנגען אויף אַ שנירעל אַרום איהר האַלז, אויפגע־ציליעט דאָס בײַטעלע, אָבגעצעהלט מיט ציטערדיגע הענד דעם סכום

פּאַר אַ גאַנץ יאָהר, און איהם מיט גלאַנצענדיגע אויגען איבערגע־געבען דעם „טשערמאַן".

אַ ייד וועלכער זיצט אין מיין לינקער זייט, דאַכט זיך אַ ייד מיט אַ קאַלט לעבער׳ל, אַ מוח־ייד וואָס זיין האַרץ איז שוין פאַרפּאַנצערט און ער דאַרף שוין הערען דאָס דונערן פון שווערע קאַנאָנען אויף נתפּעל צו ווערען, דערצעהלט מיר דערביי אַ מעשה אויס אַ גאָר אַלטער צייט:

אין פריהערע יאָהרען האָבען די יידישע קהלות אין די מדינות פיהם און מורביא (בעהמען און מעהרען) געהאט אַ שם אויף דער וועלט מיט זייער לומדות און גאָטעספורכטיגקייט און מיט זייערע גרויסע ישיבות. אַזוי איז געווען אַ באַריהמטע ישיבה אין ניקלשפורג אין דער צייט פונ׳ם גאון „רבי שמעלקא ניקלשפורגער", אַ באַקאַנטע גרויסע ישיבה, אין לייפּניק אין דער צייט פון דעם גאון רבי ברוך תאומים פרענקעל און שפּעטער נאָך אין דער צייט פונ׳ם גאון רבי שלמה קוועטש. די גרעסטע און באַריהמטעסטע ישיבה איז אָבער געווען אין באָסקאָוויטץ אין דער צייט פונ׳ם גאון רבי נחום טריביטש, דער מחבר פונ׳ם „כסף משנה" אויפ׳ן „יד החזקה" פונ׳ם רמב״ם. די קהלה איז געווען פול מיט יראים ושלמים. און מיט דעם למדנות און יראת שמים פון די דאָרטיגע ישיבה־בחורים האָט געקלונגען אַ האַלבע וועלט. פיהלט זיך גראָד דער פרנס, דער גרעסטער גביר פון דער שטאָט, נעביך ניט גאַנץ אין בריאות הגוף. ס׳איז פאַר איהם שווער צו פאַסטען אַכט וואָכען כסדר מאָנטאָג און דאָנערשטאָג אין „שובבי״ם־ת״ת", דאָס מיינט די סדרות שמות, וארא, בוא, בשלח, יתרו, משפטים, תרומה, תצוה. רופט דער גביר צו זיך דעם פרומסטען ישיבה־בחור, גיט ער איהם גאָר אַ גרויסע מטבע „אגרא דתעניתא" און ער איז גאַנץ באַרוהיגט. „דער ישיבה־בחור וועט שוין פאַר איהם פאַסטען". האָט דאָך קודשא בריך הוא באַשאַפען אַ יצר הרע. שפּיגעלט זיך דער בחור אין דער גרויסער מטבע, וועלכע ער האָט דאָס ערשטע מאָל אין לעבען באַקומען אין זיין האַנד. האָט ער זיך דאָך שוין אַ לאַנגע צייט ניט איבריג זאַט געגעסען. כאַפּט ער זיך אַריין, גראָד אין דעם ערשטען מאָנטאָג פון „פרשה שמות", אין אַ רעסטוראַציע, און הייסט זיך געבען אַ גאַנצע סעודה, ווי ביי

אַ גביר'ישער חתונה: פיש און יויך און געבראָטענס. ווערט דער גביר דערפון געוואָהר, ווערד ער „אָנגעפילט מיט כעס און מיט חימה", שפרינגט ער באַלד, מיינע שונאים, אויס דער הויט. לאָזט ער איהם רופען צום ראש ישיבה. טענה'ט דער בחור אין פולער תמימות: „מיין שליחות האָב איך געטהון בשלימות. דער פרנס האָט מיך גע־דונגען פאַר איהם צו פאַסטען האָב איך טאַקי פאַר איהם געפאַסט, אָבער פאַר מיר האָב איך געגעסען."

— וועט דער מיר'ער ישיבה־בחור — ענדיגט דער ייד מיט אַ קאַלטען שמייכעל אויף די ליפען — פאַר דער יידענע לערנען און פאַר זיך געהניצען?

— מיר ;— זאָג איך צו דעם ייד שוין אַ ביסעל פאַרדריסלעך — וועט איהר מיט אייערע רייד ניט מחלל זיין די קדושה פון דעם גע־זעהענעם. איך ווייס אַז פון איישישאק ביז נויאָרק איז אַ מרחק רב. איך ווייס אַז ווען מ'זאָל די אַלע אַמאָליגע תלמידים פון דער מיר'ער ישיבה פרעגען אויב זיי ווילען אַז מ'זאָל די מיר'ער ישיבה אין איהר גאַנצער אַלטער פאָרם אריבערפיהרען קיין נויאָרק, וואָלטען זיי שווער, זעהר שווער מסכים געווען. יוסף הצדיק איז ניצול געוואָרען פון אַ עבירה, ווען ס'האָט זיך פאַר איהם באַוויזען די צורה פון זיין כנען'ער טאַטע. פונדעסטוועגען איז מצרים ניט כנען. אין מצרים האָט ער שוין „געקענט שבעים לשון". אָבער איך בין געריהרט פון די גרויסע טרערען וועלכע האָבען זיך באַוויזען אין די אויגען פון דעם מיר'ער שוסטער'ס אלמנה ווען זי האָט געהערט אַז איהר'ס אַ בחור פון איהר ישיבה הונגערט, און פון דעם גרויסען קרבן וואָס זי האָט מיט צי־טערדיגער פרייד געבראַכט איהם צו זעטיגען. און איך וויל גאָר ניט נאָכקלערען אויב דער מיר'ער ישיבה־בחור וועט „פאַר זיך געהניצען".

*

און נאָך אַ קורץ בילד:

— אַ ייד אַריבער שבעים מיט'ן זיידענעם קאַפעל אויף די גע־קרייזעלטע זילבער־ווייסע האָר־לאָקען פונ'ם קאָפ. אַ הויכגעוואַקסענער ייד מיט נאָך ניש'קשה'דיג אויסגעפילטע באַקען, מיט אַ ברייטען שטערן און בליצענדיגע אויגען; זיין נאָמען איז צבי הירש מאַסליאַנסקי און

ער איז אין זיין יוגענד אויך געווען אַ בחור אין דער מיר'ער ישיבה. דערציילט ער אַז דער משגיח האָט איהם אַמאָל, אין אַ שבת נאָכמיטאָג, „געכאַפּט“ ביים לערנען מיט די חברים תנ"ך מיט מענדעלזאָהנ'ס ביאור. שטעהענדיג דערנאָך פאַר'ן ראש ישיבה, מיט אַ אַראָבגעבויגענעם קאָפּ, ווי אַ „חוטא“, האָט איהם דערפאַר דער ראש־ישיבה, אַ ווינציג יידעל מיט שאַרף־בליקענדיגע גרויסע אויגען, ספק ברוגז'לעך און ספק גלעטענדיג, דערלאַנגט מיט זיין קליין הענדטעל אַ פּעטשיל איבער דער לינקער באַק. אין שפּעטערע יאָהרען ווען הירש'אַלע, דאָס ישיבה־בחור'ל, איז שוין געוואָרען אַ „מאַסליאַנסקי“, דער באַריהמטער פאָלקס־דרשן פאַר שיבת־ציון, האָט ער זיך צונויפגעטראָפען מיט זיין געוועזענעם מיר'ער רבי ביים לאָדזער רב, ביי רבי אליהו חיים מייזעל, אין שטוב. האָט דערזעלבער ראש ישיבה אַרומגענומען מיט זיינע קליינע הענדטאַלעך „זיין הירשאַלע“ און אויף דערזעלבער באַק, אויף וועלכער ער האָט אַמאָל געפּעטשעלט, האָט ער איהם איצט „אויפגעדריקט“ אַ האַרציגען קוש.

מיין שכן, דער ייד מיט'ן קאַלטען לעבער'ל, האָט צו מיר געוואונקען אַריבער צו קוקען צו אונזער שכנות'דיג טישעל. דאָרט האָבען זיך צוויי אַלטע ווייבער, אַמאָל אין דערזייערע געוועזענע „געשוואוירענע“ חבר'טעס, בגנבה איינאַנדער געשטויסען מיט די עלענבויגענס און דאָס ביסעל פאַראַלטעטע בלוט קומט זיי אין פּנים אַריין: „דאָס איז דאָך דער שעהנער הירש'אַלע מיט די געקרייזעלטע האָר, וועלכען אַלע מיר'ער מיידלעך האָבען נאָכגעקוקט!“ — איך אָבער בין געווען פאַרטראַכט אין מיינע מחשבות איבער דער באַציהונג פון די אַמאָליגע תלמידים צו זייער רבי'ן און פונ'ם אַמאָליגען רבי צו זיינע תלמידים.

*

מיין מוח אָנגעפילט מיט בילדער פונ'ם נעכטיגען אָבענד און מיט פאַרשידענע זכרונות אויס דעם לעבען און וועבען אין די אַלטע ישיבות — ענדיגט ר' זרח זיין היינטיגען שמועס — קום איך היינט פאַרמיטאָג אין דער גרויסער ישיבה, וועלכע ווערד אָנגערופען אויפ'ן נאָמען פון רבי יצחק אלחנן. וואָס איך האָב דאָרט געזעהן און

געהערט וועל איך אײַך אין אַ שפּעטערער צייט בהרחבה דערציילן. איך האָב געהערט אַלטע לידער פון „נייע פויגעל“, געזעהן שעהנ־קייט פון נויאָרק אין געצעלטען פון אײַשוישאָק. אָבער אײן געדאַנק האָט מיך כסדר געפּלאָגט און איך האָב מיך בשום אופן פון איהם ניט געקענט באַפרײַען: אינ'ם יידישען אַמעריקא זענען פאַרהאַנען דריי פאַרטײַען רעפאָרמער, קאָנסערוואַטיווע און אָרטהאָדאָקסען. אַמע־ריקא איז אַ מדינה פון פאַבריקען. זיינען פאַרהאַנען אין סינסינעטי און אין נויאָרק צוויי פאַבריקען פאַר רעפאָרם־ראַביים, געפינט זיך אין נויאָרק אַ פאַבריק פאַר קאָנסערוואַטיווע ראַבינער. און מיין האַרץ פלאַטערט און אַלע מײַנע אברים ציטערן ביי דעם געדאַנק אַז ס'קענען חלילה פון די נויאָרקער ישיבות ווערען — סתם רבנים־פאַבריקען.

ד.

פאָהרט אַ ייד אויפ'ן ים...

אין אַ מוצאי שבת, בײַ דער מלוה מלכה, זיצט ר' זרח, צווישען זיינע לאַנדסלײַט, שטאַרק פאַר'מחשבה'ט. און ווען זיי בעטען ביי איהם אַז ער זאָל זיי נאָך עפּעס איבערגעבען פון דעם וואָס ער האָט געזעהן אין זײַן נײַער מדינה גלעט ער זיך מיט דער רעכטער האַנד איבער'ן שטערען. און — באַלד דערציילט ער אַ מעשה, וועלכע האָט זיך געטראָפען מיט צוויי חדוש'ליכע יידען אין פאַרשידענע צייטען, און ווי אַזוי די בײַדע פאַרשידענע יידען האָבען זיך ביי דעמזעלבען טרעפעניש פאַרשידען נוהג געווען:

.1

— געווען אַמאָל אַ ייד אַ רעכטשאַפענער און אַ גאָטספורכטיגער. איז אָבער דער האַזיגער ייד גאָר אַ חדוש'ליכער פאַרשוין. ווען זײַן „גאָט אין הימעל, וועלכער האָט באַשאַפען דעם ים און די יבשה“, בעט איהם אויספיהרען אַ שליחות, אַנטלויפט ער פאַר איהם — פון דער יבשה אויפ'ן ים.

בּרעכט פּלוצים אויפ׳ן ים אויס אַ מורא׳דיגער שטורם־ווינד. קעהרען די כוואַליעס וועלטען. אויף זייער רוקען הויבען זיי יעדע רגע די שיף אין דער הויך און וואַרפען זי צוריק אַראָפּ. אָט, אָט געהט די גאַנצע שיף אונטער. שוין אַריינגעוואָרפען האָט גאַנצע שיף־געפּעק אין ים אַריין. שוין אַריינגעוואָרפען אויך דעם ייד׳ס טלימעקעל מיט טלית און תפלין. און דער ים קיהלט זיך ניט. ער פּינעט, ער בּרויזט, ער אַרבּייט מעשים. די סכנה ווערד פון רגע צו רגע גרעסער. אַלע שיפסמאַטראָזען זאָגען שוין מיט קלאַפּענדיגע ציין זייער ודוי. אָבער דער דאָזיגער ייד, דער חידוש׳ליכער פּאַרשוין, קלויבּט זיך אויס רוהיג, קאַלטבּלוטיג, אַ ווינקאַלע אויפ׳ן שיף, שטרעקט זיך דאָרט אויס נאַזענדיג, לעגט זיך די ווייכע דלאָניעס פון זיינע בּיידע הענד צוקאָפּענס, און ווערד גאַנץ געשמאַק אַנטשלאָפען.

דערזעהט דאָס דער שיפס־קאַפּיטאַן, לויפט ער צו דעם דאָזיגען פּאַרשוין. וועקט איהם אויף און שרייט אויף איהם אָן בּרוגז׳לעך און בּעט זיך בּיי איהם רחמים:

— ווי אַזוי שטרעקט זיך דאָס אויס אַ מענש בּיי אַזאַ מורא׳דיגער סכנה און שלאָפט זיך גאַנץ רוהיג?! שטעה תיכף אויף און זאָג אויך דיין ודוי, אפשר וועט זיך השם יתברך אויף אונז מרחם זיין.

ריהרט ער זיך ניט פונ׳ם אָרט. געהנעצט ער און זאָגט:

— איך קען ניט און דאַרף ניט זאָגען קיין ודוי. איך אַנטלויף פון גאָט.

וואַרפט מען בּאַלד גורל צו וויסען אויף וועמען דער ים איז אַזוי אין כעס. פאַלט דאָך מסתמא דער גורל אויף דעם דאָרט אין ווינקעל נאַזענדיג אויסגעשטרעקטען פּאַרשוין. רינגעלט מען איהם אַרום. שיט מען איהם אָפּ מיט כל׳ערליי אויספרעגעכטס. מ׳וויל וויסען וואָס זיין בּאַשעפטיגונג איז, פון וואַנעט ער קומט איצט, ווי אַזוי זיין לאַנד ווערד אָנגערופען און פון וואָס פאַר אַ פאָלק ער שטאַמט אָפּ. און ווען ער ענפערט גאָר ניט אויף די אַלע שאלות, נאָר כדי פון זיי פּטור צו ווערען זאָגט ער:

— איך בּין איינער פון די וועלכע וואויהנען אין דעם לאַנד וואָס מ׳רופט „עבר" און מיין גאָט איז דער גאָט אין הימעל, וועלכער האָט בּאַשאַפען דעם ים און די יבשה.

הויבט זיך בײַ זײַ אָן אַ נײַע שאלה:

— ווי פּאַלסט דו אוים אַזוינס צו טהון? וואו אַהין קען מען דאָס אַנטלויפען פאַר אַזאַ גרויסען גאָט?!

שטרעקט זיך דער פּאַרשוין נאָך מעהר ווי פריהער אוים. לעגט ער זיך ווידער בײדע ווייכע דלאָניעס פון זיינע הענד צוקאָפּענס, און זאָגט גאַנץ נאָכגעלאָזט:

— טענ'הט ניט אַזוי פיל אײַן. הויבט מיך אויף און וואַרפט מיך אין ים אַרײַן, אַזוי וועט דער ים תיכף שטיל בלייבען. איך וויים אַז זײַן גאַנצער כעס איז נאָר וועגען מיר.

די ים־פיש זיינען שוין פון תמיד אָן מיט דעם רבונו של עולם ניט שוה־בשוה. ווען זיי זאָלען ניט זײַן שטום וואָלטען זיי זיך שוין לאַנג מיט איהם אויסגע'טענה'ט: „סטייטש! זײַ האָט ער געלאָזט גאָר אויף הפקר. די גרעסערע שלינגען אײַן די קליינערע און ס'איז לית דין ולית דיין!" דערוויסען זיי זיך איצט אַז פון דער יבשה איז צו זײַ אָנגעקומען אַ פּאַרשוין, וועלכער „אַנטלויפט פאַר גאָט". דער־וועקט זיך בײַ זיי דאָס אַלטע, פון דור דורות פאַרבאָרגענע, תרעומות. פרעהען זיי זיך: „געקומען אַ גענאָסע!" ווילען זיי ווייזען אַז זיי זיינען אויך ניט אַבי־ווער. לויפט אָן אַ גרויסער פיש. בלאָזט ער זיך אָן גאווה'דיגג: „ער איז גרייט דעם גענאָסע בײַ זיך צו געבען אַ באַהעלטע־ניש. בײַ איהם וועט דעם גענאָסע גוט זײַן ווי בײַ דער מאַמע אין בויך." שלינגט ער איהם אײַן אַזוי ווי ער שטעהט און געהט, מיט דעם אָנגע־טהועכטס און מיט די שטיוועל. נאָר וואָס דער קאַפּעלוש און די יאַרמולקע האָבען געפעהלט. בײַם אַראָפּ־פורצלען פונ'ם שיף אין ים אַרײַן, זיינען זיי פון זײַן קאָפּ אַראָפּגעפאַלען.

פאַרווײלט דער דאָזיגער חידוש'ליכער ייד אין זײַן באַהעלטעניש גאַנצע דרײַ טעג און דרײַ נעכט.

לעבט אין דער התחלה דער ים־פיש, דער בעל הבית פון דער בויך־דירה, מיט זײַן אורח גאָר ברידערלעך, פּיסקעל אום אַ פּוסקעל. זיי טײַלען זיך ממש מיט'ן ביסען. ס'טרעפט זיך גאָר אַמאָל אַז ווען דער ים־פיש דערווישט אַ אויסגעפרעסען קאָלפּאַקעל, אַ פעט־בייכיג נפש'ל, דושיבעט ער דערפון אָפּ נאָר דעם קאָפּ און דעם עק, און זײַן אורח גיט ער אַוועק דאָס מיטעל שטיק. דער ים־פיש

קוועלט גאָר אָן צוהערענדיג ווי זיין אורח, דער פון גאָט אַנטלויפענדיגער פאַרשוין, גאָר ניט פרעגענדיג און ניט פרופענדיג, יאָ סנפיר און קשקשת, ניט סנפיר און קשקשת, כּאַלאַסעט אויף בּיידע בּאַקען. ער בּאַלעקט זיך נאָך גאָר מיט דער צונג די ליפּען.

ווערד אָבער דער ים־פיש פלוצים גאָר מבולבל: דער דאָזיגער אורח, דער פאַר גאָט אַנטלויפענדיגער, דער דג־טמא פרעסער, שטעלט זיך בּיי איהם אין בּויך פלוצים אויף, שטעלט זיך מיט די שטיוועל אויף זיינע געדערים, פאַרגלעזט די אויגען אַרויף צום „דרויסענדיגען" הימעל, און אָהן אַ היטעל אויפ'ן קאָפּ און אָהן טלית און תפלין, הויבּט ער אָן צו דאַווענען. מיט דעמזעלבּען גאָט פאַר וועלכען ער האַלט נאָך אין איין אַנטלויפען, ווערד ער גאָר אַ שמעלקא שבשמעלקא. ער דאַרף צו איהם ניט דאָס אַלטע סדור'ל. ער מאַכט זיך אַ אייגענע תפלה, און ער פאַרקלאָגט נאָך גאָר פאַר איהם אַנדערע, אַז יענע זיינען „משמרים הבלי שוא", „היטען אָב ניכטיגע זאַכען."

מאַכט דער ים־פיש מיט זיין חידוש'ליכען „גענאָסע" ניט קיין סך מחוקות. רוקט ער זיך צו צום בּרעג. שטעקט ער זיך אַריין אין דעם פּיסק זיין עק, אויף אָפּצובּרעכען. און — שפּייט איהם אויס אויף דער יבשה.

*

קום איך אין דעם היינטיג־וואָכיגען זונטאָג־פריה אין אַ „טעמפּעל" פון די אַזוי גערופענע „יאַהודים", וועלכע דאַווענען אָהן דעם היטעל אויפ'ן קאָפּ, אָהן טלית און תפלין און אויס אַ גאַנץ ניי־סדור'ל. זיפץ איך בּיטערליך: — אַ גאָט'ס רחמנות אויף די קינדער און קינדסקינדער פון דעם „אויסגעשפּיגענעם" ייד. דאַכט זיך יידען ווי אַלע יידען. „רעכט־שאַפענע און גאָט־פירכטיגע". אָבער אָנגעזאַפּט מיט פּיש־בּלוט. ס'פעהלט זיי דאָס אמת'ע יידישע התלהבות. זייערע, פון זיי אַליין, אין אַ פרעמד לשון, פאַרפאַסטע תפלות, זיינען קאַלטע, איינגעפרוירענע. אויך זייערע שירות ותשבחות זיינען אויסגעבּאָרגטע, פּראָסטיגע. אין זייער „דריי טעג און דריי נעכט בּאַהעלטעניש" האָבּען זיי פאַרגעסען אַז — אַ ייד, אַ גאַנצער ייד, צו זיין, מיינט ניט אַרויסצוברעכען דאָס טייערסטע רינגאַלע פון אונזער אַלטער קייט, ניט איבּערצובּייטען אונזער לשון און אונזערע מנהגים, וועלכע מיר האָ־

בען גע׳ירש׳ט פון אונזערע ווידעס און עלטער=זיידעס, אויף אַ נײַ לשון און נײַע מנהגים, וואָס אין זיי פעהלט אונזערע=פון=דור=דורות=באַהאַלטענע=נשמה=וואַרמקייט.

.2

אין אַ שפּעטערער, אין גאָר אַ שפּעטערען צייט, פאָהרט ווידער אַ ייד אויפ׳ן ים. איז דער דאָזיגער ייד אויך אַ חדוש׳ליכער פאַרשוין. ער איז רעכטשאַפען. אָבער פיעל מעהר וויפיל ער איז גאָט=פ ו ר כ=ט י ג, האָט ער איהם ל י ע ב. ער „ליעבט איהם מיט זיין גאַנצען האַרץ, מיט זיין גאַנצער נשמה און מיט אַלע זיינע כחות“. זיין גאָט האָט איהם ניט איבערגעגעבען קיין שום שליחות, אָבער ער באַטראַכט זיך אַליין פאַר אַ פון=איהם=אויסדערוועהלטען אויף צו טהון זיין ווילען. אויך ער אַנטלויפט. אָבער ער, אַנטלויפט ניט פ אַ ר גאָט נייערט ער לויפט צ ו איהם. ער אַנטלויפט פאַר די נײַע „וועלט=גליקליך=מאַכער“ פון זיין לאַנד, וועלכע ווילען איהם צווינגען צו „אַנטלויפען פאַר גאָט...“ ער לויפט אין אַ פרייער מדינה פון יענער זייט ים, וואו ער וועט זיך קענען „אָן זיין גאָט פריי באַהעפטען“ דורך תורה און מעשים טובים.

איז דער ייד אָנגעשטאָפט מיט תורה, מיט תלמוד בבלי און תלמוד ירושלמי, מיט ספרי און ספרא, מיט תוספתא און מכילתא, חוץ דראָבניסקעס: ראשונים און אחרונים. האָט ביי דעם ייד תפלה, וואָס איז „חיי שעה“, ווייניגער חשיבות פון תורה, וואָס איז „חיי עולם“. קלויבט ער אויס אַ ווינקעלע אויפ׳ן שיף, כאַפט ער אויף זיך טלית און תפלין, זאָגט ער ראַש פסוקי דזמרה, ווערד ער באַלד פאַרטיג מיט קריאת שמע און שמונה עשרה, טהוט ער זיך אָן רבינו=תם׳ס תפלין נעמט ער אַרויס פונ׳ם טלומעקעל אַ מסכתא און לערנט. ברעכט גראָד אויס אַ שטורם=ווינד אויפ׳ן ים ווען ער איז פערטיעפט אין דער סוגיא פון „תקפו כהן“. הערט ער אפילו אין דער התחלה דעם ים „ווי דעם קאַטער“, אָבער ווען ער באַוויזט ווייטער זיינע ווילדע שטורשקאַלעך און טרייסעלט מוראדיג מיט איהם און מיט דער

מסכתא, ווערד ער שוין אויף איהם אין כעס פאַרוואָס ער איז איהם מבטל פונ'ם לערנען. און ווען דער שיפסקאַפּיטאַן נעהנטערט זיך צו איהם און וויל איהם עפּעס זאָגען, הערט ער איהם ניט אַמאָל רעכט צו. אָבער ער כאַפּט דעם זילבערנעם שטעקען, און אַזוי ווי ער שטעהט און געהט, אָנגעטהון אין טלית און תפלין, לויפט ער צו צום ברעג פונ'ם שיף, הויבט ער אויף דעם שטעקען אַקעגען ים (ס'איז גראָד געווען דער ים אוקינוס) און זאָגט אַזוי צו זאָגען:

— הערסט דו, דו ים אוקינוס! ווערסט דו בלייבען שטיל, אַזוי שווייג איך אויך. טאָמער אָבער פאַרגלוסט זיך דיר ווייטער צו פילדערן און ליאַרמען, אַזוי באַווייז איך דיר אויס אַ מאמר אין תלמוד ירושלמי, פון וועלכען ס'איז געדרונגען, און אויס אַ מאמר אין מכילתא, אין וועלכען מ'שטעהט בפירוש, אַז דו ביזט גאָר קיין ים נישט נאָר אַ פּשוט'ער טייך און דו האָסט כלל וכלל קיין רעכט ניט אויפצוטרייסלען אַ שיף מיט דיינע כוואַליעס!!!

*

גערקומען דער דאָזיגער חידוש'ליכער ייד אויף דער יבשה — דערצעהלט ר' זרח ווייטער — הערט ער אַז אַ „קונדס" טרייבט דאַריבער ליצנות, כדי דעם עולם לאַכענדיג צו מאַכען. דער קונדס דערצעהלט אַז די ים־פיש האָבען געמאַכט אַ גאַנצע רעוואָלוציע. דער קונדס דערצעהלט, „אַז אַ ייד מיט טלית און תפלין און אָנגעשטאָפּט מיט אַזאַ שווערען תורה־געפּעק, האָט קיינער פון זיי נישט געוואָלט פאַרשלינגען. דורכדעם האָט דער ים געמוזט בלייבען שטיל":

הערט דאָס דער ייד און לאַכט אַליין אויך מיט.

הערט דער ייד שפּעטער אַז אַ פּראָפעסאָר פון יידישען קאָלעדזש האָט דאַריבער געהאַלטען אַ לעקציע אויף נאָכצווייזען, „לויט דער נייעסטער שפּראַך־פאָרשונג" אַז דער פּשט אינ'ם ירושלמי־מאמר איז גאָר אַ אַנדערער און אַז אין אַ סך אויסגאַבען פון דער מכילתא איז פאַרהאַנען אַ גאָר אַנדערע גירסא, אין וועלכער דאָס וואָרט „אוקינוס" קומט גאָר ניט פאָר":

הערט דער ייד דאָס און האָט גאָר הנאה דערפון: „די תורה האָט קיין גרונד ניט."

אָבער ווען מ'זאָגט איהם, אַז ס'געפינען זיך אַ טייל מענשען וועלכע האַלטען איהם פאַר אַ בעל מופת, ווערד ער אָנגעצונדען פאַר כעס: —

— ניט איך בין אַ בעל מופת און ניט מיין טאַטע איז געווען אַ בעל מופת. „עושה נפלאות לבדו". נאָר דער איינציג־איינציגער קען באַווייזען מופתים!

*

— אַ פאַרביסענער מתנגד — זאָגט ר' זרח ווייטער — דער דאָזיגער ייד. נאָך איינער פונ'ם אַלטען ווילנער גאון'ס חדר. ווען איך האָב מיך מיט איהם דינסטאָג פאַרנאַכט גראָד באַגעגענט אויף „איסט־סייד" און האָב מיט איהם געזאָלט אַריינגעהן אין אַ חסידיש־קלייזעל אויף צו דאַווענען מנחה און מעריב בצבור, איז ער פלוצים געוואָרען ממש אַ „אָפגעבריהטער":

— זייער שוועל טרעט איך ניט אַריבער... די „איי־ניקלעך און אייניקלעך פון אייניקלעך", וועלכע האָבען זיך, אין דער לעצטער צייט, פאַרשפרייט אין דער נייער מדינה ווי די הייַשריקען, פאַרטונקלען דאָס ליכטיגקייט פון אונזער אמת'ער יידישקייט... זייער התלהבות איז אַ שטרוי־פייער. ס'סמאָלעט, אָבער — ס'וואַרעמט ניט...

און ווען איך האָב געפרופט איהם צו באַווייזען זייערע גרויסע מעלות האָט ער זיך אויף אַ הויכען קול צולאַכט:

— אַריינגע„שמוגעלט" קיין אַמעריקאַ „טריפה'נע סחורה"... מעזשביזשער חסידות ביי אַמעריקאַנישע יידען זעהט אויס ווי אַ אַלטער אויסגעקראָכענער ספאָדעק אויף דעם מיט פאָמאַדע־אָנגעשמירטען קאָפּ פון אַ פאַרשוין אַ גלות. ביי וועלכעם ס'זענען אפילו די וואָנסעס אָפּגעגאָלעט, און ער איז אָנגעטהון אין אַ שוואַרצען „פראַק" און אין גלאַנצענדיגע לאַק־שוך.

ביי זיינע לעצטע ווערטער — זאָגט ר' זרח — האָב איך אַליין אויך געמוזט לאַכען...

אינהאלט.

I.

זכרונות פון מיין יוגענד־צייט

1) א מומחה אין טערפקע מליצה . . . . 5—12

2) דער זאַלאָזעצער . . . . 15—12

3) איך און ער . . . . 15—19

4) ער זוכט פאַר מיר אַ תכלית . . . . 19—25

5) די מאַמע און דער זוהן פאָהרען אָנקוקען אַ כלה . . . . 25—28

6) נאַ דיר אַ לאַשקאָוויץ, נאַ דיר אַ יריד . . . . 28—31

7) דעם פריץ'ס איידעם . . . . 31—34

8) איך און אונזער הויפלעהרער . . . . 34—42

9) מיט מיין שוועהר ביים טשאָרטקאָווער רבי . . . . 42—47

10) אַ געפעפערטער מופת . . . . 47—53

11) געקוואָקעט אויף אַ משכיל . . . . 53—62

12) אָפגעטהון זיך פון מיר די שכינה . . . . 62—66

13) ביי אברהם גאָלדפאַדען . . . . 66—77

14) א קאַלט גלאָז וואַסער אויף מיין צוהיצטען קאָפ . . . . 77—82

15) אין קעלער . . . . 82—85

16) צו וויט פאַרקראָכען . . . . 85—100

II.

בלעטער פון מיין פנקס.

1) הירש'ל זאַווערעכע . . . . 3—30

2) דעם חזנ'ס טאָכטער . . . . 31—43

3) וויענער אויפצייכענישען: א) אני שלמה; ב) וויענער ראָט־שילדס און קאָלאָמייער טליתים ארבייטער; ג) אויסגע־ניכטערט; ד) קיילעכדיגע סידור'ל אותיות; ה) דער זולל וסובא'ניק . . . . 43—72

4) אַמעריקאַנישע אויפצייכענישען: א) דער אַלטער פעטער; ב) ווען דו וועסט אַריינקוקען אין שפיגעל; ג) איישישאָק און ניו־יאָרק; ד) פאָהרט א ייד אויפ'ן ים . . . . 72—94